STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07525

UNDZER KULTUR HEMSHEKH

Falek Zolf

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אונדזער קולטור בויער

עסייען

פֿון

פֿאַליק זאָלף

וויניפּעג, קאַנאַדע
1956

UNDZER CULTUR HEMSHECH

OUR ETERNAL CULTURE

(ESSAYS)

By

FALEK ZOLF

COPYRIGHT BY THE AUTHOR
1956

PRINTED BY UNIVERSAL PRINTERS
WINNIPEG, MANITOBA - CANADA

פריידע רחלען —
מיט ליבשאפט

אינהאלט

1. דער געשיכטעלעכער גאנג פון אונדזער אלט־נייער ליטעראטור:

אריינפיר — — — — — — — — 7

א. תורת משה — — — — — — — 8

ב. נביאים און כתובים ליטעראטור — — — 17

ג. די תלמודישע ליטעראטור — — — — 22

ד. די העברעישע ליטעראטור אין דער שפאנישער גאָלדענער תקופה — — — — — — 28

ה. די ליטעראטור פון די "חכמי לותר" — — 29

ו. די רבנישע ליטעראטור — — — — — 30

ז. די קבלה ליטעראטור — — — — — 31

ח. די השכלה ליטעראטור — — — — — 33

ט. די חסידישע ליטעראטור — — — — 36

י. די היינטיקע יידישע ליטעראטור — — — 38

2. י. ל. פרץ — דער ניגון פון דורות — — — — 41

3. אברהם רייזען — — — — — — — — 61

4. חיים־נחמן ביאליק — — — — — — — — 77

5. למד שפירא — — — — — — — — 89

6. ז. סעגאלאָוויטש — — — — — — — — 111

7. פרץ הירשביין — — — — — — — — 123

8. מאני לייב — — — — — — — — 139

9. דוד איגנאטאָוו — — — — — — — — 147

10. יוסף אפאטאשו — — — — — — — — 181

11. י. י. שווארץ — דער דיכטער פון "קענטאָקי" — — 195

הקדמה

דער לייענער פון די דאָזיקע ליטעראַרישע עסייען וועט געוויס באַמערקן, אַז כמעט אין יעדער עסיי ווערט גערעדט וועגן דער דערציונג פון אונדזערע קינדער. דאָס איז דערפּאַר, ווייל דער מחבר איז אויך אַ לערער, וואָס איז פאַרבונדן מיטן יידישן שול־וועזן שוין באַלד אַ קיימא לן פון דרייסיק יאָר.

צווישן דעם יידישן פאָלק־לערער און יידישן פאָלק־שרייבער מוזן זיין אַ אידעישע פאַרבינדונג, אַ גייסטיקע פאַרוואַנדשאַפט. ווייל אויף זיי ביידן האָט דער יידישער גורל אַרויפגעלייגט דורכצופירן אַ נאַציאָנאַלע שליחות: צו געשטאַלטן און אויסצופאָרמירן דעם כאַראַקטער און דעם יידישן באַוווסטזיין פון אונדזער צוקונפטיקן דור.

ומהאי טעמא, דאַרף די יידישע דערציונג זיין באַזירט אויף אונדזער קולטור המשך, אַנדערש וועט זי נישט זיין ביכולת דורכצופירן איר נאַציאָנאַלע שליחות, אַזוי אויך דאַרף די יידישע ליטעראַטור, אין אונדזערע ביידע שפּראַכן, וואָס פאַרנעמט דעם חשובסטן פּלאַץ אין דער דערציונג פון אונדזער יונגן דור, ציען איר גייסטיקע יניקה פונם זעלבן "משה קבל תורה מסיני".

דעם דאָזיקן געדאַנק פון דער נאַציאָנאַלער קרובהשאַפט צווישן דער יידישער ליטעראַטור און דעם יידישן חינוך, האָט דער מחבר כסדר זיך באַמיט, סיי בעל־פּה און סיי בכתב, צו פאַרשפּרייטן צווישן די ברייטע יידישע פאָלקסשיכטן, וואָס זיינען גייסטיק פאַרבונדן מיט דער יידישער דערציונג און מיטן יידישן בוך. און ווי אַ פועל יוצא פון דעם, איז געשאַפן געוואָרן אָט דער ערשטער ציקל ליטעראַרישע עסייען, אַ"נ "אונדזער קולטור המשך".

ס'דאַרף אָבער געזאָגט ווערן, אַז דער אָפּקלייב פון די דאָזיקע עסייען איז אַ צופעליקער, ווייל די זעלבע אידייען פון "אונדזער קולטור המשך" געפינען מיר אויך אין די ווערק פון אַ סך אַנדערע יידישע שרייבער און דיכטער.

* * * * *

ביי דער געלעגנהייט וויל איך אויסדריקן אַ האַרציקן דאַנק צו אַ צאָל פון מיינע גוטע פריינט, וואָס האָבן אין פאָרויס זיך געהאַט "סובסקרייבט" אויפן בוך און מיט דעם מער־ווייניקער צוגעהאָלפן אַז דאָס בוך זאָל אָפּגעדרוקט ווערן. אַ באַזונדערן דאַנק דעם חבר, דעם אָנגעזעענעם לערער און קינסטלער, שמשון הייליק, פון קאַלגאַרי, פאַרן צייכענען דעם שער־בלאַט.

פאַליק זאָלף.

יאַנואַר, 1956.

דער געשיכטלעכער גאנג פון אונדזער אלט-נייער ליטעראטור

לא נתקה עוד השלשלת
עוד נמשכת השלשלת
מני אבות אלי בנים
מני דורות אלי מדורות
עוד נמשכת השלשלת.
יצחק למדן (מסדה).

ארייַנפיר

די יידישע ליטעראטור אין אונדזערע ביידע שפראכן, יידיש און העברעיש, האט זיך נישט אנגעהויבן מיט דער "השכלה־באוועגונג" און אויך נישט מיט אונדזערע קלאסיקער: מענדעלע מוכר ספרים, י. ל. פרץ און שלום־עליכם. נאר איז אזוי אלט ווי דאס יידישע פאלק; מיטן אנהייב פון אונדזער געשיכטלעכן גאנג אין דער וועלט, פאנגט זיך אויך אן די געשיכטע פון אונד־זער אלט־נייער ליטעראטור.

דער בראשית פון אונדזער ליטעראטור איז דורכויס געווען א תורה שבעל־פה, ד"ה, א מינדלעכע. זי איז באשטאנען פון פאלקס־מעשות, אגדות און פאלקס־לידער: רעליגיעזע פייערלעכע הימנען, מזמורים, הללויהס — לויב־געזאנגען צו גאט; מלחמה־לידער, וואס האבן געוועקט דעם נאציא־נאלן געפיל ביים פאלק און אים גערופן צום קאמף קעגן דעם שונא; ניצחון־לידער, ווי דער "אז ישיר משה", "שירת דבורה"; קלאג־לידער, ווי דער "על נהרות בבל", "מגילת איכה" און אויך לידער פון צער און צארן, ווי דאס קאפיטל "שפוך חמתך אל הגויים" און צענדליקער אנדערע פון דעם מין.

די דאזיקע מעשות, לידער און געזאנגען, זיינען לכתחילה, אין זייער סאמע אורשפרונג, געהאט אויפגעקומען בלויז ביי א געוויסן שבט, אדער אין א געוויסער געגנט, אבער מיט דער צייט זיינען זיי געווארן דער קנין, דאס אייגנטום פונם גאנצן פאלק. זיי פלעגן איבערגיין בירושה פון משפחה צו משפחה, פון דור צו דור, שנאמר, ווי עס ווערט געזאגט, בלשון צווי: והגדת לבנך! דו זאלסט דערציילן צו דיין זון.

אין פארלויף פון יארן, ווען דאס פאלק דערגרייכט צו א העכערער קולטור־שטופע, די שרייב־קונסט ווערט ביי אים אלץ מער פארשפרייט,

דעמאָלט הייבט אָן זיין מינדלעכע ליטעראַטור זיך צו פאַרוואַנדלען בהדרגה־דיק אין א "תורה שבכתב" — אין א פאַרשריבענער ליטעראַטור. עס קומען אויף כראָניקער, שרייבער, דיכטער, באַזעלט מיט רוח הקודש, מיט גייסט, נעמען צונויף אָט דעם גרויסן פאָלקס עפּאָס, די אַלערליי פאָלקס מעשיות, אגדות, היסטאָרישע געשעענישן און פאַסירונגען, קלייבן אָפּ פון דעם דאָס קערנדיקע וואָס פאַרמאָגט אין זיך אַן אייביקן גייסטיקן ווערט, און הייבן עס אָן צו פאַרשרייבן, צוערשט אויף ליימענע טאָוולען, שפּעטער אויף פאַר־מעט־מגילות און נאָך שפּעטער אין ספרים, כדי זיי זאָלן נישט פאַרגעסן ווערן און פאַרלאָרן גיין פאַר די קומענדיקע דורות. אזוי איז פאָרגעקומען ביי די אַלטע אָריענטאַלישע און אייראָפּעיִשע פעלקער און אזוי אויך נאָך פריער ביים יידישן פאָלק.

פון דעם תנ"ך דערוויסן מיר זיך, אז שוין אין די יאָרן פון די ערשטע פאָלקס־קעניגן — דוד און שלמה, האָט די ליטעראַטור שוין געהאַט דער־גרייכט צו א גרויסער אַנטוויקלונג. די דאָזיקעביידע מלכים האָבן שוין געהאַט ביי זיך "מזכירים" און "סופרים", ד"ה, סעקרעטאַרן און שרייבער, וואָס פלעגן פאַרשרייבן אַלץ, ניט נאָר וואָס זייערע אָפיציעלע אַמט־פליכטן האָבן געפאָדערט פון זיי, נאָר ווי ס'ווייזט אויס, פלעגן זיי אויך פאַרשרייבן די אַלע געשעענישן פון זייער צייט.

אזוי אויך אומגעפער אין דער צייט ווען ס'איז פאַרשריבן געוואָרן צום ערשטן מאָל די גריכישע "איליאַדע" און די "אָדיסעע" פונם בלינדן דיכטער האָמער, אַרום דעם זעקסטן י"ה פ.ק. האָט דער יידישער מלך חזקיהו, דער תלמיד פון ישעיהו הנביא, געהאַט אָנגעשטעלט א שטאַב שרייבער, געלערנטע ("אנשי חזקיהו", משלי, 15, 1), אז זיי זאָלן צונויפזאַמלען און פאַרשרייבן אַלע פאָלקס־לידער, געזאַנגען, תפילות, פאָלקס־מעשות, פּתגמים און משלים, וואָס א סך פון אָט דעם דאָזיקן פאַרשריבענעם מאַטעריאַל איז שפּעטער אריין אין אונדזער תנ"ך און נאָך מער פון דעם איז, צום באַדויערן, פאַרלאָרן געגאַנגען.

דאָס איז דאָך אויך אייגנטלעך די גרויסע אַרבעט פון אונדזער יידיש־וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט — ייוואָ, און לעצטנס אויך דער "יד ושם" אין מדינת ישראל, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר א ציל צו פאַרשרייבן און צונויפזאַמלען די קולטור־אוצרות וואָס דאָס מזרח־אייראָפּעיִשע יידנטום האָט אין משך פון טויזנט יאָר געהאַט געשאַפן, כדי עס צו פאַראייביקן פאַר די קומענדיקע דורות.

א. תורת־משה

דער אָנהייב פון אונדזער שריפטלעכער ליטעראַטור פאַנגט זיך אָן מיטן ערשטן היסטאָרישן דאָקומענט: די שני לוחות הברית, די עשרת הדברות, די צען געבאָט, וואָס זיינען אויסגעהאַמערט און אויסגעקריצט

אין די צוויי שטיינערנע טאָוולען — מעשה אלוקים. דאָס איז די גרויסע היסטאָרישע פּאַסירונג אינם יונגן לעבן פונם יידישן פאָלק, וואָס טראָגט דעם נאָמען — מתן־תורה.

די דאָזיקע קורץ געפאַסטע "קאָנסטיטוציע", וואָס דער אדון הנביאים, משה רבנו, דער פירער פונם עברים־פאָלק האָט געשאַפן מפי הגבורה, איז אַן אוניקום, אַן איינציקע, נישטאָ צו איר קיין גלייכן. מיט איר הויכער עטישער מאָראַל איז אָוועקגעלייגט געוואָרן דער קולטור־יסוד, דער פונדאַמענט פאַר אונדזער שפּעטערדיקער אַלט־נייער ליטעראַטור, ווי ס'ווערט געזאָגט: "משה קבל תורה מסיני ומסרה ליהושע, ויהושע לזקנים, וזקנים לנביאים" אאַ"וו. און אַזוי ציט זיך די דאָזיקע גאָלדענע קייט אין דער אייביקייט אַריין, ביז אין אונדזערע הײַנטיקע טעג. די דאָזיקע געטלעכע שריפט איז ניט נאָר געוואָרן דער ראָש־פּינה, דער ווינקלשטיין, פאַר דער ציוויליזאַציע פונם עברי־פאָלק, נאָר איז אויך שפּעטער געוואָרן דער נס לגויים פאַר דער גאַנ־צער מענטשלעכער ציוויליזאַציע.

עס איז ממש צו באַוווּנדערן די קינסטלערישע פאָרם, דער סטיל פון די דאָזיקע עשרת הדברות וואָס זיינען געשריבן אַזוי קורץ, אַזוי פּרעציז, ווי נאָר אַ געטלעכע שריפט קאָן זיין. און אין דער זעלבער צייט אַזוי פּשוט און אַזוי פאַרשטענדלעך; יעדער וואָרט, יעדער זאַץ אַנטהאַלט אין זיך אַ גאַנצע וועלט־אַנשויונג, און בלייבט שטענדיק אַזוי פריש און אַזוי צאַפּלדיק אַקטועל. אָט לאָמיר נעמען דעם ערשטן געבאָט אַירן:

אָנכי ה' אלוהיך! — איך בין דיין גאָט, וואָס באַפעלט דיר דו זאָלסט צעהאַקן און צעשמעטערן יעדער מין גאָט, צי דאָס איז אַ חיה געשטאַלט, צי אין אַ מענטשלעכן געשטאַלט, וואָס בויט זיין הערשאַפט אויף מאַכט, אויף פויסט, נאָר גאָט איז אינו גוף — ער איז די פּערזאָ־ניפיקאַציע פון חסד און גענאָד. אָט דער דאָזיקער ערשטער געבאָט האָט אָנגעהויבן אונטערצוגראָבן די פונדאַמענטן אויף וועלכע ס'האָט זיך געהאַט געהאַלטן די גרויסע, מעכטיקע, געצנדינערישע וועלט, וואָס איז געווען באַזירט אויף מאַכט, אויף רויב און גזילה.

און אָט איז דער געצע וועגן שבת־רו. זאָלסט נישט טאָן קיין מלאכה, דו און דיין זון, און דיין טאָכטער, דיין קנעכט און דיין דינסט און דיין פרעמדער וואָס וווינט אין דיינע טויערן.

דאָס איז צום ערשטן מאָל אין דער מענטשלעכער געשיכטע, וווּ דער געזעץ שטעלט אַוועק דעם קנעכט אויף דער זעלבער מדרגה ווי זיין באַלעבאָס, להיפוך דער דעמאָלטדיקער ציוויליזאַציע, וואָס איז געווען געבויט אויף דער מיאוסער, ברוטאַלער שקלאַפעריי, וואָס איז דאַמאָלסט באַטראַכט גע־וואָרן ווי אַ נאַטור־געזעץ, אַז דער שטאַרקער דאַרף הערשן איבערן שוואַכן.

דאָ איז אויך צום ערשטן מאָל פּראָקלאַמירט געוואָרן די גרויסע

אידייע פון שבת־רו. און אין משך פון הונדערטער יאָרן, האָט דאָס יידישע פאָלק ניט אויפגעהערט צו בויען צאַמען ארום דעם שבת; און אים געהאלטן אין איין אויפטורעמען הימל־הויך און ארויפגעלייגט אויף אים דעם חותם, דעם זיגל פון קדושה, פון גייסטיקער דערהייבונג; שבת, וואָס איז געווען א טאָג פון פיזישער רו און פארגעניגן, איז שפּעטער פארוואנדלט געוואָרן אין א טאָג פון נשמה־רו, אויף לערנען תורה, אויף השתפכות הנפש. ער איז אויך געוואָרן פאר אלע צייטן און פאר אלע דורות ווי דער סימבאָל, דער אייביקער דראנג צו גאולה פארן גלות־פאָלק און אויך פאר דער דערהייבונג פון דער נשמה פון יחיד, ווי פרץ זאָגט עס אין זיין "די גאָלדענע קייט":

"שבת זאָל זיין! — רופט אויס דער רבי ר' שלמה. — מיר שבתדיקע, מיר יום־טובדיקע, מיר נשמה יתרהדיקע יידן, וועלן איבער אירע חורבות גיין! און אזוי גייען מיר, זינגענדיק און טאנצנדיק — צו אים, און מיר זאָגן אים: לענגער ווארטן נישט געקאָנט! אויסגעלייזט מוז ווערן די וועלט!"

אזוי איז דער "כבד את אביך ואת אמך", האלט אין כבוד דיין פאָטער און דיין מוטער! מיט דעם געבאָט איז געשאפן געוואָרן די הייליקע אינסטיטוציע פונם משפחה־לעבן, וואָס איז דער יסוד פארן פאָלקס לעבן. און ווער נאָך, ווי מיר יידן, האָבן אין אלע צייטן און אין אלע דורות, מיט אזויפיל מסירת־נפש מקיים געווען די מצווה פון כיבוד אב־ואם?

און אין דער זעלבער צייט דערציילט אונדז די געשיכטע: די אנ־טיקע גריכן, וואָס האָבן געשמט אלס דאָס קולטורעלסטע פאָלק אין דער וועלט, געשאפן די גרעסטע קונסט אין סקולפּטור און ארכיטעקטור, געגעבן דער וועלט די גרעסטע פילאָזאָפן, שרייבער, דראמאטורגן, אַן אריסטאָטל, א פּלאטאָ, פלעגן דעם אלטן, קראנקן טאטן אָדער דער מאמען, וואָס האָט שוין מער נישט געקענט ארבעטן, אוועקפירן אויף א הויכן בארג מיט א טאָג־שפּייז און אים איבערגעלאָזט צו שטארבן פון הונגער און פון קעלט. און דאָס יידישע פאָלק האָט נאָך מיט טויזנטער יאָרן פריער שוין געהאָט פּראָקלאמירט דעם "כבד את אביך ואת אמך" — האלט אין כבוד דיין פאָטער און דיין מוטער.

אזוי גייט דער "לא תרצח!" דו זאָלסט נישט מאָרדן, ווייל "בצלם אלוקים עשה את האָדם", דער מענטש איז באשאפן געוואָרן אין גאָטס גע־שטאלט. און דאָ קומט דער "זה מול זה", איינס אנטקעגן דעם אנדערן, — דער לא תחמוד! זאָלסט נישט גלוסטן צו די אלע זאכן וואָס געהערן צו א צווייטן, ווייל א מענטש מוז האָבן איבער זיך א שטארקן זעלבסט־קאָנטראָל, צוימען די חיהשע אינסטינקטן אין זיך. און ווער עס צעברעכט אָט דעם געבאָט, וועט סוף־כל־סוף קומען צום לא תגנוב און צום לא תרצח צו פארגיסן מענטשלעך בלוט.

צי קאָן מען דען אויסרעכענען, צי איז דען פאראן א שיעור צו די

אלע עטישע און מאָראַלישע פּרינציפּן וואָס זיינען פאַרבונדן מיט די דאָזיקע קורץ געפאַסטע צען געבאָט? אויף זיי איז דאָך שוין אָנגעשריבן א ריזיקע גרויסע וועלט־ליטעראַטור.

* * * * *

משה רבנו, דער געזעצגעבער און דער געשטאַלטער פונם וואַנדערנדיקן עברים־פאָלק, איז נישט געבליבן שטיין בלויז ביי די צען געבאָט. ער האָט באַלד גענומען אויפשטעלן אויף זיי נאָך א פיל העכערן און גרעסערן שטאָק. דאָס איז דער חומש מיט זיינע פינף ספרים.

לערנט מען דעם דאָזיקן, ריזיקן ווערק — דעם חומש, ווערט מען ממש פאַרכאַפּט פון אָט דעם גרויסן וואונדער, וואָס דאָס דאָזיקע עברים־פאָלק, וואָס איז נאָך בשעתו קיין פאָלק נישט געווען, האָט שוין געקענט ארויסגעבן פון זיך אזא הימל־הויכע, ליכטיקע פערזענלעכקייט ווי משה רבנו. און נאָך מער איז דער וואונדער וואָס דאָס דאָזיקע אקאָרשט באַפרייטע עברים־פאָלק איז שוין מסוגל געווען אויפצונעמען אָט דעם גרויסן געטלעכן ווערק, וואָס איז אויך שפּעטער געוואָרן דער קנין פון דער גאַנצער מענטשהייט און האָט באאיינפלוסט דעם געשיכטלעכן גאַנג פון פעלקער און זייערע רעליגיעס.

ס׳איז נישט אונזער אויפגאַבע דאָ צו וועלן געבן אפילו בקיצור נמרץ דעם תמצית פון אָט דעם ריזיקן ווערק תורת משה. מיר וועלן בלויז פּרובירן זיך אָפּשטעלן אויף אייניקע פון זיינע ביבלישע מעשות, וואָס דינען אונדז ווי סימבאָלן און אַלעגאָריעס פאַר אונדזערע היינטיקע טעג. ווארום אלע אונדזערע היינטיקע גלאָבאַלע געראַנגלען און קאַמפן וואָרצלען שוין אינם ספר הספרים — דעם חומש.

מיר געפינען אין חומש צענדליקער מעשות, רמזים און סימבאָלן, וואָס לאָזן זיך שטענדיק צופּאַסן צו אונדזער היינטיקער וועלט, ווי א שטייגער די "ערשטע זינד", ווי די שלאַנג האָט אָנגערעדט אונדזער מוטער חוהן צו עסן פונם עץ־הדעת, פונם בוים פון וויסן. און פאַר אָט דעם וועלן וויסן "מה למעלה ומה למטה", איז דער ערשטער אָדם ארויסגעטריבן געוואָרן פון גן־עדן און מיט דעם שוין פאַרלאָרן אויף שטענדיק זיין מנוחה און שלווה.

אזוי אויך מיט דעם מאָמענט ווען דער מענטש, דער בחיר היצירה האָט זיך דערוווּסט פון דעם געטלעכן סוד פון שפּאַלטן דעם אטאָם, איז באַלד צעשטערט געוואָרן די רו און זיכערקייט פון דער היינטיקער וועלט און איר עקזיסטענץ. דער געוועזענער ענגלישער פּרעמיער, טשוירטשיל, אין איינער פון זיינע לעצטע רעדעס אין פּאַרלאַמענט, האָט זיך אויסגעדריקט וועגן דער אטאָמישער באָמבע, מיט די ווערטער: "הלוואי שלא נוצרתי", הלוואי וואָלטן מיר נישט געווען דערגאַנגען צו דעם סוד פון אָט דעם מחבל... און בכלל גייט דאָך נאָך אלץ אָן די פּלוגתא צי די ציוויליזאַציע האָט געבראַכט דעם מענטשן גליק אָדער גיכער אומגליק?

איר האָט דאָ אויך די מעשה פון "קין און הבל", ווי דער ערשטער, און צום באדויערן, אויך נישט דער לעצטער ברודער־מערדער. ווי מיר האָבן עס געזען אין אונדזערע טעג: פעלקער פון איין שטאם און פון איין אמונה מאָרדעווען זיך אוים איינע די אנדערע על לא דבר.

באלד נאָכדעם קומט די מעשה פונם דור המבול, וואָס איז דער־טרונקען געוואָרן אין דעם מבול פון זיינע אייגענע זינד; דער בבל־טורעם, דער דור־הפלגה, וואָס האָט זיך געהאט פארמאָסטן קעגן דער "מלכות שמים" און איז דערפאר צעזייט און צעשפרייט געוואָרן, אויף פארשיידענע פעלקער־שטאמען מיט אלע זייערע פארשיידענע שפראכן און לשונות אזוי, אז איינער האָט אויפגעהערט צו פארשטיין דעם צווייטן, ווי מיר פארשטייען אויך היינט נישט דעם אנדערן, ווייל מיר לעבן נאָך אלץ אין א דור הפלגה . . .

און היינט די צענדליקער מעשות וועגן די אבות, די פאָטערס פונם יידישן פאָלק, זייער גאָט־זוכעניש, זייערע וואנדערונגען און זייער אָפזונדערן זיך פונם גאנצן ארום, כדי אנצוהאלטן זייער אייגנארטיקייט. און די שפּעטערדיקע געשאפענע וואונדערלעכע פאָלקס־מעשות און לעגענדעס ארום אונדזער פאָטער אברהם האָבן דאָך געהאט איין ציל צו געבן זיינע קינדער א ריכט־שנור אין זייער לאנגן וואנדערנדיקן וועג מיטן אייביקן געשריי: לך־לך! גיי דיר ! . . און יעדע מעשה און יעדע לעגענדע קומט מיט איר מוסר־השכל :

א. אברהם צעברעכט זיין טאטנס געצן, ווייל יידישקייט איז נישט אין מענטשלעכע געשאפענע פסילים, צלמים, געצן, נאָר אין מעשים, אין א כסדרדיקן שטייגנדיקן פּראָצעס פון אהבת המקום, פון אמונה שבלב, וואָס דער ענדציל פון דעם דאַרף זיין דער אהבת הבריות, ליב האָבן דעם צווייטן ווי זיך אליין.

ב. פאר אָט דעם אנדערש גלויבן זיינעם האָט מען אונדזער פאָטער אברהם אריינגעוואָרפן אינם ברענענדיקן קאלכאויוון. אזוי אויך איז דער גאנג פון זיינע קינדער, וואָס גייען דורך א שטענדיקן ברענענדיקן קאלכ־אויוון־גאז־קאמערן (אברהם גאָלאָמב — "אגדות פאר שול און היים").

ג. אבער דאָ קומט באלד דער מוסר־השכל פון דער דאָזיקער פאָלקס־אגדה און פארפאנצערט אונדז מיט אמונה און ביטחון פאר אונדזער קיום און זאָגט אונדז : פונקט ווי אונדזער פאָטער אברהם איז נישט פארברענט געוואָרן, אזוי אויך וועט זיין שטאם־פאָלק קיינמאָל אינגאנצן נישט פאר־ברענט ווערן ווייל "מעשה אבות סימן לבנים" — די געשעעניש און די פאסירונגען פון די פאָטערס, איז א שטענדיקער ביישפּיל פאר זייערע קינדער.

און די בלעטער פון חומש מישן זיך ווייטער און פאר אונדזערע אויגן אנטפּלעקט זיך די גרויסע דראמע : די פארניכטונג פון דער זינדיקער צווילינג־שטאָט סדום ועמורה. אברהם אבינו שטעלט זיך איין פארן פאָלק

פון סדום. ער פארפירט א משפט קעגן גאָט. ער שרייט אויס : "השופט כל הארץ לא יעשה משפט?!" דער ריכטער פון דער גאנצער וועלט זאָל נישט טאָן קיין גערעכטיקייט? דאָס איז דער סימבאָל פונם אייביקן קאמף צווישן מאכט און גערעכטיקייט. ביז אברהם אָבינו ווערט איבערצייגט, אז דער דאָזיקער דראמאטישער אקט מוז געשען, ווייל מלוכה, שטאט, אימ־פעריע, וואָס איז געבויט אויף מאכט, אויף שקלאפעריי, מוז אונטערגיין. דאָס איז פארבליבן א וואָרענונג לדורות.

און די דראמע פון "עקידת יצחק", מיט אלע אירע מעשות און אגדות, פארכאפט דאָך נאָך היינט די פאנטאזיע פון יעדער קינסטלערס נשמה. און דער ברודער־קאמף צווישן עשון און יעקבן איז שוין לאנג געוואָרן פאר אונדז דער סימבאָל פון שנאת עולם לעם עולם . . .

און אָט מיטאמאָל טוט זיך אן עפן אויף דער פאָרהאנג, און עס שפילט זיך אָפּ כמעט ווי פאר אונדזערע אויגן נאָך א פיל גרעסערע און שטארקערע פאמיליע־דראמע "יוסף און די ברידער", וואָס ביז היינט צו טאָג הערט זי נישט אויף צו פאראינטריגירן נישט איין שרייבער־קינסטלער, ווי דאָס האָט געטאָן דער בארימטער דייטשישער שרייבער, טאָמאס מאן, אין זיין גרויסן ביבלישן ראָמאן "יוסף און די ברידער".

די דאָזיקע ביבלישע דראמע פארמאָגט אין זיך צענדליקער אקטן, איינער שטארקער פונם צווייטן אזוי, אז ס'פארכאפט ממש אלע אונדזערע חושים, ביז עס דערגייט צום סאמע קלימאקס און פארענדיקט זיך מיט א פרייל עכן סוף : דער אלטער פאָטער יעקב מיט זיין משפחה נידערט אראָפּ קיין מצרים כדי צו זיין אויף דער עלטער איינינעם מיט זיין באליבטן זון יוסף, וואָס איז העכער צוואנציק יאָר געווען פאר אים א פארלאָרענער, און צום סוף לעבט ער, און איז עולה לגדולה געוואָרן ווי דער דער שני למלך פון מצרים.

אזוי גייען איין סדרה נאָך דער אנדערער, איין קאפּיטל נאָכן צווייטן, וואָס האלטן אונדז געפּאנגען ביזן סוף, וואָס וועגן יעדן פון זיי באזונדער וואָלט מען געקענט אָנשרייבן גאנצע ביכער. און דער לעצטער קאפיטל פונם ספר "בראשית", ווו עס דערציילט זיך ווי דער אלטער טאטע יעקב פאר זיין טויט, בעט זיך ביי זיין זון יוספן, אז ער זאָל אים ברענגען צו קבורה אין זיין געבורט־לאנד — כנען, און ער זאָל אים אוועקלייגן ביי דער זייט פון זיינע עלטערן, איז אַן און פאר זיך א פארכאפנדע טעמע פאר א גרויס קינסטלערישן ווערק.

און אָט עפנט זיך באלד אויף פאר אונדז דער צווייטער ספר־חומש "שמות", ווי די בני ישראל פאלן אריין צום ערשטן מאָל אין גלות־מצרים, די שווידערלעכע שקלאפעריי, מיט אלע אירע פארניכטונגס מיטלען, ביז עס דערשיינט אויף דער סצענע משה רבנו, דער קעמפער, דער באפרייער.

און וויפל איר זאָלט נישט האָבן געלערנט און געלייענט אַט די דאָזיקע חומש־מעשות, זיינען זיי פאַר אייך תמיד פריש און צאַפּלדיק. איר ווערט אַזוי פאַרכאַפּט אין אַט דעם געווירבל פון די געשעענישן און פּאַסירונגען, ווי דאָס אַלץ וואָלט פאָרגעקומען פאַר אייערע אויגן; איר זייט נישט קיין דרויסנדיקער נאָר איר ווערט אויך אַ טייל פון דער דאָזיקער דראַמע. איר זעט דעם געבורט פונעם פּירעה, וואָס פאַלט צונויף מיטן געבורט פון זיין פאָלק; איר שטייט צוזאַמען מיט זיין שוועסטער, מרים, ביים ברעג טייך און איר זעט ווי דאָס קעסטעלע מיטן קינד שווימט אויפן טייך און אייער האַרץ פּלאַטערט, צאַפּלט זיך מיטן יעדער קנייטש און אויפשטייג פון די כוואַליעס פון טייך. און אַט געשעט פאַר אייערע אויגן דער גרויסער נס : דאָס יידישע קינד וואָס איז פאַרמשפּט צום טויט דורכן מעבטיקן, גרויזאַמען אימפּעראַטאָר פּרעה מלך מצרים, ווערט געראַטעוועט פון זיין אייגענער טאָכטער, דער פּרינצעסין, און ווערט דערצויגן אין דעם דאָזיקן קעניגלעכן הויף צו ווערן דער יורש־עצר — דער קרוין־פּרינץ. אָבער דער דאָזיקער פּרינץ וואַרפט אַוועק די קרוין, די מלוכה, און לויפט העלפן זיינע אומגליק־לעכע ברידער, די שקלאַפן. דער איש משה גייט דורך אַ שווערן קאַמף — אַ קאַמף אויף טויט און אויף לעבן; לעבט איבער שווערע געראַנגלען, שווערע איבערמענטשלעכע נסיונות, ביז עס קומט צום סאַמע קלימאַקס — דער יציאת מצרים, די גאולה, די אויסלייזונג און דאָס געבורט פון אַ נייעם באַפרייטן פאָלק.

און דער גרויסער קינסטלער, דער חומש־דערציילער, לאָזט אונדז נאָך נישט אָפּ. ער פירט אונדז ווייטער און ווייטער אַלץ מיט דער זעלבער געשפּאַנטקייט, וויַיל די געפאַר פאַרן אָקאָרשט באַפרייטן פאָלק איז זייער גרויס — די גאולה שטייט אין סכנה : דער שונא יאָגט, שפּאַרט פון אַלע זייטן; מ׳הערט שוין פונדערווייטנס דאָס קלאַפּן און דאָס טראַסקען פון זיינע מיליטערישע אייזערנע רייטוואָגן; זיינע שאַרפע פּיילן פליען שוין איבער די קעפּ פון די לעצטע אין דער יידישער מחנה. ס׳איז נישטאָ קיין אַנטרינונג פון אים, סיידן זיך אַריינוואַרפן אין די כוואַליעס פון ים. דאָס פאָלק איז פאַרצווייפלט. שרייט און יאָמערט, רייסט דעם הימל.

אָבער אין סאַמע קריטישן מאָמענט, רוקן זיך אַרויס צום פאָדער־גרונט אַ קליין הייפל העלדישע יונגע זין, די נחשונס, משהס געטרייע אַנהענ־גער, וואַרפן זיך די ערשטע אַריין אין ים און שלעפּן באַלד מיט זיך נאָך דאָס גאַנצע פאָלק, מיטן געשריי : ״אײדער קנעכטשאַפט, בעסער איז ים אַריין!״

יאָ, אויב ביי אַ פאַרשקלאַפטן פאָלק איז דאָ דער ווילן און דער דראַנג צו גאולה, צו פרייהייט, קאָן מען מיט דעם דאָזיקן ווילן און כוח ים שפּאַלטן. און זייער גלויבן האָט דעם ים געשפּאַלטן.

אַט דער דאָזיקער דראַמאַטישער קלימאַקס פון דער מעשה קריעת

ים סוף איז נאָך היינט פאַר אונדז אַקטועל. ער האַלט אונדז נאָך אַלץ אין איין אינספּירירן צו גרויסע מעשים, צום קאַמף פאַר אונדזער קיום, און קאַמף פאַר אונדזער באַפרייונג. דאָס איז דאָך אויך דער מעשה אָבות סימן לבנים : וואָרום אָט דער ווילן און דער דראַנג צו אונדזער פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט, האָט צעשמעטערט די פינצטערע מחשבות פון די היינטיקע מצרים־אַראַבער, וואָס האָבן געפּלאַנט צו דערטרינקען דעם גאַנצן ארץ־ישראלדיקן ישוב אין ים.

ביז מיר קומען צו דער מוראַדיקער טראַגעדיע פונם פירער, משה רבנו. נאָך די אַלע שווערע ביטערע פערציק יאָר וואַנדערן מיטן פאָלק אין מדבר; זיך געהאַט אויסגעשטאַנען כּלערליי סכנות; נישט איינמאָל געקוקט דעם טויט אין די אויגן, און ענדלעך, ווען ער איז שוין געשטאַנען ביים גרעניץ פונם פאַרשפּראָכענעם לאַנד, איז ער געוועזן געצוווּנגען נאָך ביי זיין לעבן איבערצוגעבן די פירערשאַפט צו זיין תּלמיד יהושע בן נון. ער געזעגנט זיך אָפּ מיט זיין פאָלק, גייט אַרויף אויפן באַרג נבו און שטאַרבט מיט מיתת נשיקה, אַזוי אַז מען ווייס אפילו נישט ווו זיין קבר איז. ער האָט נישט זוכה געווען צו פאַרענדיקן זיין גרויסן לעבנס־ווערק. דאָס איז די שוידערלעכסטע טראַגעדיע פונם גרויסן באַפרייער און פירער, ווי דאָס האָט געפּרוּווט מאָלן שלום אַש אין זיין בוך "משה". אָבער די יידישע אגדה האָט עס נאָך שענער געצייכנט.

פון דעם ביסל, זעען מיר, אַז דער חומש איז נישט נאָר אַ בוך פון געזעצן, נאָר אויך אַ גרויס פאַרכאַפּנדיק קינסטלעריש ווערק, וואָס אַנטהאַלט אין זיך אַ סך מענטשלעכע דראַמעס, מענטשלעכע טראַגעדיעס, און דאָס אַלץ איז געשריבן אַזוי פּשוט, אַזוי נאַטירלעך (דברי תורה בלשון בני אָדם) מיט אַזעלכע קורצע אויסגעטאָקטע זאַצן און מיט פּרעציז־געשליפענעם קינסטלערישן וואָרט אַזוי, אַז ווער ס'פאַרמאָגט נאָר אַ חוש פאַר דער דאָזיקער ביבלישער שפּראַך בלייבט שטיין פאַרגאַפט.

עס וועט נישט זיין איבערטריבן ווען מיר וועלן זאָגן : אַז אייגנטלעך אַלע וועלט־שפּראַכן וואָרצלען אין דער ביבל־שפּראַך. ווען מיר לייענען און קוויקן זיך מיט אַ גוט ליטעראַריש ווערק, אַז אונטערשייד אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך דאָס איז געשריבן, דערשפּירן מיר באַלד ווי ווייט דער דאָזיקער שרייבער איז באַווירקט געוואָרן פונם תנ"ך. מיר ריידן נאָך היינט און מיר טראַכטן נאָך אַלץ אין די טערמינען פון תנ"ך לשון, ווי למשל : "ס'הערשט דאָרט אַ תהו ובהו", "אינדרויסן איז אַ מבול", "מיר זיינען אַ דור הפלגה", "ער האָט פאַרלאָרן דעם צלם אלוקים", "די פּרנסה קומט אָן בקריעת ים־סוף". און נאָך אַזעלכע הונדערטער, טויזנטער ביבלישע רעד־אַרטן און אידיאָמען, וואָס מיר באַנוצן אין אונדזער טאָג־טעגלעכן פּאַרקער, נישט וויסנדיק אפילו, אַז מיר ריידן תנ"ך־לשון.

ווי שוין אויבן געזאָגט, איז דער חומש נישט נאָר א געזעץ בוך, נאָר אין אויך א גרויס קינסטלעריש ווערק. און אויף אָט דעם דאָזיקן ריזיקן ווערק, האָבן דורות יידן, ארזי הלבנון, דענקער און פילאָזאָפן און גרויסע וואָרט־קינסטלער, געהאלטן אין איין שאפן נייע קאָמענטארן, נייע מדרשים און נייע אגדות אזוי, אז ס׳האָט זיך אין פארלויף פון יאָרן געהאט אָנגעקליבן א גרויסער אוצר פון פאָלקלאָר, כמעט א נייע תורה־ליטעראטור, וואָס איז נישטאָ צו איר קיין גלייכן. לאָמיר דאָ נעמען בלויז אייניקע פון די דאָזיקע אגדות פאר א מוסטער:

דער בעל אגדה פרעגט:

"למה נברא האדם יחידי"? פארוואָס איז דער מענטש באשאפן געוואָרן אז איינציקער? איז דער ענטפער: ללמדך, כדי דיך צו לערנען, שכל המאבד נפש אחת מישראל, אז ווער ס׳ברענגט אום איין יידישן נפש, איז כאילו אבד עולם מלא, איז ווי ער וואָלט אומגעבראכט א גאנצע וועלט. און פארקערט, "וכל המקיים נפש אחת מישראל", דער וואָס האלט אויף ביים לעבן איין יידישן נפש, איז כאילו קים עולם מלא, ווי ער וואָלט אויפגע־האלטן א גאנצע וועלט.

אזוי גרויס און אזוי וויכטיק איז דער מענטש. און דערפאר דארף מען אים כסדר האלטן אין איין באשיצן. ווייל א מענטשנס לעבן איז הייליק.

און איצט וועלן מיר נעמען א צווייטע אגדה:

גאָט האָט באשאפן אָדם הראשון, דעם ערשטן מענטש, ערב שבת. און אויפן זיבעטן טאָג האָט ער גערוט. און כדי דער ערשטער מענטש זאָל נישט ליידן פון קעלט, האָט גאָט נאָך אין זעלבן טאָג, מוצאי שבת ביינאכט, אריינגעגעבן אים א מחשבה: אָדם האָט גענומען צוויי שטיינער, זיי געריבן איינער אין צווייטן, ביז ס׳איז ארויס פון זיי א פייער. האָט זיך אָדם הראשון שטארק דערפרייט און געמאכט די ברכה "בורא מאורי האש" — איך דאנק דיר גאָט וואָס דו האָסט באשאפן דעם פייער.

אין דער דאָזיקער פערלדיקער אגדה שפיגלט זיך אָפּ כמעט אינ־גאנצן אונדזער סאָציאַל־עטיש־פילאָזאָפישער קוק אויפן מענטש, ווי אויפן בחיר היצירה, וואָס איז לחלוטין אין קעגנזאץ צו דער גריכישער מיטאָלאָגיע, וווּ עס דערציילט זיך פונקט דער היפּוך:

די געטער אויפן בארג אָלימפּ האָבן דעם אוצר פייער געהאט אויס־באהאלטן פונם מענטשן. זיי האָבן זיך געטאָן לוסטיק מאכן, געפראוועט אָפּטע חתונות צווישן די שיינע געטער מיט די שיינע געטינס. ס׳האָט זיי נישט געקימערט וואָס אונטן אין טאָל ווערן די מענטשן פארפראָרן פון קעלט און פארצוקט פון ווילדע חיות. ענדלעך האָט דער יונגער גאָט פּראָמעטעוס זיך דערבארעמט אויף זיי. ער האָט אָפּגעגנבעט פון די געטער דאָס פייער און עס געבראכט צו די ליידנדע מענטשן. פאר אָט דעם גרויסן חטא, דער־

ציילט אונדז די גריכישע אגדה־לעגענדע, האָבן אים די געטער פארמשפּט צו צובינדן אים א נאקעטן מיט אייזערנע קייטן צו א בארג און די רויב־פייגל זאָלן פון אים לעבעדיקערהייט רייסן שטיקער לייב.

דער מוסר־השכל פון די דאָזיקע צוויי קעגנגעזעצטע לעגענדעס ליגט אויבנאויף:

די גריכישע געטער האָבן נישט געוווּסט פון רחמנות און פון יושר. דאגעגן דער יידישער גאָט, איז דאָך אן אל רחום וחנון, האָט ער באלד אנט־פּלעקט דעם סוד פון פייער, כדי דער עלנטער מענטש זאָל נישט ליידן.

מיר וואָלטן אזוי געקענט ציטירן צענדליקער און צענדליקער אנדערע אגדות אלס ביישפּילן, ווי אזוי אונדזער אלטע און אייביק נייע תורה־ליטעראטור האָט רק געהאלטן אין איין באשיצן דעם מענטש, דעם שוואכן, דעם עלנטן יתום און דער אלמנה און דעם גר — דעם פרעמדן.

אזוי אויך שטייט אונדזער היינטיקע מאָדערנע ליטעראטור, וואָס ציט איר המשך פון דער אלטער תורה־ליטעראטור, תמיד מיטן פּנים צום ליידנדן, צום געקריוודעטן. אָבער וועגן דעם וועט אונדז נאָך אויסקומען צוריידן שפּעטער.

ב. נביאים און כתובים ליטעראטור

אין משך פון די הונדערטער יאָרן, איז אויף תורת משה אויפגעבויט געוואָרן א צווייטער עטאזש. דאָס איז די נביאים־עפּאָכע, וואָס איז דער צווייטער וויכטיקסטער טייל אין אונדזער תנ"ך־ליטעראטור.

די נביאים ראשונים ביז לעצטן פון די נביאים אחרונים, האָבן נאָך שטארקער געמאכט די שוץ־וואנט צו באשיצן דאָס רעכט פונם מענטשן אין זיין שטענדיקן קאמף פאר צדק און יושר. זיי זיינען שטענדיק געשטאנען אויף דער וואך און האָבן נישט אראָפּגעלאָזט זייער שארף אויג פונם יידישן מלך, און רק געהאלטן אין איין מאָנען פון אים דין וחשבון פאר זיינע טאָג־טעג־לעכע מעשים, ווי די מעשה "דוד און בת שבע". דער נביא נתן טייטלט אויף אים מיטן פינגער און שרייט אים אין פּנים אריין: אתה האיש! דאָס ביסטו דער זינדיקער מענטש! אזוי אויך האָט שפּעטער אליהו הנביא, ווי נאָר ער האָט זיך דערוווּסט אז די בלוט־דורשטיקע קעניגין איזבל האָט, מיט דער ברכה פון איר מאַן, דעם קעניג אחאָב, דערמאָרדעט דעם אומשולדיקן יידישן פּויער נבות, האָט ער מיט שטורעם זיך געהאט אריינגעריסן צום קעניג אחאָב אין ווייננאָרטן און אויסגעשריען מיט א צאָרנדיק קול: הרצחת וגם ירשת! דו האָסט אים דערמאָרדעט און איצט ביסטו געקומען אים נאָך ירשענען?!

די נביאים ראשונים האָבן קיין רעדעס נישט געהאלטן. זיי האָבן נאָך נישט פארמאָגט אָט דעם גרויסן גייסטיקן כלי־זין — דאָס קינסטלערישע

ווארט, ווי דאָס האָבן פאַרמאָגט די שפּעטערדיקע נביאים אחרונים. זיי זיינען געווען מענטשן פון טאַט, פון מעשים, פון אַקציע און קאַמף. מיר האָבן וועגן זיי בלויז ספרים, געשיכטע־ביכער, צענדליקער מעשות, שטורעמדיקע סצענעס, ווי אַזוי זיי האָבן נישט איינמאָל געהאַט באַאיינפלוסט דעם גאַנג פון דער יידישער מלוכה; נישט איינמאָל געהאַט אָנגעצונדן דאָס פאָלק מיט אַ נאַציאָנאַל־פּאַטריאָטישן געפיל צו גיין אין מלחמה קעגן די פּרעמדע אַריינדרינגער; און אויך נישט איינמאָל אויפגעשטורעמט דאָס פאָלק עס זאָל אָראָפּוואַרפן פון זיך זיין בלוטיקן הערשער, וואָס האָט געוואָגט אַריינצוברענגען די פרעמדע געטער, די פרעמדע קולטור.

ערשט, אין דער צייט פון די נביאים אחרונים, ווען די קונסט פון שרייבן איז שוין געשטאַנען ביי יידן אויף אַ גאַר הויכער מדרגה, האָבן זיך געהאַט אַנטפּלעקט פאַר אונדז אַזעלכע ריזיקע גייסטיקע נביאים־פּערזענלעכקייטן, ווי עמוס, הושע, מיכה, ישעיה, ירמיה און אַנדערע, וואָס זיינען געווען ממש איבערמענטשלעכע, געטלעכע וואָרט־קינסטלער, וואָס האָבן צו זיך קיין גלייכן נים אין דער גאַנצער קולטור־געשיכטע פון פעלקער. אפילו די דייטשישע־אַנטיסעמיטישע ביבל־קריטיקער, ווי רודאָלף קיטעל, וועלהויזן א"א, האָבן אויך געמוזט צוגעבן, אַז די דאָזיקע גייסטיקע ריזן־געשטאַלטן זיינען דורכויס אַ יידישע דערשיינונג, וואָס נאָר דער יידישער זשעני האָט אַזעלכעס געקאָנט אַרויסברענגען פון זיך.

די דאָזיקע נביאים זיינען נישט געווען מענטשן פון אַקציע און קאַמף; זיי האָבן נישט געפירט דאָס פאָלק אין מלחמות; זיי האָבן אויך נישט געמאַכט קיין הויף־רעוואָלוציעס. זייער איינציקער כוח איז באַשטאַנען אין גערעדטן און אינם געשריבענעם וואָרט; זייערע רעדעס האָבן געצונדן הערצער; זייערע רייד האָבן דורכגעלעכערט געמויערטע ווענט; פאַר זייערס אַ וואָרט האָבן קעניגן אויף זייערע טראָנען געציטערט און אין אַנגסטן זיך געקאָרטשעט.

זייער שטענדיקער קאַמף איז געווען געריכטעט קעגן דער סאָציאַלער אומגלייכהייט — קעגן דער ברוטאַלער הערשאַפט פון דער פּלוטאָקראַטיע — "על מכרם בכסף צדיק, ואביון בעבור נעלים" — וואָס טוען פאַרקויפן דעם גערעכטן פאַר געלט און דער אָרעמאַן פאַר דעם ווערט פון אַ פּאָר שיך.

מיט דער גרעסטער ביטערקייט האָבן זיי געשטורעמט קעגן דעם איינגעשטעלטן קולט פון קרבנות: "למה לי רב זבחיכם?!" צו וואָס מיר אייערע שלאַכט־אָפּפער? ידיכם דמים מלאו — אַז אייערע הענט זיינען פול מיט בלוט! אַזוי אויך איז גאָט דערווידער אייער טעמפּל־יידישקייט — "כי הגלגל גלה יגלה" — אויך דער טעמפּל וועט אין גלות גיין, — נאָר "ויגל כמים משפט" — לאָזט קוועלן ווי וואַסער גערעכטיקייט!

זייערע שאַרפסטע וואָרט־פיילן האָבן זיי געשליידערט אין דער דאַמאָלטדיקער יידישער אַריסטאָקראַטיע, וואָס איז שטענדיק, אומעטום און

אין אלע צייטן, די ערשטע אויף נאָכצומאכן די קולטור פון די ארומיקע פעלקער, יאָגן זיך תמיד נאָכן ביליקן עולם הזה, שעמען זיך מיט זייער אייגענער קולטור, וואָס פאָדערט צו קאָנטראָלירן די מענטשלעכע אינסטינקטן. "נטשת עמך בית יעקב" — האָסט פארלאָזט דיין פאָלק, דאָס הויז פון יעקב, "ותמלא ארצו אלילים" — און אָנגעפילט געוואָרן איז זיין לאַנד מיט פרעמדע אָפּגעטער, מיט פרעמדע קולטורן, שרייט כסדר דער נביא.

זיי זיינען געווען די ערשטע וואָס האָבן געשאַפן אינגאַנצן אַ נייעם באַגריף וועגן גאָט, אַז ער איז נישט בלויז דער נאַציאָנאַלער גאָט פון די עברים, נאָר ער איז אוניווערסאַל — אַ גאָט וואָס שטייט איבער לענדער און פעלקער, איבער דער גאַנצער מענטשהייט — "ונהרו אליו כל הגוים", אַלע פעלקער וועלן צו אים שטראָמען. דאָס איז דער גלייטערטער, דער ריינער מאָנאָטעיזם.

זיי האָבן מיט זייער גאַנצן כוח באַקעמפּט מלחמות, בלוט־פאַרגיסונג. שטענדיק גערופן צו שלום, צו דעם "והיה באחרית הימים" אַזוי, אַז קליינע, שוואַכע פעלקער זאָלן קענען לעבן באַנאַנד מיט די גרויסע, מעכטיקע פעלקער, וואָס דאָס איז אויך די וויזיע פון אונדזער היינטיקער "יונייטעד נעישאָנס"...

ס'איז דערפאַר קיין חידוש ניט וואָס ביי אַלע מאָדערנע סאָציאָלאָגן אין זייערע צענדליקער שטודיומס און אָפּהאַנדלונגען וועגן סאָציאַליזם און קלאַסן־קאַמף אין אַלטערטום, פאַרנעמען ביי זיי די נביאים, אַלס סאָציאַלע קעמפער, דעם ערשטן אָרט.

ס'איז אַ היסטאָרישער פאַקט, אַז דער תנ"ך האָט זייער פיל גורם געווען צו דער פּראָטעסטאַנטישער באַוועגונג אין אייראָפּע. ווי גיך מאַרטין לוטער האָט איבערגעזעצט די ביבל אויף דייטש, האָבן די דייטשישע פעלקערשאַפטן, אָנגערעגט פון די הייליקע שריפטן פון די פּראָפעטן, באַלד אָנגעהויבן רייסן פון זיך די אייזערנע קאַטוילישע קייטן. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די אַגראַרישע רעוואָלוציעס.

אָן דער דירעקטער השפעה פון תנ"ך וואָלט נישט אויפגעקומען דער פּוריטאַניזם אין ענגלאַנד. דער תנ"ך האָט באַגלייט דעם פּוריטאַנער אויף זיין וועג צום נייעם לאַנד כנען־אַמעריקע. ער האָט מער געלעבט אין דער וועלט פון תנ"ך ווי אין דער וועלט פונם נייעם טעסטאַמענט. ער האָט זיינע קינדער געהאַט אָנגערופן מיט ביבלישע נעמען. הונדערטער נייע ישובים, "סעטלמענטס", וואָס די פּוריטאַנער האָבן געהאַט געגרינדעט אויף דער נייער ערד, האָבן זיי אַ נאָמען געגעבן מיט תנ"כישע נעמען, ווי לבנון, בית־אל, בית לחם און הונדערטער אַנדערע.

די באַזע פון דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע מיט איר גייסטיקער און פּאָליטישער אויספאָרמירונג איז דאָך געווען געבויט אויפן תנ"ך. וועגן דעם איז שוין אָנגעשריבן געוואָרן אַ גאַנצע ליטעראַטור.

פון דעם ביסל געזאַגטן זעען מיר, וואָס פאַר אַ געוואַלדיקע השפּעה אונדזערע נביאים האָבן געהאַט אויפן געשיכטלעכן גאַנג פון פעלקער מיט אַלע זייערע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונגען. אַזוי אויך, ביז היינט צו טאָג, אויף יעדן געביט פון אונדזער אַרט־דענקען און קולטורעלער אַנט־וויקלונג, שפּירט זיך נאָך אַלץ דער איינפלוס פונעם נביאס רייד. באַזונדערס איז זיין ווירקונג אויפן גאַנג פון אונדזער אַלט־נייער ליטעראַטור. מ׳דאַרף נאָר פאַרמאָגן אַן אָפן אויער עס צו דער הערן און אַ קינסטלערישע אויג עס צו דערזען . . .

* * * * *

די כתובים־שריפטן, דאָס איז דער דריטער טייל אין אונדזער תנ״ך, וווּ עס גייען אַריין די חמש מגילות און די ספרים ״משלי״, ״קהלת״, ״תהלים״ און ״איוב״, וואָס וועגן יעדן איינעם פון זיי איז שוין אָנגעשריבן געוואָרן אַ גאַנצע ליטעראַטור.

מגילת אסתר — איינגנטלעך אַ קאָמעדיע, וואָס האָט זיך שיר נישט פאַרענדיקט מיט אַ טראַגעדיע פאַרן ייִדישן פאָלק. נאָר בלויז דורך אַ גליק־לעכן צופאַל האָט זיך עס פאַרענדיקט מיט אַ פריילעכן סוף.

מגילת אסתר — איז אַן אייביקער סימבאָל פאַרן ייִדישן גלות־פאָלק. אין אַלע צייטן, אין אַלע לענדער פון זיין וואַנדערן, איז עס שטענדיק געווען אַ ווערקצייג אין די הענט פון יעדן ווילד־משוגענעם שיכורן טיראַן און זעלבסט־הערשער. אַזוי בימי אחשורוש והמן, אַזוי אין די צייטן פון אַ צאַר ניקאָלאַי ביז צום פינצטערן בלוט־דורשטיקן היטלער.

אַרום דער דאָזיקער פּורים־מעשה, האָט דאָס פאָלק, אין משך פון הונדערטער יאָרן, געשאַפן אַ גאַנצן פאָלקס עפּאָס: הונדערטער מעשות, מדרשים, אגדות, פאָלקס־לידער, פאָלקס־ווערטלעך, פּאַראַדיעס, פּורים־שפּילן, כּלערליי ספּעקטאַקלען, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט אין די חושכדיקע ייִדישע געטאָס פרייד און געלעכטער. און פון זיי געשעפּט מוט און ביטחון איבער־צולעבן די היינטיקע המנס. אונדזער היינטיקער מאָדערנער ייִדישער און העברעישער טעאַטער, אָנהייבנדיק פון גאָלדפאַדן אָן, איז דאָך אַ פּועל יוצא פון אונדזערע אַמאָליקע פּורים־שפּילן.

שיר־השירים — דאָס געזאַנג איבער געזאַנגען, איז דאָך איינע פון די שענסטע דראַמאַטישע פּאָעמעס, איינע פון די שענסטע אָפּערעס. וואָס קאָן נאָך זיין שענער און פאַרכאַפּנדער ווי דער באַרימטער ״חכם מכל האדם״, שלמה המלך, פאַרליבט זיך אין דער שיינער פּאַסטוך־מיידל שולמית. אַ, וואָס פאַר אַ לירישער אויסגוס פון ליבע בענקעניש, פון ליבע־שמערצן! און וואָס פאַר אַ שפע פון קינסטלערישן, בילדערישן פּאָעטישן אויסדרוק! ניטאָ דאַכט זיך קיין גלייכן אין דער מאַלערישקייט פון זיינע פאַרכאַפּנדע נאַטור־בילדער און פּיזיאַזשן.

נאָר א דאנק דעם גרויסן תנא, רבי עקיבא, וואָס האָט אליין געהאט דורכגעלעבט אזא שפאנענדע ליבע מיט דער שיינער טאָכטער רחל, האָט ער זיך איינגעשטעלט, אז מ'זאָל אָט דעם "שיר־השירים" נישט דן זיין לגניזה, און אים ארייננעמען צווישן די כתבי הקודש פון תנ"ד. אַזוי ארום איז אָפּגעראטעוועט געוואָרן אָט דער דאָזיקער ליטעראַרישער פּערל פון פארלאָרן צו ווערן.

מגילת רות — די איינציקע ביבלישע אידיליע וואָס איז אונדז פאר־בליבן. זי גיט אונדז אן ארייגבליק אויף די באציונגען צווישן דעם דאמאָלט־דיקן יידישן פעלד־האר און זיינע "יונגען" די תבואה־שניטער. א דאנק אָט דער "מגילת רות" האָט דאָס פאָלק אין גלות נאָך אלץ געשפּירט דעם שטארקן אראָמאט פונם ארץ־ישראלדיקן פעלד ריח . . .

מגילת איכה — ירמיהו הנביאס קלאָג־לידער אויף אונדזער ערשטן חורבן. דאָס איז אונדזער ערשטער "ספר הדמעות" אין אונדזער גרויסער חורבן־ליטעראטור, וואָס מיר האָבן געשאפן אין אונדזער וואַנגלען איבער לענדער און קאָנטינענטן. און ווי א רויטער פאָדעם ציט ער זיך ביז רבי יהודה הלויס קלאָג־ליד "ציון הלא תשאלי", דורך די קינות אין משך פון די קרייצצוגן, דורך גזירת ת"ח, דורך ביאַליקס "שחיטה־שטאָט" ביז צו דער שרעקלעכער מגילת "ניטאָ" פון דיכטער ז. סעגאַלאָוויטש, ווו ער האָט אויס־געקלאָגט און אויסגעיאָמערט אונדזער דריטן חורבן, בימי היטלער הרשע.

"ספר קהלת", וואָס ווערט געלייענט נאָך ער היום בכל תפוצות ישראל, אינם סוף יום־טוב סוכות, אינם אומעטיקן הארבסט, ווען די גאנצע נאטור, מיט איר גרינעם־זומערדיקן לבוש, הייבט אָן אָפּצושטארבן.

לויט דער מסורה איז עס דאָס דריטע בוך, נאָך "שיר־השירים", "משלי", וואָס זיין פארפאסער איז אויך געווען שלמה המלך. נאָך אלע זיינע תענוגי עולם הזה, הייבט ער אָן צו דער עלטער מאכן מיט זיך א חשבון הנפש : ער פאלט אריין אין א פילאָזאָפיש־פּעסימיסטישן טאָן, און קומט צום טרויעריקן סך־הכל, אז הכל הבל, אלץ איז נארישקייט און אלץ איז נישטיקייט, ווייל סוף אָדם למות . . .

ספר "איוב" — דאָס איז א דראמאטיש ווערק, אָנגעלאָדן מיט אַזוי־פיל מענטשלעכן טראגיזם מיט אזויפיל מענטשלעכן פּיין און יסורים, מיט ספקות און מיט שווערע איבערמענטשלעכע געראנגלען, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן נישט אין דער וועלט־ליטעראטור.

איוב — איז א דראמאטישע שפּיל צווישן טייוול און מענטש, צווישן מענטש און זיין גורל. ער האלט אָבער אויס זיין שווערן נסיון. איוב ווארפט נישט קיין שטיין אין הימל. ער שילט נישט גאָט. ער איז מקבל זיינע יסורים באהבה. ווייל דער אמתער מאמין רעזיגנירט נישט פון

זיין גלויבן. אין דעם קאמף צווישן מאכט און גערעכטיקייט, קומט ארויס איוב דער זיגער, דער גערעכטער.

וועגן דעם דאָזיקן איוב־פּראָבלעם איז שוין אָנגעשריבן געוואָרן א גאנצע פילאָזאָפישע ליטעראטור און הערט נאָך אַלץ נישט אויף צו צינדן די פאנטאזיע פונם שעפערישן קינסטלער אויף אלע געביטן פון קונסט. און טאקע ערשט ניט לאנג האָט אונדזער דיכטער ה. לייוויק אָנגעשריבן א פילאָזאָפישע דראמע מיטן נאָמען "אין די טעג פון איובן".

און איצט וועלן מיר זיך נאָך אָפּשטעלן אויף א ווײַלע אויפן ספר תהלים — די פּסאלמען, די מזמורים, די הללויהס, וואָס זיינען געזונגען געוואָרן אין כאָר אין בית־המקדש, אין באגלייטונג מיט כלערליי מוזיק אינ־סטרומענטן, און פארנעמען אויך דעם חשובסטן פּלאַץ אין אונדזער הייניקן סדר התפילות.

תהלים — דאָס איז דער לייטער דורך וועלכן די מענטשלעכע נשמה קאָן זיך דערהויבן אזש צום הימל; דער תהלים מיט זיין גלאָריע פון "השמים מספרים כבוד אל", קאָן דער מענטש זיך אָנצינדן צום העכסטן רעליגיעזן עקסטאז, ביז צו דער גרויסער השתפכות הנפש פון "כל עצמותי תאמרנה ה'".

מיטן כוח פון א קאפיטל תהלים האָבן יידן נישט איינמאָל געהאט אָפּגעשריען א פינצטערע גזירה; מיטן קאפיטל תהלים־געזאנג זיינען יידן נישט איינמאָל געגאנגען על קידוש השם; מיט א קאפיטל תהלים האָט מען מקבל געווען א ניי־געבאָרענעם נפש בישראל און מיט א קאפיטל תהלים אים ארויסבאגלייט צו זיין אייביקער רו; מיט זיינע זיסע, הארציקע הללויהס האָבן מיר באזונגען אונדזערע יום־טובים און מיט זיינע קלאָג־לידער האָבן מיר באוויינט און באקלאָגט אונדזערע פאָלקס אומגליקן.

דאָס איז אין קורצע שטריכן דאָס בילד וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די "כתובים", די דריטע אָפּטיילונג אין אונדזער תנ"ך.

מיט דעם האָבן מיר פארענדיקט דעם ערשטן און צווייטן שטאָק פון אונדזער תנ"ך־ליטעראטור.

און איצט וועלן מיר נעמען ארויפשטייגן צו אונדזער דריטן שטאָק פון אונדזער אלט־נייער ליטעראטור. דאָס איז די "משנה" און די "גמרא".

ג. די תלמודישע ליטעראטור

די תורה איז קיינמאָל ביי יידן נישט באטראכט געוואָרן ווי אן אָפּ־געשלאָסן בוך, ווי די תורות ביי אנדערע פעלקער. די יידישע תורה ווערט דאָך פארגליכן צו א שטראָמיקן וואסער, "אין תורה אלא מים" — וואָס הערט קיינמאָל נישט אויף צו שטראָמען. ווי גיך מיר פארענדיקן לייענען דעם לעצטן פסוק פון דער תורה, פאנגען מיר באלד ווידער אָן פון אנהויב, פון "בראשית ברא אלהים" אא"וו. אן אייביקער שאפונגס פּראָצעס.

ביי קיין שום אומה ולשון איז דאָס לעבן מיטן לערנען נישט געווען אַזוי צונויפגעבונדן ווי ביי אונדז ייִדן. ווי ס'ווערט געזאָגט : "גדול תלמוד — שמביא לידי מעשה". דאָס לערנען ביי ייִדן האָט באַווירקט און צעמענטירט דאָס אַקטיווע ייִדישע לעבן.

אונדזער תורה איז אויך שטענדיק בבחינת "פּושט צורה ולובש צורה" — אין יעדער צייט און אין יעדער דור נעמט זי אָן נייע פֿאָרמען, נייע געשטאַלטן. אָבער די נייע פֿאָרמען מוזן תמיד זיין באַזירט אויף דער טראַדיציע פֿון משה קבל תורה מסיני; זיי מוזן ציען זייער יניקה זייערע לעבנס-זאַפטן פֿון די סאַמע ערשטע וואָרצלען. אַזוי גייט אונדזער געשיכטלעכער גאַנג פֿון אונדזער קולטור.

ווי גיך ס'האָט זיך געהאַט פֿאַרענדיקט דער נביאים-פּעריאָד, זיינען באַלד געקומען די סופֿרים, מיט זייער גייסטיקן פֿירער עזרא הסופֿר בראש, אין דער צייט פֿון דער פּערסישער הערשאַפֿט, און גענומען פֿאַרשפּרייטן די תורה אין פֿאָלק. די "אנשי כנסת הגדולה" האָבן אויפֿגעשטעלט אַ נייעם "סיג לתורה" — נייע צאַמען, נייע געזעצן. זיי האָבן געשאַפֿן די ערשטע צוואַנג-שול פֿאַר קינדער, וואָס איז געווען די ערשטע פֿאָלק (פּאַבליק) שול אין דער וועלט. נאָך זיי, אין דער צייט פֿון די חשמונאים, זיינען געקומען נייע פֿאָלקס-לערער, די פּרושים, וואָס האָבן ווייטער געשפּונען דעם ייִדישן גייסט.

אין ירושלים זיינען אויפֿגעקומען די גרויסע ישיבה-אַקאַדעמיעס, די בית-הלל און בית-שמאי, פֿון וואַנען ס'זיינען אַרויסגעקומען הונדערטער נייע תלמידים, נייע פֿאָלקס לערער, נייע גייסטיקע פֿירער, ווי רבי יוחנן בן זכאי און זיינע תלמידים. נאָכן חורבן בית שני איז געקומען יבנה וחכמיה און דער גייסטיקער ריז רבי עקיבא מיט זיינע טויזנטער תלמידים, אַזוי אַז דער שעפֿערישער ייִדישער גייסט האָט זיך נישט געהאַט אָפּגעשטעלט אַפֿילו אויף קיין איין מינוט נישט. דער סך-הכל איז, ס'האָט זיך געהאַט געשאַפֿן אַ נייע תורה שבעל פּה, מיט נייע הונדערטער פּירושים אויף יעדער אות פֿון תורת-משה, מיט נייע אָריענטירונגען און מיט נייע געזעצן, אין איינקלאַנג מיטן נייעם ייִדישן לעבנס-שטייגער. מ'האָט די אַלע דינים און געזעצן געהאַלטן אין איין מאָדערניזירן און ליבעראַליזירן. און אין דער זעלבער צייט האָט מען אויך געדראַפּט סאַנקציאָנירן די אָנגענומענע פֿאָלקס מנהגים, די נייע געשאַפֿענע פֿאָלקס-פֿאָרמען, און זיי פֿאַרוואַנדלען אין הלכה למעשה. דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן כדי צו שטאַרקן און צו קרעפֿטיקן און צו פֿאַרזיכערן דעם קיום האומה.

וואָרום דאָס ייִדישע פֿאָלק איז שוין אין יענער צייט געווען כמעט אַ וועלט-פֿאָלק. די ייִדן אינם קליינינקן ארץ ישראל, וואָס איז שטענדיק געווען אַ בריק צווישן לענדער און פֿעלקער, זיינען שוין מער נישט געווען

א פויערים־פאָלק, נאָר אויך אַ אינדוסטריעל און האנדלס פאָלק. און וואָס מער זיי זיינען געקומען אין נאָענטן באַריר מיט די ארומיקע פעלקער: עגיפּטער, סיריער, פעניקיער, פערסיער, גריכן און רוימער, אַלץ מער האָט זיך געענדערט זייער שטייגער־לעבן. אין דער זעלבער צייט האָט זיך אויך אָנגעהויבן שטאַרק פאַרשפּרייטן דאָס קריסטנטום. ס'האָט געגומען דראָען די סכנה שתשתכח תורה מישראל; דער נייער אָנגעזאַמלטער אוצר פון דער תורה שבעל פה, קאָן נאָך חלילה פארגעסן ווערן.

איז געקומען דער גרויסער תנא רבי יהודה הנשיא, וואָס איז געווען דער פירער פון די יידן אין ארץ ישראל אין דער צייט פון דער רוימישער אָקופּאַציע. ער האָט, מיט דער הילף פון זיינע חברים און תלמידים, צונויפגעזאַמלט די אַלע הונדערטער און טויזנטער געזעצן, זיי קלאַסיפיצירט, סיסטעמאַטיזירט און זיי פארשריבן אין זעקס סדרים, אין זעקס אָפּטיילונגען, אונטערן נאָמען משנה — ש"ס, די צווייטע תורה שבכתב — משניות.

פאַרשטייט זיך, אַז די אַלע נייע פאַרשריבענע געזעצן האָבן געמוזט זיין באַגרינדעט אויף די פריערדיקע געזעצן פון תורת משה, ווי למשל: דער אַלטער געזעץ פון "עין תחת עין", אַן אויג פאַר אַן אויג, האָבן די חכמים, די געלערנטע צוגעגעבן בלויז איין וואָרט: ממון, באַצאָלן מיט געלט פאַרן אויג.

אַזוי אויך וועגן שטרענגען שבת־געזעץ פון "לא תעשה כל מלאכה", האָבן די נייע געזעצגעבער געזאָגט, אַז ווען ס'קומט צו פיקוח־נפש, ווען מ'דאַרף ראַטעווען אַ קראַנקן, צי פון אַן אַנדער סכנה, דעמאָלט פאַלן אַוועק אַלע געזעצן; די מצווה פון ראַטעווען אַ מענטשן איז שטאַרקער פונם געזעץ פון שמירת שבת ווייל וחי בהן, ולא שימות בהן — די תורה איז געגעבן געוואָרן כדי צו באַשיצן און אויפהאַלטן דעם מענטשנס לעבן, אָבער נישט חלילה די געזעצן זאָלן אים אומברענגען.

און נאָך אַ זאַך: דער גרעסטער טייל פון די פאַרשריבענע געזעצן פון דער "משנה" האָט געהאַט מער צו טאָן מיטן "בין אדם לחברו", אין שייכות מיט מענטש צו מענטש, איידער מיטן "בין אָדם למקום", מיט די פליכטן פון מענטש צו גאָט. ווייל אויף די עבירות פון מענטש צו גאָט קאָן יום־כיפור מכפר זיין, אָבער אויף די זינד פון מענטש צו מענטש, קאָן יום־כיפור אויך נישט פאַרגעבן, נאָר "עד שירצה את חברו" — ער מוז פריער זיין געקריוודעטן שכן איבערבעטן, און אויב ער האָט אים גורם געווען מאַטעריעלן שאָדן, דאַרף ער אים באַצאָלן קאָמפּענסאַציע.

אַ חוץ דעם האָבן די געזעצן פון דער משנה געהאַט אויך נאָך אַ הייליקערע מיסיע, און דאָס איז די: צו פאַרבעסערן און צו פאַרשענערן דעם מענטשנס נשמה; ארומצאַמען אים מיט אַזעלכע געזעצן, וואָס זאָלן קאָנטראָלירן זיינע מעשים, זיינע גלוסטונגען, ווייל דער גאַנצער זין פון

יידישקייט איז דאָך בלויז אז דער מענטש זאָל האָבן אויף זיך א זעלבסט־קאָנטראָל. אזוי ארום וועט ער ווערן א בעסערער מענטש פאַר זיך, פאַר זיין משפחה, פאַר זיין פאָלק און פאַר דער גאנצער מענטשלעכער געזעל־שאַפט.

אָט די אלע דינים און געזעצן האָבן דעם מענטש באגלייט און באַ־שיצט פון וויגל ביזן גריבל, וואָס אויף אונדזער היינטיקן לשון רופן מיר עס אָן "סאָשל סעקיוריטי".

היות אבער ווי דער רעדאַקטאָר פון דער משנה, רבי יהודה הנשיא, אָדער "רבי", ווי מ'האָט אים געהאט באַטיטלט, אוים אנערקענונג פאַר זיין ריזיקער ארבעט, האָט באנוצט זייער א קאָנדענסירטע, אקאַדעמישע העב־רעישע שפראַך, מיט א צומיש פון אראַמעיש, האָט דאָס שפּעטער געבראַכט צו נייע מיינונגס פאַרשיידנהייטן און צו נייע אויסטייטשונגען, וואָס האָבן זיך געהאט געצויגן גאַנצע יאָרהונדערטער.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער פּעריאָד פון די אמוראים, — די תלמידים פון די תנאים. די דאָזיקע נייע לערער פון פאָלק האָבן גענומען אויסטייטשן און אויפקלערן די כוונה פון דער אָדער יענער משנה, כדי ארויסצודרינגען פון איר א נייע הלכה, א נייעם געזעץ, אינם אָנבליק פון דער נייער צייט.

אין די ישיבות פון גליל, אין ארץ־ישראל, איז אָנגעגאַנגען א פּי־בערהאַפטע ארבעט. ס'האָבן זיך אָנגעקליבן פאַר דער צייט טויזנטער נייע סברות, נייע מיינונגען, נייע געזעצן און אויך טויזנטער מימרות, פּתגמים, אגדות, שטיקער געשיכטע פאַרוועבט מיט כלערליי פאָלקס מעשות. אין קורצן : ס'האָט זיך געשאַפן א נייע תורה שבעל פה מיט א ריזיקן נייעם אָנגעזאַמלטן אוצר פון פאָלקלאָר.

אין דער זעלבער צייט האָט די מזרחדיקע ביזאַנטישע קריסטלעכע מלוכה אָנגעהויבן אלץ מער און מער צו האָגלען מיט נייע שווערע גזירות אויף די יידן אין ארץ ישראל. די ישיבה־אקאַדעמיעס האָבן גענומען צאַנקען, אויסגיין. ס'האָט זיך ווידער אָנגערוקט די געפאַר, אז די נייע תורה שבעל פה קאָן נאָך חלילה פאַרגעסן ווערן, האָבן די אמוראים פון ארץ ישראל גענומען אויף זיך דאָס אלץ צו פאַרשרייבן. אזוי ארום איז געשאַפן געוואָרן דער תלמוד ירושלמי, וואָס איז געווען דער פאָרויסגייער פאַרן שפּעטערדיקן, גרעסערן תלמוד בבלי, וועגן וועלכן מיר וועלן ריידן שפּעטער.

אָבער דער "שומר ישראל", וואָס שטייט תמיד אויף דער וואך פון אונדזער געשיכטלעכן גאַנג, האָט שוין באצייטנס געהאט צוגעגרייט א נייעם יידישן קולטור צענטער, וואָס זאָל ווייטער קאָנען פאַרזעצן שמידן די רינגען

אין אונדזער גאָלדענער קייט. דאָס איז געווען דער גרויסער קולטור־צענטער -- בבל, וואָס האָט זיך געהאַט געצויגן העכער טויזנט יאָר.

נישט קוקנדיק אויף די אַלע אָפּטע פּאָליטישע און רעליגיעזע אויפֿטרייסלונגען אין יענעם ווינקל פון דער ערד, האָבן יידן געלעבט די גאַנצע צייט ווי א מלוכה אין א מלוכה, מיט אן אייגענער זעלבסטפאַרוואַלטונג, מיט אן אייגענעם פּרעזידענט, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען ריש גלותא און איז געווען אי דער פּאָליטישער און אי דער גייסטיקער פירער פונם גאַנצן באַבילאָנישן יידנטום.

און פּונקט ווי עזרא הסופר האָט צוריקגעבראַכט די תורה פון בבל קיין ארץ־ישראל, אזוי אויך האָבן שפּעטער רב און שמואל, די תלמידים פון רבי יהודה הנשיא, געבראַכט מיט זיך די משנה, די צווייטע תורה, צו זייער היימלאַנד בבל. און ביי די טייכן פון פּרת און חידקל האָבן זיי אויפגעשטעלט נייע ישיבה־אַקאַדעמיעס: נהרדעא, סורא, פּומבדיתא, וו מען האָט געלערנט און שטודירט מיט גרויס פליים די משנה, וואָס איז אויך געוואָרן די קאָנסטיטוציע פאַר דעם יידישן פאָלק אין בבל. די אמוראים, די סבוראים ביז די לעצטע "גאונים", האָבן מיט א שטאַרקער האַנט פאַרשפּרייט די תורה צווישן אַלע שיכטן אין פאָלק. דער יידישער קולטור־צענטער בבל איז איצט געוואָרן דער ליכטיקער טורעם פאַר אַלע דאַמאָלסטדיקע יידישע תפוצות אין דער וועלט, אזוי אז מ'האָט שוין געהאַט אָנגעהויבן צו זאָגן: כי מבבל תצא תורה, אָנשטאָט "מציון תצא תורה".

דער גרויסער געלערנטער אמורא, רב אשי, האָט געהאַט אוועקגעגעבן מער ווי פופציק יאָר פון זיין לעבן צוזאַמענצושטעלן איין גרויסן, ריזיקן ווערק, וואָס האָט ארומגענומען אַלץ וואָס דער יידישער גייסט האָט געשאַפן פאַר די אַלע הונדערטער יאָרן. דאָס איז דער תלמוד בבלי, אָדער די גמרא.

דער תלמוד בבלי איז אן אומגעהייער־ריזיקע ענציקלאָפּעדיע, וואָס באַשטייט פון 66 מסכתות, גמרות, אין וועלכער ס'איז פאַרקערפּערט גאַנצע זעקס הונדערט יאָר פון יידישען שאַפן אויף אַלע געביטן. דאָס איז נישט בלויז א קאָדעקס פון געזעצן, נאָר אויך א ספר צום לערנען, וו יעדער ייד קאָן אין אים געפינען אַלע ידיעות וואָס נאָר זיין האַרץ גלוסט, אפילו אַלגעמיינע מענטשלעכע וויסנשאַפטן פון יענער צייט, ווי אַסטראָנאָמיע, פילאָזאָפיע, מעדיצין, מאָראַל, היסטאָריע, זאָאָלאָגיע, באָטאַניק, און אויך לעבנס־שילדערונגען, מעשות, אגדות, לעגענדעס, פּתגמים, מימרות, אפאָריזמען, ווערטלעך, שפּריכווערטער און וואָס נישט?

דער תלמוד בבלי, צוזאַמען מיט דער משנה, האָט געהאַלטן אין משך פון הונדערטער יאָרן אין איין צעמענטירן דאָס פאָלק אין זיין לאַנגן גלות.

די גמרא — דאָס איז געווען זיין גייסטיקע מלוכה אונטערוועגנס. אין די גרויסע בלעטער פון תלמוד האָט דער ייד תמיד געפונען מוט און ביטחון, אויף צו להכעיס זיינע שונאים. ווי ביאליק האָט עס קינסטלעריש געהאַט אויסגעדריקט אין איינער פון זיינע פּאָעמעס:

„פּאַליאַנטן פון תלמוד, איר בלעטער אלטע,
לעגענדן פון שיין און נחמה —
אין נישטיקן לעבן, ווען טרויעריק ווערט מיר,
אין אייך געפינט טרייסט מיין נשמה". (די יידישע לעגענדע).

נישט אומזיסט האָט די קאַטוילישע קירך אין מיטלאַלטער געטראָגן אַזאַ בלוטיקע שנאה צום תלמוד, ווייל זי האָט געוווסט אַז אַזוי לאַנג ווי יידן וועלן זיך קלאַמערן און לערנען דעם תלמוד, וועלן די יידן זיך קיינמאָל נישט שמדן. און דערפאַר טאַקע האָט זי אים נישט איינמאָל געהאַט פאַר־משפּט צו פאַרברענען אויף די עפנטלעכע שייטערהויפנס אינאיינעם מיט די קינדער פון תלמוד.

צוליב אָט דעם דאָזיקן תלמוד איז ביי אונדז אליין פאָרגעקומען נישט איינמאָל שווערע קולטור־קאַמפן. ס'זיינען אויפגעשטאַנען יידישע סעקטעס, ווי די צדוקים און שפּעטער די קראים, די קאַראימער, וואָס האָבן בלויז אנערקענט די תורת משה און נישט דעם תלמוד, באשר בכן ער איז נישט געגעבן געוואָרן אויפן בארג סיני. דער סוף פון די אלע סעקטעס איז געווען אי פאר זיי און אי פאר אונדז א טרויעריקער: זיי זיינען, ווי אָפּגעבראָכענע צווייגן פון א בוים, אָפּגעשטאָרבן פארן יידישן פאָלק. און נישט איינער פון זיי איז נאָכדעם אריינגעפאלן אינם לאַגער פון אונדזערע שונאים.

דער גרויסער „ים התלמוד", אין וועלכן דורות יידן האָבן געשווו־מען אין אים, האָט אונדז געטראָגן דורך כלערליי אומגליקן, גזירות און בילבולים, פון איין לאַנד צום אנדערן, ביז מיר האָבן דערגרייכט צו א נייעם ברעג, צו א מער זיכערן ישוב, וווּ מיר האָבן באלד פונדאָסניי גענומען אויפ־שטעלן נייע „אהלי שם ועבר", נייע געצעלטן, נייע ישיבות, נייע קולטור־צענטערס, וואָס האָבן ווידער אריינגעשמידט נייע רינגען אין אונדזער גאָל־דענער קייט.

אין קורצן: די „משנה" און תלמוד־ליטעראַטור, ווי די תנ"ך־ליטעראַטור, איז איר הויפּט־ציל געווען רק צו באשיצן דעם מענטש, דעם יחיד, קעגן אלערליי שאָדנס און קריוודעס, סיי מצד זיין שכן און סיי מצד דער געזעלשאפט, ווייל דער מענטש אליין איז אן עולם קטן בפני עצמו. דאָס איז א ריין הומאַניסטישע תורה־ליטעראַטור, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן נישט צווישן אלע אנדערע וועלט־ליטעראַטורן.

ד. די העברעישע ליטעראַטור אין דער שפּאַנישער "גאָלדענער תקופה".

דער שטאַרק איינגעפונדעוועטער קולטור־צענטער און בבל, וואָס האָט זיך געהאַט געצויגן העכער טויזנט יאָר, איז אונטערגעגאַנגען צוליב פאַר־שיידענע סיבות, אויף וועלכע מיר קאָנען זיך איצט נישט אָפּשטעלן. עס איז ווידער אנטשטאַנען די סכנה, אַז די תורה ביי יידן זאָל חלילה פאַרגעסן ווערן. אָבער די השגחה העליונה, וואָס גיט שטענדיק אַכטונג אויף אונדזער געשיכטלעכן גאַנג, האָט שוין פון פאַרויס געהאַט צוגעגרייט פאַר אונדז אַ נייעם גייסטיקן קולטור־יורש, וואָס זאָל איבערנעמען די אָנגעזאַמלטע קולטור־אוצרות פון די פריערדיקע דורות און זאָל ווייטער קענען וועבן דעם גאָל־דענעם פּאַרדעס. דאָס איז געווען דער נייער קולטור־צענטער אין שפּאַניע, וואָס איז באַקאַנט אין אונדזער געשיכטע מיטן נאָמען: "די גאָלדענע עפּאָכע" וואָס האָט געדויערט אַרום 300 יאָר, פונם 10טן י"ה ביזן סוף 13טן י"ה.

דער דאָזיקער יידישער ישוב אין שפּאַניע, האָט אַרויסגעגעבן פון זיך באַרימטע שטאַטסלייט, פילאָזאָפן און דענקער, ווי חסדאי איבן שפּרוט, ר' שמואל הנגיד און דער רמב"ם. און נאָכמער צייכנט זיך אויס די דאָזיקע תקופה מיט אירע באַרימטע דיכטער און פּיטנים, ווי דער אויבנדערמאָנטער ר' שמואל הנגיד, שלמה איבן גבירול, משה אבן עזרא, רבי יהודה הלוי, אברהם אבן עזרא, יהודה חריזי און צענדליקער אַנדערע, וואָס יעדערער אויף זיין געביט האָט געשאַפן אייביקע ווערטן אין דער העברעישער פּאָע־זיע, און האָבן צוריק אויפגעלעבט די העברעישע שפּראַך און זי דערהויבן צוריק צום תנ"ך לשון. און אין דער זעלבער צייט האָבן זיי געשאַפן נייע פאָר־מען, נייע מאָטיוון, מיט אַ נייעם סטיל און נוסח. ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער פאַנאַנדערבלי פון דער רעליגיעזער און סעקולערער פּאָעזיע.

אַ סך פון זייערע שירים זיינען פאַרהייליקט געוואָרן ביים פאָלק, שיר נישט ווי מזמורים פון תהלים. אַ סך פון זייערע רעליגיעזע לידער־פּיוטים זיינען אַריינגענומען געוואָרן אין אונדזער סידור און מחזור, ווי דער "כתר מלכות" פון שלמה איבן גבירול און דער "ציון הלא תשאלי" פון רבי יהודה הלוי, וואָס איז אַריין אין אונדזערע קינות, און נאָך אַנדערע צענדליקער פּיוטים, קלאָג־לידער אויפן חורבן ירושלים און אויפן חורבן פון הונדערטער מערב איי־ראָפּעישע קהילות. ווער איז עס איצט אומשטאַנד זיי אַלע אויסצורע־כענען? ס'וואָלט געדאַרפט פאַרנעמען צענדליקער קאַפּיטלען.

אַ חוץ זייערע "שירי קודש", תפילות, פּיוטים און פזמונות, האָבן זיי אויך פאַרפאַסט הונדערטער וועלטלעכע לידער: נאַטור־לידער, ים־לידער, ליבע־לידער און וועגן אַנדערע לעבנס־ענינים. די דאָזיקע פּלעיאַדע דיכ־טער אין דער גאָלדענער עפּאָכע אין שפּאַניע, האָט דערהויבן די העברעישע פּאָעזיע הימל־הויך. אָט די דאָזיקע גאָלדענע תקופה אין שפּאַניע, וואָס האָט זיך געצויגן אַ משך פון קאַרגע דריי הונדערט יאָר, איז אויך איינער פון אונד־

זערע וויכטיקסטע מייל־צייכנס אין דער געשיכטע פון אונדזער אלט־נייער ליטעראטור, וואָס מיר באצייכענען אים אלס דעם פערטן שטאָק.

ה. די ליטעראטור פון די "חכמי לותר"

אין דער זעלבער צייט פון דער גאָלדענער עפּאָכע אין שפּאניע, האָט זיך ביי די ברעגן פוןביידע זייטן פון טייך רהיין, צווישן דייטשלאנד און פראנקרייך, זיך געהאט צעבליט א גרויסער יידישע קולטור צענטער. אין וועמעס שפּיץ ס'זיינען געשטאנען די בארימטע "חכמי לותר", די גע־לערנטע פון לאָטארינגען, וואָס האָבן מערסטנטייל זיך אָפּגעגעבן מיטן שטודיום פון תלמוד.

נישט קוקנדיק אויף די אלע בלוטיקע קרייצצוגן, די שטענדיקע פארפאָלגונגען פון דער קאטוילישער קירך און די צרות און לײדן פון די געלט־גייציקע ציווילע הערשער, זיינען דאָרט אויפגעקומען גרויסע יידישע קהילות, מיט גרויסע ישיבה־אקאדעמיעס, וואָס האָבן ארויסגעגעבן פון זיך גייסטיקע ריזן, ווי רבנו גרשום מאור הגולה, און א צווייטער, נאָך א פיל גרעסערע גייסטיקע געשטאלט איז רבי שלמה יצחקי, וואָס איז באקאנט מיטן נאָמען רש"י.

רש"י האָט זיך בארימט געמאכט איבער דער גאנצער יידישער וועלט מיט זיין פירוש אויף דעם תלמוד בבלי און אויפן תנ"ד. מיט דעם דאָזיקן פירוש האָט רש"י געגעבן א שליסל צו דעם שווערן, פארוויקלטן תלמוד־ווערק. אָן זיינע פירושים און קאָמענטארן וואָלט דער תלמוד, די גמרא, אין דעם אראמעישן לשון, פארגעסן געוואָרן.

און אויב מ'האָט געקענט אין משך פון הונדערטער יאָרן לערנען אפילו מיט 7־8 יאָריקע קינדער אין די אמאָליקע חדרים די שווערע גמרא, איז דאָס נאָר א דאנק רש"ין מיט זיין פשוטן קינסטלערישן פארטייטשן און דערקלערונגען צו די אלע שווערע ווערטער, באגריפן און אויסדרוקן. אזוי אויך האָט ער מיטן זעלבן שליסל אויפגעעפנט פאר אונדז דעם תנ"ד. און ביז היינט צו טאָג ווערן נאָך געלערנט אין אלע רעליגיעזע שולן און ישיבות "חומש מיט רש"י", נביאים מיט רש"י און גמרא מיט רש"י.

דער דיכטער יהואש, וואָס האָט העכער צוואנציק יאָר פון זיין לעבן אוועקגעגעבן אויף דער איבערזעצונג פון תנ"ך אויף יידיש, האָט זיך כסדר סומך געווען אויפן פירוש רש"י.

רש"ים פירוש איז א גרויסע, ריזיקע ענציקלאָפּעדישע ארבעט. עס איז ממש צו באוואונדערן ווי אזוי איין מענטש האָט געקענט באוויזן דורכ־צופירן אזא ליטעראַרישע ארבעט. דאָס באווייזט נאָר וואָס פאר א גייס־טיק שעפערישע טעטיקייט עס איז אָנגעגאנגען אין יענעם קולטור־צענטער ביי די ברעגן פון טייך רהיין.

פון רש"ים ישיבה, אין טרוא, פראנקרייך, זיינען ארויסגעקומען הונדערטער תלמידים, צווישן זיי די בארימטע בעלי תוספות, ווי דער רבנו תם, דער רשב"ם, רש"ים אייניקלעך און אנדערע.

אין דער זעלבער צייט האט זיך אויך אין אנדערע קהילות אין דייטש־לאנד, פראנקרייך און איטאליע, אזש ביזן 14טן י"ה, זיך שטארק פאנאנדער געוואקסן די העברעישע פאעזיע, באזונדערס דער פיוט. פון די באדייטנדיקסטע פיטנים זיינען געווען: אמתי בן שפטיה, וואס האט זיך קונה שם געווען מיט זיין פיוט "אזכרה אלוקים ואהמיה"; משולם בן קלונימוס, וואס האט געלעבט סוף 10טן און אנהייב 11 י"ה אין איטאליע און האט פארפאסט דעם "ברח דודי" און אנדערע, און דער אויבנדערמאנטער גרשום בן יהודה (מאור הגולה), וואס איז געבוירן געווארן אין יאר 960, געלעבט אין מיינץ, דייטשלאנד, און האט מחבר געווען א צאל סליחות און פיוטים.

אט אזוי האט דער יידישער גייסט געהאלטן אין איין שאפן פאר די קומענדיקע דורות. אזוי גייט דער געשיכטלעכער גאנג פון אונדזער אלט־נייער ליטעראטור, ווי איין רינג שמידט זיך ארייַן אינם צווייטן, אזוי אן א סוף.

ו. די רבנישע ליטעראטור

דאס יידישע פאלק אין זיין ווייטערדיקן געשיכטלעכן גאנג אין דער וועלט, האט, ווי אלעמאל, איבערגעלעבט עליות, אויפשטייגונגען, און ירידות, און נייע חורבנות. די אפטע בלוטיקע קרייצצוגן, פאגראמען, שחיטות, גירושים און בילבולים, האבן פארניכטעט די בליענדע קולטור־צענטערס ביי די ברעגן פון טייך רהיין אין דייטשלאנד־פראנקרייך.

אבער דער קרייצטרעגער מיטן רויטן צלם אויף זיין ברוסט און מיט דער שווערד אין דער האנט, האט נאר געקענט פארטיליקן דעם יידישן גוף מיט זיין האב און גוטס, אבער נישט זיין נשמה, זיין קולטור.

די גולי אשכנז וצרפת, די אנטרונענע פון צלם און שווערד, זיינען נאך לאנגע וואגלענישן צוגעקומען צו די ברייטע אפענע פליינען, וואס זיינען געלעגן ביי די טייכן ווייכסל־בוג און ניעמאן, אין מזרח אייראפע, ווו לויט דער לעגענדע האבן זיי געפונען אויף דער נייער ערד א פתקא, א הייליקע שריפט, מיט די ווערטער: פה־לין, דא נעכטיק, דא מאך דיין הארבעריק.

דער שפרודלדיקער יידישער גייסט האט באלד ווייטער אנגעהויבן בויען נייע ישובים, נייע קהילות מיט נייע בתי מדרשים און ישיבות — נייע תורה צענטערס. אין משך פון יארן זיינען אין ביידע שכנישע לענדער, פוילן און ליטע, אויפגעקומען א גרויסער יידישער ישוב, א נייער קולטור־צענטער, א נייע גאלדענע תקופה, מיט אן אייגענעם יידישן סיים־פארלא־

מענט — דער "ועד ארבע הארצות", מיט א פולשטענדיקער קולטור־אויטאָנאָמיע, ווי אין די צייטן פונם תלמודישן בבל.

פון דעם דאָזיקן קולטור־צענטער מיט זיינע צענדליקער ישיבות, ווו ס'האָבן זיך געלערנט הונדערטער, טויזנטער ישיבה־בחורים, זיינען ארויסגעקומען גרויסע, ליכטיקע פערזענלעכקייטן, גאונים, די "חכמי לובלין". דער רמ"א (רבי משה איסרליש), דער רש"ל (רבי שלמה לוריא), דער מהר"ם, דער מהרש"א און נאָך אנדערע גדולי ישראל, וואָס האָבן געשריבן פירושים צום תלמוד און פוסקים און "תשובות" אויף שאלות, וואָס מען האָט צו זיי געשיקט פון דער גאנצער וועלט. ס'האָט זיך צעבליט א גרויסע רבנישע ליטעראטור.

אין דער זעלבער צייט איז אויך אויפגעקומען א היבשע מוסר־ליטעראטור, מוסר־ספרים, — ביכער פאר מאָראל, עטיק און גוטער אויפפירונג אין העברעיש און אויך אין יידיש, כדי דאָס פשוטע פאָלק, בעל־מעלאָכעס און פרויען זאָלן עס קענען לייענען און וויסן ווי אזוי צו גיין אין גאָטס וועגן.

אָט דער דאָזיקער קולטור־צענטער אין פוילן־ליטע האָט זיך געצויגן א קיימא לן פון טויזנט יאָר, ביז אין אונדזערע היינטיקע טעג, ביז ער איז פארשניטן געוואָרן פונם גרויזאמסטן שונא פונם יידישן פאָלק.

אָבער אויך דאָ איז דעם שונא געלונגען צו פארטיליקן בלויז דעם גוף פונם פאָלק אָבער נישט זיין קולטור. פון דער דאָזיקער אָנגעזאמלטער טויזנט־יאָריקער קולטור ירושה, וועלן מיר נאָך לאנג ציען אונדזער גייסטיקע יניקה אזוי לאנג ווי דאָס יידישע פאָלק וועט לעבן.

מיר קאָנען זיך אויך דאָ לענגער נישט אָפּשטעלן. מיר מוזן גיין ווייטער מיטן זעלבן קפיצת הדרך שפאַן. מיר האָבן בלויז פרובירט אָנווייזן אויף נאָך א מייל־צייכן, ווי דער זעקסטער שטאָק אין דעם געשיכטלעכן גאנג פון אונדזער אַלט נייער ליטעראטור.

ז. די קבלה־ליטעראטור

די שטאָלצע שפאניש־ספרדישע יידן זיינען אינם יאָר 1492 ארויסגעריסן געוואָרן מיט די וואָרצלען פון דער שפאנישער ערד, ווו זיי האָבן זיך געהאט באזעצט נאָך איידער ס'איז פארשפרייט געוואָרן די הערשאפט פונם צלם אויף דער וועלט. די אומגליקלעכע גולי ספרד זיינען ווי דורך א שטורעם צעשפרייט געוואָרן אויף ארבע פינות העולם. א סך פון פון זיי האָבן געפונען זייער קבר אין די כוואליעס פון די ימים; א היבשער טייל זיינען ארייננעפאלן אין די הענט פון פיראטן. אָבער דער גרעסטער טייל האָט, נאָך לאנגע יאָרן פון וואָגלען, זיך געהאט ווי ס'איז דערשלאָגן צו די ברעגעס פון טערקיי און פון דאָרט קיין ארץ ישראל, ווו זיי האָבן באוויזן דעם גרויסן

וואנדער אין א פארהעלטנסמעסיקער קורצער צייט אויפצובויען גאנצ באדיי־
טנדיקע קהילות אין קאנסטאנטינאפאל, אדריאנאפאל, סאלאניקי, סמירנא
און אויך אין ירושלים, טבריה און צפת.

נאך די אלע שווערע, טרויעריקע איבערלעבונגען פון די ספרדישע יידן,
האט זיך צווישן זיי פארשפרייט א גרויסע בענקשאפט נאך משיחן, נאך
גאולה און אויסלייזונג. ס'האט זיך פארשטארקט דער גלויבן, אז דער "קץ",
דער סוף פון גלות, איז שוין נאענט, מען שפירט שוין די טריט פון משיחן.

ס'האט זיך צעבליט די קבלה־ליטעראטור. דער הייליקער "זוהר"
וואס ווערט צוגעשריבן צום תנא רבי שמעון בר יוחאי, אלס זיין מחבר, האט
זיך באלד פארשפרייט אין פאלק ווי די ביבל פון דער קבלה. דער גע־
לערנטער דאן יצחק אברבנאל, וואס האט זיך געראטעוועט מיט א צאל
ספרדישע יידן קיין איטאליע, האט אויפן סמך פון "ספר דניאל", געהאט
אויסגערעכנט, אז די נביאות וועגן דער באפרייונג פון "מלכות אדום", פון
דער קריסטלעכער הערשאפט, וועלן גאר אינגיכן מקוים ווערן.

דער אר"י הקדוש (רבי יצחק אשכנזי), דער גרויסער בעל מקובל,
פלעגט ארומגיין מיט זיינע תלמידים אין צפת איבער די "הייליקע
קברים", באזונדערס אויפן קבר פון רבי שמעון בר יוחאי, דעם בעל "הזוהר",
געזאגט תפילות, געפראוועט תעניתים, סיגופים. טאג און נאכט געלערנט
דעם "זוהר" און אנדערע קבלה־ספרים, ווו זיי האבן געזוכט די באהאלטענע
סודות פון דער תורה, כדי צו געפינען א רמז, א ווונק אויפן ביאת המשיח.

זיי האבן געלערנט, זיך געגרונטעוועט אין דער חכמת הקבלה, נישט
סתם לשם לימוד, נאר לשמה, לשם דער פראקטישער קבלה, מיט פייניקן
דעם גוף, אפצורייניקן פון אים יעדן סימן פון ערדישעס, אזוי ארום צו
קענען דערהויבן אין אים די ריינע נשמה, וואס איז א "חלק אלוה ממעל".
ערשט דעמאלט, ווען דער מענטש וועט תשובה טאן, זיך באפרייען פון זיינע
תאוות און גלוסטונגען צו עולם הזה, וועט די וועלט ווערן כולו זכאי, ריין
פון זינד, וועט מען דעמאלט דערהערן די עקבתא דמשיחא, די טריט פון משיחן.

די קבלה־ליטעראטור האט צו יענער צייט געהאט פארכאפט די
מוחות פון דעם גרעסטן טייל פון די גייסטיקע פירער און געצונדן הערצער
אינם פאלק, ווו דער קלימאקס איז געווען די גרויסע שבתי צבי באוועגונג, וואס
האט אין משך פון עטלעכע יאר געהאט ארומגעכאפט, ווי א וואלד־פייער,
א גרויסן טייל פונם יידנטום אין גאר דער וועלט אזוי, אז אפילו אנגעזעענע
קריסטלעכע געלערנטע פון יענער צייט, האבן אויך געגומען גלויבן, אז עפעס
אויסערגעוויינלעכעס גייט געשען צום יידישן פאלק.

די קבלה־ליטעראטור האט אויך געהאט געוואלדיקע פארדינסטן :
זי האט אויפגעוועקט ביים פאלק דאס געפיל צו דער אגדה און צו פאעזיע.

דער סאלאָניקער געלערנטער ר׳ יעקב בן חביב, האָט צו יענער צייט צו־נויפגענומען אלע אגדות פון תלמוד און זיי ארויסגעגעבן אין א באזונדערן ווערק מיטן נאָמען "עין יעקב", וואָס איז אין משך פון דורות געווען ביי יידן דאָס באליבטע ספר, וואָס איז פול מיט כל־ערליי פּאָעטישע און פאַנ־טאַסטישע דערציילונגען.

רבי שלמה אלקביץ, איינער פון די מקובלים אין צפת איז אויך געווען איינער פון די באדייטנדסטע רעליגיעזע פּאָעטן. ער האָט פארפאסט דעם שיינעם הימן, דעם "לכה דודי", לכבוד דער שבת מלכה, אָדער "שבת מלכתא", מיט וועלכן יידן בכל תפוצות ישראל טוען נאָך היינט באגריסן דאָס אָנקומען פונם הייליקן שבת, און איז אריין אין אונדזער סדר התפילות. אין דער זעלבער צייט האָט א צווייטער דיכטער מיטן נאָמען ר׳ ישראל נאגארא, רב פון דמשק און עזה, פארפאסט א צאָל פזמונים אין העברעיש און אין תרגום־לשון אונטערן נאָמען "זמירות לישראל", וואָס זיינען דורכגענומען מיט א טיפן רעליגיעזן נאציאָנאלן געפיל. א סך פון זיינע פזמונים־לידער זיינען אריין אין די סידורים. באזונדערס איז גוט באקאנט זיין פזמון "יה רבון", וואָס איז אריין אין דער זאמלונג פון די שבתדיקע זמירות.

אָט די דאָזיקע קבלה־ליטעראטור האָט באפליגלט די פאנטאזיע פון פאָלק און אים אָנגעגורט מיט נייע גייסטיקע שעפערישע כוחות. זי האָט גע־טרייסט דעם פאָלק אין אלע זיינע שווערע צייטן און געצונדן אין אים די תשוקה, דעם דראנג צו גאולה, צו אויסלייזונג און צום משיחיזם אין אלע זיינע שפּעטערדיקע אנטפלעקונגען ביז צום הערצליזם און דעם ציוניזם. זי איז אויך געווען דער פאָרויסמארש צום אויפקום פונם שפּעטערדיקן חסידיזם. זי האָט אויך געהאט אויסגעיבט א גרויסע השפעה אפילו אויף אונדזער היינטיקער מאָדערנער יידישער ליטעראטור.

אָט אזא גרויסע שעפערישע גייסטיקע ארבעט איז אָנגעגאנגען אין יענער צייט בכל תפוצות ישראל, באזונדערס אינם קליינינקן ישוב אין ארץ ישראל, פון וואנען די קבלה־ליטעראטור האָט געצויגן איר גייסטיקע יניקה.

אָט די קבלה־ליטעראטור באטראכטן מיר פאר דעם זיבעטן עטאַזש אויף דעם גרויסן קולטור־בנין פון אונדזער אלט־נייער ליטעראטור.

ח. די השכלה ליטעראטור

די השכלה־ליטעראטור איז, פארשטייט זיך, א פועל יוצא פון דער השכלה־באוועגונג, וואָס איר אידייען־טרעגער איז געווען דער דייטש־יידישער פילאָזאָף משה, אָדער מאָזעס מענדלסאָן, פון בערלין, וואָס האָט זיך גע־שטעלט פאר זיין לעבנס־ציל צו רעפאָרמירן דאָס יידישע לעבן. מענדלסאָן און זיינע "אפאָסטאָלן", זיינע געטרייע תלמידים און פארערער, ווי פריד־

לענדער, נפתלי הערץ וויזל, יצחק אייכל און אנדערע, האָבן קו"ם כל פאַרוואָרפן דאָס לשון — יידיש, וואָס זיי האָבן באַטראַכט פאַר אַ מיאוסן זשאַרגאָן, און גענומען ריידן דעם שיינעם קלינגענדיקן דייטש; אַנשטאָט דעם אַלטן חדר האָבן זיי אויפגעבויט אַ נייע מאָדערנע שול, ווו די אונ־טערריכט־שפּראַך איז געווען דייטש און אויך העברעיש; אַנשטאָט דער רבנישער ליטעראַטור, מיט איר תלמודיש־אַראַמעישן סטיל, האָבן זיי גענומען שאַפן אַ ריינע העברעישע ליטעראַטור; און אַנשטאָט צו לערנען תנ"ך מיט רש"י און מיט אַנדערע מפרשים, האָט משה מענדלסאָן אָנגעהויבן לערנען מיט זיינע קינדער דעם תנ"ך מיט זיין אייגענער דייטשישער איבערזעצונג.

זיי האָבן געגרינדעט דעם העברעישן זשורנאַל "המאסף", ווו זיינע מיטאַרבעטער, שרייבער און פּאָעטן, האָבן רק געהאַלטן אין איין אָפּלאַכן און אָפּחוזקן פונם אַלטן חדר, פונם אַלטן יידישן לעבנס־שטייגער. זיי האָבן אויך געשריבן פלאַם־פייערדיקע מאמרים־אַרטיקלען מיט תהלות ותש־בחות, מיט ליוב־געזאַנגען צו דער "בת־השמים", צו דער הימלישער טאָכטער — דער השכלה.

די דאָזיקע משכילים, די ראַציאָנאַליסטן, האָבן בלויז פאַרהערלעכט די הייליקע ביבל, דעם תנ"ך. אָבער דאָס לעבעדיקע, אַקטיווע יידישע פאָלק האָבן זיי כמעט נישט דערזען. זיי האָבן נאַיוו געגלייבט, אַז מיטן מאָמענט ווען די יידן וועלן זיך נעמען רעפאָרמירן, וועלן אַוועקוואַרפן זייער יידישע הלבשה, אונטערשערן די באָרד און פאות און וועלן נעמען ריידן דייטש, אַנשטאָט דעם "מיאוסן זשאַרגאָן", וועלן די קריסטלעכע הערשער און די קריסטלעכע שכנים באַלד אויפהערן צו קוקן אויף זיי ווי אויף ווילדע אַזיאַטן און נעמען זיי באַטראַכטן ווי גלייכע מענטשן, ערשט דעמאָלט וועלן זיי ראוי זיין באַגליקט צו ווערן מיט גלייכע בירגערלעכע רעכט.

איז וואָס שייך יידישקייט, אמונה, גלויבן, האָבן משה מענדלסאָנס געטרייע תלמידים געמאַכט אַ טריט ווייטער און געפּרעדיקט: "הוה יהודי באהליך ואדם בצאתך", ד"ה, זיי אַ ייד אין שטוב און אַ מענטש אין גאַס. ווייל, לשיטתם, זיינען ייד און מענטש געווען צוויי באַזונדערע באַשעפענישן.

די רבנים, די רעליגיעזע גייסטיקע פירער, האָבן באַלד דערשפּירט אַז פון "בערלין" יאָגט זיך אַ שונא אויפן קיום פונם יידישן פאָלק. און זיי האָבן קיין טעות נישט געמאַכט, ווארום די דאָזיקע השכלה־באַוועגונג און באַלד נאָך דעם די עמאַנציפּאַציע, וואָס איז געקומען מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פון 1798, האָט געבראַכט שיר נישט צו אַ טאָטאַלער אַסימילאַ־ציע און צו שמד.

די ערשטע צו שמדן זיך זיינען געווען טאַקע משה מענדלסאָנס צוויי געראָטענע און אינטעליגענטע טעכטער, דאָראָטעאַ און הענריעטאַ, און זייערע

קינדער, זיינע אייניקלעך, ווי דער קאָמפּאָזיטאָר פעליקס מענדלסאָן. און געדעכט איז דער דיכטער מנחם באריישאַ ז״ל וואָס זאָגט אין זיין "גייער", אז צו דער לוויה פונם פרומען, רעליגיעזן יידישן פילאָזאָף, משה מענדלסאָן, האָט מען שוין געטראָגן דעם צלם . . .

די דאָזיקע העברעישע השכלה־ליטעראטור האָט אויך נישט באוויזן צו שאַפן עפּעס ווערטפולעס און דויערנדעס. דאָס איז גיכער געווען א נאַיוו־טענדענציעזע ליטעראטור, ווי ס'איז שוין דער כאראקטער פון יעדער מין פּראָפּאגאנדע־ליטעראטור, וואָס איז געגליכן צום קיקיון דיונה, וואָס ווערט געבאָרן מיט זון־אויפגאנג און שטארבט אָפּ מיט זון־אונטערגאנג.

אָבער למען האמת דארף געזאָגט ווערן: אוודאי האָט די דייטשע השכלה־באוועגונג געבראכט גרויס שאָדן דעם יידנטום. זי האָט געריסן שטיקער אברים פונם פאָלק און זיי געלאָזט מקריב זיין אויפן קריסטלעכן מזבח. מיר פילן נאָך היינט אויף אונדזער לייב די שארפע ציין און נעגל פון דער דאָזיקער השכלה־אסימילאציע. אָבער מאידך גיסא, פון דער צווייטער זייט, האָט זי אויפגעוועקט אין אונדזערע אהלי שם ועבר א גרויסע בענקשאַפט צו אלגעמיינער בילדונג, א בענקשאפט צו נייע שטרעבונגען, צו א באנייטן יידישן לעבנס־שטייגער, וואָס זאָל ציען זיינע וואָרצלען פונם אלטן יידישן שטאם.

צו אונדזער גליק, האָט די נעאָ־השכלה, אין איר בערלינער פאָרם, לאנג נישט געקענט האָבן קיין תקומה אין די יידישע ישובים פון מזרח־אייראָפּע. שוין ביי אירע ערשטע שפּראָצונגען איז זי אונטערגעגאנגען דורך די קלעפּ פון די פּאָגראָמען, וואָס זיינען אויסגעבראָכן אויפן רוסישן יידנטום אין די 80קער יאָרן.

די "רוסישע" משכילים, וואָס האָבן געלעבט צווישן די קאָמפּאקטע יידישע מאסן, האָבן א שטוים געטאָן די השכלה אין דער נאציאָנאלער ריכטונג. ס'איז אויפגעשטאנען א פּלעיאדע העברעישע שרייבער, דיכטער, פּובליציסטן, ווי מיכה יוסף לעבענזאָן, דער מחבר פון "כנור בת ציון" און "שירי בת ציון"; י. ל. גאָרדאָן; אברהם מאפּו, דער פארפאסער פון "אהבת ציון"; משה־לייב ליליענבלום, פּרץ סמאָלענסקי און צענדליקער אנדערע, וואָס האָבן גערופן צום נאציאָנאלן רענעסאנס. זיי האָבן אוועקגעלייגט דעם פונדאמענט פאר דער נייער העברעישער ליטעראטור און פּאָעזיע. און א דאנק זיי איז אינגיכן אויפגעקומען די "חיבת ציון" באוועגונג, וואָס האָט געצויגן איר יניקה פון דער דאָזיקער העברעישער פּאָעזיע.

די דאָזיקע נאציאָנאלע השכלה־ליטעראטור איז, אזוי צו זאָגן, דער אכטער שטאָק אויף אונדזער ליטעראטור בנין.

ט. די חסידישע ליטעראַטור

אין דער זעלבער צייט ווען די השכלה־באַוועגונג אין בערלין־דייטש־לאַנד, האָט געגרופן צום "נהיה ככל הגויים", איז אין די פאַרחושכדיקע יידישע שטעטלעך פון פּאָדאָליע־וואָלין, אין אוקריינע, אויפגעקומען אַ גרויסע פאָלקס־באַוועגונג, וואָס מיט איר שוווּנג און פאַרנעם האָט זי קיין גלייכן נישט אין דער יידישער געשיכטע. דאָס איז דער חסידיזם.

די דאָזיקע חסידישע באַוועגונג איז נישט געקומען צו רעפאָרמירן דאָס יידנטום, נאָר אים צו באַנייען, אַריינבלאָזן אין אים אַ נייעם רוח־חיים. די באַוועגונג איז אויך נישט געקומען פון דרויסן, דורך פרעמדע השפעות, נאָר פונם פאָלק גופא, וואָס האָט שוין לאַנג געהאַט געבענקט און געלעכצט נאָך אַ פרישן, וואַרעמען וואָרט, וואָס זאָל אים דערהויבן איבער זיין גראָער טאָג־טעגלעכער ווירקלעכקייט.

די יידישע פאָלקס מאַסן, וואָס איז על פי רוב באַשטאַנען פון האָ־רעפּאַשניקעס, באַלמעלאָכעס, ישובניקעס, אַרענדאַרן, קרעטשמערס, האָבן געלעבט אין נויט און אין דחקות. זיי זיינען אויך גייסטיק גע־ווען דערשלאָגן און דערדריקט מצד די תבנים, למדנים און די גבירים, וואָס האָבן געהערשט איבער זיי ביד חזקה, מיטן כוח פון חומר הדין, ווי דאָס דערציילן אונדז די כראָניקער פון יענער צייט, די היסטאָ־ריקער פּראָפ. גרעץ און ש. דובנאָוו. אַ פינצטערע מרה שחורה האָט איינ־געהילט די אָרעמע יידישע מאַסע, וואָס האָט נישט געהאַט די וועלט און זיך געהאַט געשראָקן אַז זי וועט אויך נישט האָבן יענע וועלט, וואָס איז נאָר צוגעגרייט פאַר די למדנים . . .

איז געקומען דער גרויסער ייד מיט זיין גרויס האַרץ און נשמה, ר' ישראל בעל שם טוב, מיט זיין נייער תורה פאַרן דערשלאָגענעם, פּשוטן יידישן פאָלקס מענטש און אים געלערנט: נישט דורך פאַסטן, נישט דורך פּראַווען סיגופים, פייניקן דעם גוף, און נישט דורך לערנען תורה קאָן מען קומען צו גאָט, נאָר מיט דער ריינער כוונה, מיט תפילה, מיט שמחה, מיט פריידן און מיט התלהבותדיקן געזאַנג. דאָס איז אהבת המקום, אמונה שבלב. און וואָס פייערדיקער די תפילה איז צו גאָט, אַלץ מער קאָן דער מענטש זיך דערנענטערן צו גאָט און ממילא שוין אויך צו דעם ואהבת לרעך כמוך, צו זיין מיטמענטשן. און מיט דעם דאָזיקן כוח התפילה קאָן דער פּשוטער ייד, אפילו דער עם הארץ, זיך דערהויבן אַלץ העכער צו גאָט, אפילו העכער פונם למדן, און קאָן אפילו דערגיין צו דער מדרגה פונם צדיק.

אָט די דאָזיקע נייע תורה האָט באַלד פאַרכאַפּט דאָס האַרץ און די נשמה פונם פּשוטן המון. זי האָט אים ממש אויפגעהויבן פון דר'ערד און אים באַפרייט פון זיין שטענדיקן שפלות־קאָמפּלעקס, און אים אָנגעגורט מיט

מוט און גלויבן, אז ער האָט אויך א חלק אין דעם אָבינו שבשמים, נישט ווייניקער ווי דער תלמיד חכם.

די דאָזיקע "שטומע נשמות" האָבן פּלוצלונג געקראָגן לשון, געפונען די שפּראַך צו ריידן, צו דאַוונען און צו זינגען צום בורא עולם, ווי עס זינגט דער פויגל אין פעלד. עס איז צום ערשטן מאָל אין דער יידישער געשיכטע ווו ס'איז אָפּגעשאַפט געוואָרן די שטאַרקע מחיצה, די דיקע וואַנט, וואָס האָט געהאַט אָפּגעטיילט דעם למדן פונם באַלמעלאָכע, דעם גביר פונם קבצן — ביידע זיינען איצט געוואָרן תלמידים, פייערדיקע חסידים פונם זעלבן חסי־דישן רבין. וואָרים דער חסידיזם איז אין זיין גאַנצן מהות געווען דורכוים א הומאַניטאַרע, דעמאָקראַטישע באַוועגונג.

אָט דער דאָזיקער חסידיזם האָט אַרויסגערופן א שטורעם אינם יידישן לעבן; ס'האָט באַלד אויסגעבראָכן א קולטור־קאַמף צווישן די חסידים און מתנגדים. וואָס האָט געבראַכט מיט זיך א גרויסע שפּאַלטונג אין פאָלק, כמעט אין יעדער יידישער משפּחה, א סך א גרעסערער און האַרבערער קאַמף ווי צווישן די משכילים און די רבנים און ווי צווישן דעם דור פון "האָבות והבנים".

דער ווילנער גאון, דער הגר"א, מיט דער הילף פון זיינע געטרייע תלמידים, האָט אויסגערופן א חרם אויף דער דאָזיקער "כת חסידים", ווי זיי וואָלטן געווען שבתי צביניקעס. ס'איז דערגאַנגען אפילו צו מסירות צו דער צאַרישער רעגירונג און צו תפיסות. אָבער ביסלעכווייז האָט דער שטו־רעם פון מחלוקת זיך געהאַט איינגעשטילט, דער שאַרפער ריס האָט זיך פאַרהיילט, ווייל פונם סאַמע אָנהייב איז עס געווען אן אינערלעכער ברודער־קאַמף, א קאַמף צווישן צוויי שיטות, וואָס זייער איינציקער ציל איז בלויז געווען צו שטאַרקן און צו קרעפטיקן דאָס פאָלק.

מיט דער דאָזיקער חסידישער באַוועגונג איז אויפגעקומען א גרויסע חסידישע ליטעראַטור און מיט א נייעם שטייגער פונם יידישן פאָלקלאָר. און ווי יעדע נייע פאָלקס־ליטעראַטור, איז זי אויך, אין איר סאַמע בראשית, געהאַט באַשטאַנען פון א תורה שבעל פּה. ס'האָבן אָנגעהויבן אַרומגיין אין פאָלק ממש הונדערטער מעשות, לעגענדעס וועגן דעם לעבן פונם בעש"ט און זיינע תלמידים — די חסידישע רביים און זייערע מופתים און וועגן זייערע נייע חסידישע תורה־ווערטלעך, דרשות, פּתגמים, אַפאָריזמען. און דערצו נאָך א שלל מיט נייע חסידישע ניגונים, זמרלעך, כמעט א נייער פאָלקס־עפּאָס.

צום גליק האָבן זיך געפונען חסידים, תלמידים פונם רבין, יודעי חן, מיט א חוש פאַר געשיכטע, וואָס האָבן גענומען צונויפזאַמלען די אַלע חסידישע מעשות און זיי פאַרשריבן מיט פאַרשיידענע וואַריאַציעס. ווי "שבחי בעל שם" און אַנדערע, כדי זיי זאָלן חלילה נישט פאַרגעסן ווערן.

אזוי ארום האָט זיך געשאַפן א נייע חסידיש־רעליגיעזע ליטעראַטור אין לשון קודש און אויך אין "עברי־טייטש" — יידיש. אָבער א קליינער טייל פון דעם איז פאַרשריבן און פאַרצייכנט געוואָרן. דער גרויסער טייל איז נאָך אַלץ פאַרבליבן אין גדר פון תורה שבעל פה.

דער חסידיזם, ווי א גרויסע פאָלקס באַוועגונג, האָט אונדז איבער־געלאָזן א גרויסע, גייסטיקע ירושה פון הונדערטער חסידישע פאָלקס־מעשות און הונדערטער פאָלקס לידער און ניגונים, ווי דאָס באַרימטע ליד "א דין תורה מיט גאָט" און "דאָס דודעלע", וואָס ווערן צוגעשריבן צו רבי לוי יצחק באַרדיטשעווער, און נאָך א סך אַנדערע, פון וועלכע מיר ווערן נאָך היינט שטאַרק באַגייסטערט סיי פונם אַנגעשלאָגענעם דרייסטן טאָן און סיי פון זייער מוזיקאַלישער שיינקייט. דאָס איז אויך דער קוואַל פון וואַנען ס'האָבן געטאָן שעפּן די קלאַסיקער פון אונדזער ליטעראַטור אין ביידע שפּראַכן, יידיש און העברעיש, ווי פּרץ מיט זיין בוך "חסידיש" און "פאָלקסטימלעכע געשיכטן". און ס'איז נאָך אַלץ פאַרבליבן אַן אומדערשעפּלעכער אוצר, וואָס ווערט נאָך עד היום געפאָרשט פון אונדזערע היסטאָריקער, און האַלט נאָך אַלץ אין איין אינספּירירן אונדזערע שרייבער און דיכטער.

אָט דעם גרויסן אָנגעזאַמלטן אוצר חסידישע ליטעראַטור און מיט זיין רייכן פאָלקלאָר, באַצייכענען מיר ווי דער ניינטער שטאָק אויפן בנין פון אונדזער אַלט־נייער ליטעראַטור, וואָס זיין גייסטיקער יורש איז אונדזער היינטיקע יידישע ליטעראַטור אין אונדזערע ביידע שפּראַכן, יידיש און העברעיש.

י. די היינטיקע יידישע ליטעראַטור

ווי מיר זעען, איז אונדזער היינטיקע, מאָדערנע ליטעראַטור נישט געשאַפן געוואָרן פון ערגעץ א חלל, נאָר איז אַן אַרויסוואוקס פון די אַלע פריערדיקע ליטעראַטורן ביי יידן, וועלכע מיר האָבן נעפּרואווט איבערעכענען פריער. וויל אמתע פאָלקס־ליטעראַטור דאַרף האָבן וואָרצלען, אָפּשטאַם און טראַדיציע און אידייע. און די אידייע פון דער יידישער ליטעראַטור, ווי די פריערדיקע יידישע ליטעראַטורן, איז דער קיום פונם יידישן פאָלק בכל אתר ואתר.

דאָס איז דער צענטער שטאָק אויף אונדזער ליטעראַטור בנין, וואָס טוט זיך אָנשפּאַרן אויף די יסודות פון די אונטערשטע ניין עטאַזשן פון אונדזערע פריערדיקע ליטעראַטורן, וועלכע מיר האָבן פריער געהאַט אויסגע־רעכנט. אין דעם זעלבן זין האָט זיך אויך געהאַט אויסגעדריקט בן־גוריון, אין איינעם פון זיינע מאמרים, אין "טאָג מאָרגן־זשורנאַל", יולי 1955, ווו ער זאָגט:

„... מיר זיינען נישט קיין נײַ פֿאָלק. וואָס איז פֿלוצלונג געבוירן געוואָרן. מיר זיינען אַן אַלט פֿאָלק, וואָס באַנייט איר יוגנט. פּונקט ווי מיר זיינען פֿאַרוואָרצלט אין באָדן פֿון פּאַטערלאַנד, אַזוי אויך זיינען מיר פֿאַרוואָרצלט אין באָדן פֿון אונדזער פֿאַרגאַנגענהייט. מיר וועלן נישט זיין דאָס וואָס מיר ווילן זיין, אויב מיר וועלן נישט כסדר שעפּן פֿון אונדזערע אַלטע קוואַלן און אויב מיר וועלן זיך נישט באַהעפֿטן מיט די וואָרצלען פֿון אונדזער פֿאַרגאַנגענהייט".

לאָמיר איצט פּרובירן רעזומירן:

די יידישע ליטעראַטור הייבט זיך אָן פֿון משה קבל תורה מסיני, און ציט זיך פֿון די נביאים, פֿון די פּירושים, תנאים — משנה, און פֿון די אמוראים — תלמוד ירושלמי און תלמוד בבלי — די גמרא, מדרש, אגדה, גאונים ראשונים און אחרונים, פֿילאָזאָפֿן־דענקער, ווי דער רמב"ם, פּיטנים־דיכטער, ווי שלמה איבן גבירול, רבי יהודה הלוי, פֿון די ישיבות אין בבל, פֿון די ישיבה־אַקאַדעמיעס אין קאָרדאָוואַ, טאָלעדאָ און באַרצעלאָנאַ, און פֿון די ישיבות פֿון "חכמי לותר" דייטשלאַנד־פֿראַנקרייך, ביז צו די חכמי לובלין־פּוילן־ליטע, ר' ישראל בעל שם טוב, ווילנער גאון ביז צו די ישיבות וואָלאָזשין, ראַדין און סלאָבאָדקע, ביז צום ייוואָ און ירושלימער אוניווערזיטעט ביז צו דער הייַנטיקער יידישער ליטעראַטור ציט זיך איין גרויסע לאַנגע גאָלדענע קייט.

און פּונקט ווי די אַלע פֿריערדיקע יידישע ליטעראַטורן זיינען תמיד געשטאַנען מיטן פּנים צום יחיד, ווייל ער איז דער בחיר היצירה, וואָס טראָגט אויף זיך דעם צלם אלוקים, אַזוי אויך די נייע ליטעראַטור; און פּונקט ווי די אַלטע ליטעראַטורן זיינען געשאַפֿן געוואָרן נישט לשם צו פֿאַרווייַלן דאָס פֿאָלק, נאָר לשם צו דערהויבן און צו לייטערן דעם מענטשנס נשמה ווי א חלק אלוה ממעל, אַזוי אויך זוכט די נייע יידישע ליטעראַטור צו דערהויבן דעם מענטש און פֿלאַנצן אין אים אַלע וואָס איז שיין און הערלעך אין פֿאַרבינדונג מיט צדק און יושר.

און צום סוף: פּונקט ווי ביי יעקב אָבינו האָבן זיך אַלע שטיינער צונויפֿגעשמאָלצן אין איין שטיין פֿאַר זיין צוקאָפּנס, אַזוי ווערן אַלע דורות אונדזערע, מיט אַלע זייערע שאַפֿונגס־פּראָצעסן, צונויפֿגעשמאָלצן אין איין גרויסן גייסטיקן קולטור־בנין. דאָס איז אויך אונדזער סימבאָלישע גאָלדענע קייט וואָס דורות יידן, די ארזי הלבנון, די גייסטיקע ריזן, האָבן געהאַלטן אין איין שמידן אירע גאָלדענע רינגען.

און פֿון דעם געשיכטלעכן גאַנג אונדזערן, שעפּן מיר אמונה און ביטחון, אַז אויך ביי אונדזערע קומענדיקע דורות וועט זיך נישט אָפּטאָן

אַט דער דאָזיקער שאפונגס כוח צו טורעמען אַלץ העכער און העכער אַט דעם פּאַלקס בנין פון אונדזער אַלטער און אייביק נייער יידישער ליטעראַטור.

מער וועגן דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, וועט דער לייענער געפינען אין די ווייטערדיקע עסייען אין בוך.

נאָוועמבער, 1955.

י. ל. פרץ — דער ניגון פון דורות

די "דריי אבות", די דריי קלאסיקער פון אונדזער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור: מענדעלע מוכר ספרים, שלום־עליכם און פּרץ, האָבן זיך אנטפּלעקט צו אונדז כמעט אין דער זעלבער צייט. זיי זיינען געקומען פון דער זעלבער סביבה, פונם לאגער פון דער השכלה, מיט דער כוונה צו לערנען דאָס פאָלק, געבן אים בילדונג. אָבער ווען מיר נעמען אנאליזירן זייערע ווערק, זייערע שאפונגען, זעען מיר ווי צווישן איינעם און דעם אנדערן ליגט א גאנצער היבשער מהלך.

דער "זיידע", מענדעלע מוכר ספרים, האָט געלייגט דעם פונדאמענט פאר דער שפּראַך פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. ער האָט דעם אָרעמען קאבצאנסקן "זשאַרגאָן", אויף וועלכן עס האָבן גערעדט "עמך שער און אייזן" די שניידערס, די שוסטערס און די דינסט־מוידן — דערהויבן צו דער שפּראַד פון למדן, משכיל און אינטעליגענט. ער האָט אָט דעם דאָזיקן פאָלקס־לשון געשליפט און געפורעמט. ער האָט אין אים אריינגעלייגט זיין גאנצע חריפות, זיין גאונישקייט, זיין פען־קונסט. ער האָט גענומען א שטיק רויען גראניט און אויסגעהאמערט פון אים א גאלעריע טיפּן און געשטאלטן ווי זיי שטייען און גייען, אזוי אז מען קאָן זיי אריינשטעלן אין א מוזעום. ער האָט דאָס אָרעמע יידישע לעבן פון ליטע און ווייס־רוסלאנד פאראייביקט לדורות.

ער האָט מיט דעם באוויזן דער דעמאָלטדיקער האלב־אסימילירטער יידישער אינטעליגענץ וואָס פאר א חן, וואָס פאר א שיינקייט און וואָס פאר א בויגעוודיקייט אָט דער "זשאַרגאָן" פארמאָגט. אָט דאָס איז זיין גרויסער פאַרדינסט.

אָבער אין זיין גאנצן שרייבן איז ער געבליבן דורכויס משכיל. ער, דער אריסטאָקראַט, דער אייראָפּעישער אינטעליגענט, איז געקומען, ווי מיט א גרויסן בעזים אין האנט, און גענומען אויסקערן, אויסרייניקן דאָס פארמושבטע יידישע שטוב אינם שטעטל, עס זאָל שענער און ריינער ווערן, ווי ביי לייטן. ער האָט זיך ארויפגעוואָרפן מיט גרוים אימפּעט אויפן קליינעם מענטשעלע, אויף ר' יידלען, און אים גענומען ארומפּוצן זיין הילוך, זיין פארשמאָלצעוועטע קאפּאָטע, זיין פארפעדערטע יארמעלקע, זיין צוּנויפגעפּלאָנטערטע באָרד און פאות אזוי, אז ער זאָל באקומען א מענטש־

לעבן אויסזען. ער האָט עס געטאָן מיט שניידנדיקן, ביטערן סאַרקאַזם. ער האָט אָפּגעלאַכט, אָפּגעחוזקט פון קאַבצאַנסק מיט אירע יידעלעך, מיט זייערע געגנעלעך, תנועהלעך און האַוואַיעלעך.

ער, דער מוכיח, דער שטרענגער מוסר־זאָגער, דער בייזער רבי מיטן קאַנטשיק, האָט פון אונדזער שטעטלדיקן לעבנס־שטייגער ממש פּאָסן געריסן. ער האָט געזען דעם יידן בלויז אין זיין אויסערלעכן לבוש, אָבער ער האָט ניט אריינגעקוקט טיפער אין זיין נשמה. ער האָט בלויז געזען די יידישע טאָרבע, וואָס איז תמיד געהאַנגען פאַר זיינע אויגן. ער האָט אָבער ניט דערזען, אַז אין אָט דער דאָזיקער יידישער טאָרבע ליגן באַהאַלטן אבנים טובות ומרגליות...

שלום־עליכם, "דאָס אייניקל" זיינס, האָט איבערגעשריבן דעם זיידנס בייזקייט אויף גוטסקייט. ער איז ניט געקומען בלויז אָפּלאַכן, נאָר מיט־לאַכן מיט א גוטמוטיקן געלעכטער, ווי פון אן אייגענעם גוטן־ברודער. ער האָט דעם יידן, וואָס האָט געהאַט מער דאגות און זאָרג ווי האָר אויפן קאָפּ, אויסגעלערנט צו לאַכן, ווייל "לאַכן איז געזונט — דאָקטוירים הייסן לאַכן". דאָס איז געווען א געלעכטער מיט יאַשטשערקעס, א געלעכטער — ווייל "מיר איז גוט — איך בין א יתום"...

מיט דער הילף פון א שאַרפן גלייכווערטל, מיט דער הילף פון א צוגעטראַכטן פּסוק, לאַכט אוים טוביה דער מילכיקער זיין פינצטערן דלות, זיין צער גידול בנים, זיין טרויעריקן "נחת פון קינדער". מיט דער הילף פון א שווערן לשון־קודש וואָרט "וחלקלקות" ראַטעוועט טוביה זיך אַרוים פונם דאָרף גויים, וואָס זיינען געקומען מאַכן אויף אים א פּאָגראָם.

מיט זיין געזונטן, שפּרודלדיקן הומאָר, האָט שלום־עליכם אויפ־געפּראַלט טיר און פענצטער פון די פאַרחושכטע, איינגעהויקערטע, יידישע שטיבלעך פון אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד. אויפן פאַרדאַגהטן צעקנייטשטן יידישן פּנים, האָט ער אויסגעקאַרבט א שמייכל, א דינינקן געלעכטער.

אָט דאָס איז שלום־עליכמס גרויסער אויפטו. אָבער אויך ער איז ווייטער פון קאַסרילעווקע, מאַזעפּאָווקע און יעהופּעץ ניט געגאַנגען. אַלע זיינע טיפּן און געשטאַלטן, וואָס ער האָט קינסטלעריש געמאָלן, זיינען דאָך על פּי רוב גרויסע לא יוצלחס, שלימזלס. און בטבע איז דאָך יעדער שלימזל א פריילעכער קבצן, אניט וואָלט דאָך ניט געסטייעט קיין כוחות איבערצוטראָגן דעם שווערן פּאַק צרות. אַזוי איז אליהו דער "פּאַבריקאַנט" פון קוואַס און טינט; אַזוי איז זיין חבר פּיניע, דער גרויסער פּאַנטאַזיאָר. אַזוי אויך זיינען אַלע זיינע קאַסרילעווקער פּאַרשוינען, און על אחת כמה וכמה זיין טראַגי־קאָמישער לופט־מענטש מנחם מענדל, וואָס דרייט מיט מיליאָנען און אליין האָט ער נעבעך נישט מיט וואָס שבת צו מאַכן.

אָבער שלום־עליכם האָט אויך נישט דערזען דעם צווייטן, אינער־

לעבן מנחם־מענדל, דעם גרויסן בעל חלומות, דעם גרויסן וויזיאָנער, דעם שטענדיקן טרוימער, דעם פאַרלויפער פון יעדן שיינעם, נייעם אידעאַל אין אונדזער לעבן. אַט די שטילע נאַיווע דאָן קיכאָטן איז אונדזער געשיכטע האָבן מיר דאָך א סך צו פאַרדאַנקען פאַר דעם ביסל "הוד שבתפארת", וואָס זיי האָבן אריינגעבראַכט אין אונדזער שטענדיק גראָען וואָכעדיקן לעבן. אָן זיי וואָלט קיין שום פּאָזיטיווע יידישע באַוועגונג נישט געווען אויפגע־קומען. אָן זיי, ווער ווייס ווי עס וואָלט אויסגעקוקט אונדזער יידיש־וועלט ? . .

פּרץ האָט פיל טיפער געזען. ער דער ערשטער האָט דערזען די גרויסע יידישע נשמה, וואָס בענקט עד כלות הנפש נאָך דעם יום שכולו שבת. ער האָט געזען דעם יידן ווי דעם אייביקן טרעגער פון משיח־געדאַנק: "אויסגעלייזט מוז ווערן די וועלט!" — שרייט אויס ר' שלמה אין "דער גאָלדענע קייט". — "שבת, שבת זאָל זיין! שבת יום־טובדיקע יידן זיינען מיר! מיר גייען זינגענדיק און טאַנצנדיק צום כסא הכבוד! גרויסע, שטאָלצע, נשמה־יתירהדיקע יידן זיינען מיר, וואָס מיר בעטן נישט און בעטלען נישט!"

פּרץ האָט באַלד דערזען ווי אין דער יידישער טאָרבע ליגן גאַנצע אוצרות באַהאַלטן. ער, מיט זיין שאַרף־קינסטלעריש אויג, האָט דערזען און דערשפּירט דעם טראַגישן יידישן גורל פון וועלן ברענגען די גאולה פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, אפילו ווען מען ווערט דערפאַר נישט איינמאָל געפירט צו דער עקידה . . .

אַזוי אויך האָט ער געזען נישט נאָר דעם כלל, נאָר אויך דעם יחיד, דעם איינצלנעם יידן, וואָס איז בבחינת יענער לעגענדאַרישער פּרינץ, וועמען א בייזער גייסט, א מכשפה, האָט פאַרשאָלטן מגולגל צו ווערן אין א הונט. א גאַנצע וואָך וואַלגערט זיך אויס אָט דער פאַרשאָלטענער, היימלאָזער הונט אויף אַלע פרעמדע מיסט־קאַסטנס, זוכנדיק אָן אָפּגעגריזשעטן ביין מיט וואָס צו שטילן זיין הונגער. נישט איינמאָל ווערט ער פון א בייזער דינסט־מויד אָפּגעגאָסן מיט הייסן, זודיקן אָקרופּ; נישט איין קונדס באַפאַלט אים מיט א שטעקן . . . אָבער ווי נאָר עס קומט דער שבת־קודש, וואַרפט ער אַראָפּ פון זיך זיין הינטיש געשטאַלט און ווערט באַלד צוריק פאַרוואַנדלט אין דעם אמתן פּרינץ מיט אַלע זיינע פּרינצלעכע השגות, געפילן און פאַרלאַנגען.

פּרץ האָט געזען די באַקאַפּטנטע יידן ווי זיי לויפן אַרום א גאַנצע וואָך פאַרשמייעטע איבער די וואַרשעווער גאַסן און זוכן פאַר זיך, פאַר ווייב און קינדער, די בידנע חיונה, וואָס קומט אָן בכקריעת ים־סוף. ער האָט אָבער אויך געזען די זעלבע יידן זיצן בין מנחה למעריב אין די בתי מדרשים און די חסידים־שטיבלעך, לערנענדיק חומש מיט רש"י, א פּרק משניות, א בלאַט גמרא, אָדער זאָגן א קאַפּיטל תהלים מיט הארץ, מיט יידישן, זיסן, אומעטיקן ניגון. דער שווערער גלות־יאָך ווערט באַלד, ווי דורך א כישוף, אַראָפּגענו־מען פון זייערע צעקרימטע פּלייצעס. אויף די פּנימער רוט שוין די שכינה,

פון די אויגן לייכט ארויס די פרייד פון אמונה און ביטחון. די קעפּ שוועבן אין די הויכע הימלען. ווער איז דעמאָלט גלייך צו זיי ?

פּרץ האָט זיי געזען. ער האָט זיי פאַרשטאַנען. ער האָט זיך דער־גרונטעוועט צו זייערע נשמות. ער איז קיינמאָל נישט געווען מחוץ פון זיינע העלדן. זיי זיינען אלע אין אים און ער אין זיי. און אויך, ווי זיי, איז ער טיף פאַרפּלאַנצט אין דער יידישער טראַדיציע, וואָס דורות יידן האָבן אויסגעפורעמט צווישן די ווענט פון זייערע שולן און בתי־מדרשים. ביי אים איז דער יידישער נעכטן און דער היינט אריינגעשמידט אין די רינגען פון דער יידישער גאָלדענער קולטור־קייט, וואָס איז אזוי אלט ווי דאָס פאָלק.

* * * * *

אן אלטע יידישע לעגענדע דערציילט, אז ביי דוד המלך, דעם נעים זמירות, דעם זיסן זינגער פון אונדזערע אייביקע תהלים־געזאַנגען, איז גע־האנגען צו קאָפּנס א פידעלע. יעדער באַגינען, ווען נאָר דער פרימאָרגן־ווינטל האָט באַרירט די דינינקע סטרונעס פון זיין וווּנדערבאַרן פידעלע, האָט עס אָנגעהויבן שפּילן פון זיך אליין. דעמאָלט פלעגט דוד המלך זיך אויפ־כאַפּן לעבודת הבורא.

פּרץ, דער גרויסער קינסטלער, האָט אויך פאַרמאָגט אָט אזא לעגענ־דאַריש פידעלע אין הארצן. ביי יעדער ריר און געשעעניש אינם יידישן לעבן, האָבן סטרונעס פון זיין וווּנדערלעכן פידעלע אָנגעהויבן צו וויברירן מיט אלערליי ניגונים. און געשפּילט האָט ער טאַקע אויף אלע סטרונעס. ער איז געווען א פּאָעט, געזונגען לידער פאַר גרויס און קליין, געשריבן דראַ־מעס און דערציילונגען, פאַרפאַסט פלאַם־פייערדיקע מאמרים, פעליעטאָנען, רייזע באַשרייבונגען. ער איז אויך געווען א רעדנער, א רבי, א פירער, א רעוואָלוציאָנער. אין זיין שרייבן א מיסטיקער, א סימבאָליקער און דאָך געבליבן א שטענדיקער רעאַליסט. ער האָט געשפּילט אויף אלערליי מוזיק־כלים. ער האָט געזען דאָס יידישע לעבן דורך און דורך.

ער האָט געפונען דעם טיפן סוד פונם יידישן ניגון, וואָס איז דורכ־געגאַנגען אלערליי גילגולים, עליות און ירידות, ביז דער ניגון הייבט זיך צוריק אויף און קומט צוריק צו זיין הייליקן מקור. זיין ניגון איז נאָר אן אויסערגעוויינלעכער, אן אייגנאַרטיקער. ער הערט און פאַרנעמט אלע ניגונים אין דער נאַטור ווי ער זאָגט אין זיין "גילגול פון א ניגון" :

"אַלץ זינגט. די גלגלים, די פּלאַנעטן זינגען, טאָג און נאַכט האָבן זייער זמר; מענטשן און פייגל זינגען, חיות ובהמות זינגען שירה. א שטיין אויף א שטיין קלאַפּט, מעטאַל זינגט, וואַסער אז עס לויפט, שווייגט עס נישט. היינט א וואַלד ! זינגט ער דאָך א וואָלער, אפילו די שטומע פיש גיבן אויך ארויס פון זיך א קול־נגינה. ווייניק קולות ? מען דאַרף נאָר האָבן אן אויער, עס זאָל די קולות אויפכאַפּן ווי א נעץ, איינזאַפּן ווי א שוואָם".

פרץ האָט פאַרמאָגט אָט דעם נביאיש־קינסטלערישן אויער. זיין ניגון איז א דורותדיקער, וואָס ציט זיין שורש פונם ״אָז ישיר משה״ — געזאנג, פון דוד המלכס הללויה — געזאנגען, פונם אלטן גמרא־ניגון, פון די חסידישע, התלהבותדיקע ניגונים, פון די רעוואָלוציאָנערע ארבעטער־געזאנגען — ״מיין ניט די וועלט איז א קרעטשמע״, ביז דעם חלוצישן האָרא־טאַנץ און געזאנג פון עמק. אזוי טיף פאַרוואָרצלט איז ער אין דעם יידישן ניגון פון דורות. אזוי גייט זיין טרייסט־ליד ״טרייסט מיין פאָלק״, וואָס איז א המשך פונם נביאישן ״נחמו, נחמו עמי״, און ווי ס׳האָט געטרייסט דער נביא אין דעם טאָל פון די טרוקענע ביינער, ביז צו דעם רוף פון די בראַצלאַווער חסידים אין דער וואַרשעווער געטאָ : ״יידן, זייט אייך נישט מיאש״ ! . .

* * * * *

פרץ האָט גענומען א גרויסן טייל פון דער יידישער ״תורה שבעל פה״, יידישן פאָלקלאָר, וואָס דאָס פאָלק האָט אין משך פון דורות געשאַפן, און איר אָנגעטאָן א נייעם, קינסטלערישן לבוש; זי איבערגעדיכטעט, אי־בערגעזונגען אזוי, אז מיר האָבן דערזען פאַר זיך אינגאנצן א נייע ״תורה שבכתב״ — א תורה־ליטעראַטור פאַר דעם היינטיקן, מאָדערנעם, וועלטלעכן יידן. אָט די דאָזיקע נייע תורה־ליטעראַטור וואָרצלט אין דער אַלטער. ער האָט נאָר געשאַפן די קינסטלעכע בריק צווישן זיי. ער האָט אקטיוויזירט פאַרן היינט אונדזערע גייסטיקע ווערטן פון נעכטן. און פונקט ווי דער טויכער, וואָס לאָזט זיך אראָפּ צום אָפּגרונט פון ים צו געפינען פערל, אזוי האָט זיך פרץ אוועקגעלאָזן איז א וויטער עקספּעדיציע צו אונדזער פאָלקלאָר און דאָרט געפונען אמתע, טייערע דימענטן, און זיי אריינגעפאַסט אין זיינע צוויי מאָנומענטאַלע גרונט־ווערק : ״חסידיש״ און ״פאָלקסטימלעכע געשיכטן״. ער האָט מיט זיין טיפן, קינסטלערישן אויג דערזען דווקא דעם פשוטן יידן, דעם פאָלקס־מענטש, וואָס פאַרמאָגט אין זיך דעם שטאַרקן כוח צו קעמפן פאַר זיין קיום אין דער ארומיקער, פרעמדער וועלט.

אין וואָס באַשטייט טאַקע דער כוח פונם יידן, וואָס שטייט אין סאַמע מיטן צווישן שטורעמדיקע, ברויזנדיקע כוואַליעס, וואָס ווילן צע־קאַכטן ים ?

אויף דעם גיט פרץ זיין ענטפער : דאָס איז דער כוח פון זיין אמונה, גלויבן און ביטחון. ווארים פונקט ווי די אמונה האָט געגעבן דעם פרומען, רעליגיעזן יידן מוט, עקשנות און שעפערישקייט, טראָץ דער פרעמדער, גוישער וועלט, וואָס האָט אים געהאַט פאַרטריבן אין אן ענגער געטאָ, אזוי האַלט פרץ, דאַרף די נייע תורה־ליטעראַטור וועקן אין דעם היינטיקן יידישן מענטשן מוט, עקשנות און גלויבן צו קעמפן פאַרן רעכט צו לעבן, ווו עס זאָל ניט זיין.

דאָס איז דער סינטעז וואָס פרץ האָט געשאַפן צווישן דער טראַדיציע

און וועלטלעכקייט, וואָס זיינען געקניפּט און געבונדן צווישן זיך. וואָרים פּרץ האָט תמיד געהאַלטן, אַז ביי אונדז, יידן, טאָר נישט זיין ליטעראַטור לשם פאַרווײַלונג. ווי ער האָט עס געזאָגט אין איינער פון זיינע רעדעס, נאָך אין 1910 :

"ניט פאַר אונדז איז קונסט צוליב קונסט, ניט קיין שפּיל, ניט קיין מיטל אויף אַפּצוטויטן צייט. עס איז און מוז זיין אונדזער וועלט-אַנשויונג, אונדזער רעליגיע, אונדזער געוויסן.

"און דעריבער וויל די יידישע ליטעראַטור זיין יידיש, מוז זי עס זיין נישט נאָר אין שפּראַך, אין דער אויסערלעכער פאָרם — זי מוז ווערן יידיש אין תוך, אין דער נשמה ! זי מוז אויפהערן נאָכצומאַכן אייראָפּע. אויפלעבן און קלינגען מוז דאָס יידישע וואָרט, רענעסאַנס פון דער ביבל אַרויס, רענעסאַנס פון פּראָפּעטנטום — פון די נביאים אַרויס.

"זאָלן מיר בלייבן אייראָפּעישע נאָכמאַכער, באַשאַפער פון פאַר-ווײַלונג-ביכער, דאַמען-פאַרווייַלער — דינען מיר דער זעלביקער אַסימילאַציע קעגן וועלכער מיר שטרייטן".

אָט דעם געדאַנק וועגן דער מיסיע פון דער יידישער ליטעראַטור, האָט פּרץ אויסגעדריקט אויף זיין קינסטלערישן אופן כמעט אין אַלע זיינע ווערק, באַזונדערס אין זיין "חסידיש" און אין די "פאָלקסטימלעכע גע-שיכטן". דורך די דאָזיקע צוויי ווערק איז דער רבי פּרץ ערשט נתגלה געוואָרן פאַר אונדז אין זיין פולער גרויס. דאָ האָבן מיר אים דערזען ווי דעם גרויסן קינסטלער-מייסטער. דער געשטאַלטער פון אונדזער פאָלקס-נשמה. עס רעדט פון אים אַרויס דער אַלטער יידישער נביאים-גייסט, וואָס איז נישט געבונדן צו צייט און אָרט. מיר דערזעען אין אים דעם גרויסן יידן וואָס אָטעמט און גליט מיט אהבת-ישראל.

* * * * *

ווי אַזוי שאַפט פּרץ אָט דעם סינטעז צווישן טראַדיציע און וועלט-לעכקייט, צווישן דער אַלטער תורה און דער היינטיקער, מאָדערנער ליטע-ראַטור ?

לאָמיר נעמען צוערשט זיין באַרימטע דערציילונג "בערל שניידער" :

בערל שניידער איז אַ גאַנץ זומער געזעסן אָן אַ שטאָך-אַרבעט. געהונגערט, געליטן, אָבער צו קיין מתנת בשר ודם האָט ער ניט געוואָלט אָנקומען. ער האָט געהאַט ביטחון : גאָט שפּייזט דעם פויגל אין דער לופט, דאָס ווערימל אויף דער ערד, וועט ער דאָך אים אויך ניט פאַרלאָזן.

פּלוצלונג, פאַר סוכות, איז געקומען צו אים אַ שליח פונם פּריץ, אַז ער זאָל גלייך קומען אין הויף אַריין אונטערשלאָגן אַ פּעלץ.

פון אָט דער אַרבעט איז אים איבערגעבליבן דריי טייערע פוקסענע פעלכלעך פון סאַמע פוקסן-לאַנד ! . . דאָס איז נישט קיין גנבה, חלילה !

דאָס איז יתור, א מנהג פון קדמונים ביי שניידער . . . אָבער ווי אזוי טראָגט מען זיי ארוים פונם פּריצס הויף ? ביים טויער שטייט דאָך א שומר, א קאָזאק מיט ריטער !

איז דאָך אָבער בערל שניידער א ייד, א חכם, בעט ער מען זאָל אים מיטגעבן אהיים א ברויט. נעמט ער ארוים פון אינעווייניק דאָס ווייכע און פּאקט אהין אריין די דריי טייערע פוקסענע פּעלכלעך און גייט בשלום דורך דעם טויער. ער גייט אהיים מיטן לאבן ברויט אונטערן אָרעם, א פריילעכער, א גליקלעכער, מיט זינגענדיקע טריט. ער וועט שוין מירצעשעם האָבן א פריילעכן יום־טוב, מיט אן אייגענעם לולב און אתרוג . . .

פּלוצים דערהערט ער ווי די ערד ציטערט אונטער אים. א רייטער יאָגט זיך נאָך אים. עס באפאלט אים א טויט־שרעק. כאפּט ער אויף גיך דעם לאבן־ברויט און וואַרפט אים אריין אין די קשאקעס. דער רייטער, דעם פּריצס קאָזאק, רופט אים צוריק אין הויף אריין. באשר בכן, ער האָט פאר־געסן א הענגער אָנצוניייען . . . .

ער גייט שוין מיט מזל צוריק. ער קומט צו די קשאקעס — הילד איננו, נישטאָ דאָס ברויט !

בערל שניידער פארשטייט, אז דאָס האָט גאָט געטאָן ! דאָס איז זיין שטיקל ארבעט ! ער דער רבונו של עולם, דער גרויסער, אלמעכטיקער פריץ וויל נישט, אז איך, בערל שניידער, זאָל נעמען יתור ! אויב אזוי, זאָל ער געבן פּרנסה ! ניט דאָס און ניט דאָס, וועל איך אים פון היינט אָן און ווייטער, מער ניט דינען ! אוים ! . .

בערל שניידער דאַוונט ניט. ער לייגט ניט קיין טלית ותפילין, עסט אומגעוואשן, לייענט נישט קיין קריאת־שמע, האלט נישט קיין שבת, נישט קיין סוכה נישט קיין אתרוג — גאָרנישט. ער פירט א מלחמה מיט גאָט.

וואָרים ביי בערל שניידער איז גאָט תמיד געווען די פּארקערפּערונג פון אלעם־גוטן, ווי דער אל רחום וחנון. צום סוף האָט ער איצט גאָר דערזען, אז דער גאָט, פאר וועלכן ער איז שטענדיק גרייט געווען צו גיין אין פייער און אין וואסער, איז גאָר א בייזער, א צאָרנדיקער גאָט, פון דורכוים מידת־הדין, — מאכט ! איז צו אזא גאָט וויל ער מער נישט דינען ! סיידן גאָט זאָל ווערן דאָס וואָס ער אליין פאָדערט פונם מענטשן ! טאָן גערעכטיקייט, צדק און יושר . . .

אָט אזא ענלעכן קאמף געפינען מיר שוין אין דער אלטער תורה : גאָט באשליסט אומצוברענגען די זינדיקע שטאָט סדום. אברהם, דער ערש־טער ייד, שטעלט זיך איין פאר סדום. ער טענהט מיט כעס : סטייטש, "השופט כל הארץ לא יעשה משפט?" דער ריכטער פון דער גאנצער וועלט וועט ניט טאָן קיין גערעכטיקייט ? ! אויב גאָט איז בלויז מידת־הדין, געזעץ, מאכט, איז דאָך נישט כדאי געווען זיך צו לאָזן וואַרפן פאר אים אין קאלד־אויוון ! . .

אברהם אָבינו האָט אַ משפט מיט גאָט. ער מאָנט ביים שופט פון דער וועלט גערעכטיקייט. ער טרעט ניט אָפּ, ביז גאָט מוז זיך בויגן פאַר אים. ער געווינט די דין־תורה מיט גאָט.

אָט דאָס איז דאָך דער אייביקער קאַמף צווישן מאכט און גערעכטיקייט, וואָס קומט נאָך פאַר איז אונדזערע היינטיקע טעג . . . הגם דער דאָזיקער קאַמף איז אַ שווערער, דאָך גלויבן מיר נאָך אַלץ, אַז סוף־כּל־סוף וועט גערעכטיקייט זיגן איבער דעם קולט פון פויסט, מאכט, בלוטדורשטיקייט.

נישט אומזיסט טאַקע האָט דער יידישער פּראָלעטאַריאַט, אין דעם אַמאָליקן רוסיש־פּוילן און ליטע אויפגענומען אָט די דאָזיקע דערציילונג מיט אַזוי פיל ליבשאַפט, כאָטש עס קומט אין איר אַריין דער עלעמענט פון רעליגיע און צדיק. ווייל דער עיקר איז דאָך דאָס קערנדל, דער געדאַנק, דער מוסר־השכל. דאָס איבעריקע איז דאָך ניט מער ווי די ראַם פאַר דעם קינסטלערישן בילד.

מיר דערזעען ווי אין אָט דעם פּשוטן בעל־מלאכה, בערל שניידער, שטעקט אַ גרויסע נשמה. ווען ר' לוי יצחק בערדיטשעווער פרעגט אים:

— וואָס פאַרלאַנגסטו, בערל? ווילסטו פּרנסה?

באַליידיקט זיך בערל און שרייט אויס:

— פּרנסה, קיי און שפּיי!

ער זוכט נישט פאַר זיך קיין פּערזענלעכע נוצן. זיין פאָדערונג גייט אַ סך ווייטער: ער וויל אַז צוליב אים זאָל גאָט מוחל זיין דעם גאַנצן כּלל־ישראל, אפילו פאַר די עבֿרות שבין אָדם לחברו.

פּרץ ווייזט אונדז, אַז דער אמתער, פּשוטער פאָלקס־מענטש איז נישט בלויז אַ קעמפער פאַר זיך, נאָר פאַרן גאַנצן קאָלעקטיוו. פון אַזעלכע בערל שניידערס קומען על פּי רוב אַרויס הייליקע קעמפער און מאַרטירער, וואָס זיינען זיך שטענדיק מוסר־נפש פאַרן יידישן כּלל און פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

אָט אַזוי שאַפט פּרץ שטענדיק אַ סינטעז צווישן דער אַלטער תורה און דער נייער תורה־ליטעראַטור: דאָרט אברהם אָבינו און דאָ אַ בערל שניידער . . .

און פאַרקערט, פאַר טאָן גוטס, מעשים טובֿים, ווערט מען באַלוינט ווי מיר זעען עס אין די מעשות "דער קונצנמאַכער", "זיבן גוטע יאָר", "שׂרה בת טובֿים", "דריי קיבעלעך" א"אַ. ווען מיר לייענען אָט די דאָזיקע דערציילונגען, פאַרגעסן מיר, אַז דאָס זיינען ניט מער ווי לעגענדעס, פאָלקס־מעשׂות, ווייל די שילדערונגען, די באַשרייבונגען און די כאַראַקטערן טראָגן אויף זיך דעם חותם פון אַ שטיק רעאַליזם. דאָס איז פּרצעס אייגנאַרטיקע קונסט פון קאָנען זיך אַזוי צונויפגיסן מיט זיינע העלדן, אַז מען הערט אויף צו שפּירן וווּ עס הייבט זיך אָן לעגענדע און וווּ עכטע אמתדיקייט.

זיין חסידישע מעשה "אויב נישט נאָך העכער", האָט אין זיין צייט ארויסגערופן א גאָר באזונדערן רושם אין דער יידישער ליטעראטור.

דער נעמיראָוועֶר רבי פלעגט סליחות־צייט נעלם ווערן. די חסידים זיינע האָבן געגלויבט, אז דאָס גייט ער ארויף אין הימל איינצושטעלן זיך פאר זיין פאָלק ישראל, אויסבעטן פאר אים ישועות ונחמות. דער פרעמדער ליטוואק לאכט זיך אויס פון דעם, ביז ער געפינט אויס דעם אמת : דער נעמיראָווער צדיק פארשטעלט זיך גאָר פאר א פויער און גייט אין וואלד, האקט אָן אביסל האָלץ און טראָגט עס אוועק צו אן אָרעמער, קראנקער יידענע, וואָס וווינט אין עק שטאָט. ער פארקויפט איר דאָס האָלץ אויף באָרג און ער הייצט נאָך איין פאר איר דעם אויוון. און ווען דער ליטוואק האָט נאָכדעם געהערט ווי חסידים זאָגן, אז דער רבי איז ארויף אין הימל, האָט ער שוין מער נישט געלאכט, נאָר אויסגערופן : "אויב נישט נאָך העכער".

אָט דעם לייט־מאָטיוו צו דער דאָזיקער מעשה, האָט פּרץ אויך גענו־מען פון די נביאים, וואָס האָבן פונם ערשטן ביזן לעצטן געהאלטן אין איין האמערן, אז גאָט וויל נישט קיין קרבנות, נאָר טאָן חסד און גענאָד, גוטסקייט, ערלעכקייט, געטריישאפט צום עלנטן און געדריקטן, צום יתום און דער אלמנה. ווייל מעשים־טובים שטייען העכער פון קרבנות, פון תפילות, פון סליחות זאָגן.

פּרץ, דער דיכטער־נביא, זאָגט עס דורכן מעדיום פון זיין קינסט־לעריש וואָרט. מעשים־טובים מיינט ביי אים : "געפאלענע אויפצוה יבן, קראנקע צו היילן, הונגעריקע צו זעטיקן, דורשטיקע די ליפן צו באנעצן, פארלוירענע צו זוכן און צו געפינען". און ווען מען קאָן שוין, חלילה, די אומגליקלעכע נישט העלפן, איז כאָטש מיטליידן מיט זיי איניינעם, אפילו ווען מען וועט אליין דארפן דורכמאכן אלע שבעה מדורי גיהנום.

אזוי זעען מיר ווי פּרץ ציט זיין קינסטלערישן, גאָלדענעם פאָדעם פונם ריינעם אלטן יידישן קוואַל. ער האָט גענומען דעם אלטן וויין און אים איבערגעגאָסן אין נייע קרישטאָלענע כלים.

מיט זיינע חסידישע דערציילונגען האָט אונדז פּרץ געגעבן א שליסל אריינצוקומען אין דעם לפנים ולפנים פון דער גרויסער, פארצווייגטער חסידישער באוועגונג, וואָס די משכילים־שרייבער האָבן פאר אים געהאַט אזוי אָפּגעשפּאָט און אָפּגעחוזקט. מיר האָבן דערזען, אז דאָס איז א ריין־דעמאָקראטישע פאָלקס־באוועגונג, מיט א פעסטן הומאניזם, וואָס קיין שום אנדערע באוועגונג קאָן זיך מיט איר נישט פארגלייכן.

אָט דעם זעלבן צוגאנג, מיט דעם זעלבן אייגנארטיקן פּרץ־נוסח — פון קינסטלעריש פארבינדן און באהעפטן דאָס אלטע מיט דעם נייעם אין

דער יידישער ליטעראטור. געפינען מיר אויך אין זיין דערציילונג "בײַם גוסס צוקאָפּנס".

לייבל קאָנסקיוואָלער איז נישט געווען, ווי אנדערע מיינען, א וואָלף אין א שעפּסן־פעל. מיט זיין שרייען שמע ישראל און מיט זיין גאנצער פרומקייט איז ער גראָד געווען אויפריכטיק. ער האָט טאקע געדאַוונט מיט הארץ, מיט כוונה. ער האָט, ווי א סך אנדערע, פארשטאנען, אז יידישקייט מיינט נאָר אין שול, אין בית־מדרש. אין לעבן אָבער קאָן מען זיך אויפ־פירן אנדערש. אזוי האָבן זיך אויפגעפירט די אמאָליקע רייכע יידן אין שומרון און אין ירושלים. מען האָט געגנבעט, געגזלט, באַשווינדלט דעם אָרעמאַן, דעם יתום און דער אלמנה. אָבער ווי גיך מען האָט געבראַכט א קרבן צו גאָט, האָט גאָט מוחל געווען. אזוי האָבן זיך דעמאָלט געפירט די אלטע שכנישע געצנדינערישע פעלקער. אויף אַן ענלעכן אופן פירן זיך נאָך היינט אויף די קריסטלעכע פעלקער. מען איז שטארק פארליבט אין דער הייליקער ביבל, אין דעם "לא תרצח" — דו זאָלסט נישט מאָרדן, און מען מאָרדעוועט זיך אוים איינע די אנדערע. ווייל די ביבל איז נאָר געגעבן געוואָרן פאַרן טעמפּל, פארן קלויסטער. אין לעבן פירט מען זיך אנדערש. דאָס איז א דואליזם, פון פירן א צווייענדיקן לעבן.

אויף אָט דעם דאָזיקן וועג פון די גויים האָבן די אמאָליקע יידן אין אויך די היינטיקע יידן געוואָלט גיין, ווי די אמאָליקע העלעניזירטע־פארגרי־כישטע יידן, די צדוקישע יידן, די דייטשישע און די היינטיקע אסימילירטע, פארענגלישטע, אמעריקאנער יאהודים פון משהס גלויבן.

דאָס זעלבע זאָגט אונדז פּרץ: מען קאָן נישט פירן קיין דאָפּלטן לעבן. יידישקייט מיינט גאנצקייט; זיין גאנץ מיט גאָט, מיט דיין געוויסן שטענדיק און אומעטום. לעבן א גאנץ יאָר ווי גויים, נאָר איינמאָל אין יאָר, ראש־השנה און יום־כיפור, לויפן אין שול אריין און שרייען שמע ישראל, איז מען נאָך נישט קיין ייד.

און איצט וועלן מיר נעמען זיינע א צווייטע דערציילונג, וואָס איר סוזשעט האָט פּרץ גענומען פון אן אלטער תלמודישער אגדה. דאָס איז די מעשה "זיבן גוטע יאָר".

טוביה דער טרעגער האָט א גאנצע וואָך געלעבט אין נויט און אין דחקות. יעדן דאָנערשטיק, ערב שבת, שטייענדיק אין מאַרק, פלעגט ער שטיל מתפלל זיין, אז גאָט זאָל אים צושיקן עפּעס א פאַרדינסטל, ער זאָל, חלילה, קיין פארשטערטן שבת נישט האָבן, און זיין ווייב סערל מיט די קינדער זאָלן חס ושלום נישט הונגערן אום שבת.

דאָ ווייזט אונדז פּרץ די גרויסע גליענדיקע אהבה פונם פאָלקס־

מענטש צום הייליקן שבת. א גאנצע וואָך א לעבן פון א היימלאָזן הונט, שבת ווערט מען פאַרוואַנדלט אין א פּרינץ. פון אָט דעם הייליקן טאָג שבת, האָט טוביה געצויגן זיין גייסטיקע חיונה א גאנצע וואָך.

פּלוצלונג באַווייזט זיך אליהו הנביא פאַר אים, אין געשטאַלט פון א דייטשל, און זאָגט צו אים אַזוי:

— הער, טוביה, דיר איז באַשערט געוואָרן זיבן גוטע יאָר. זיבן יאָר פון מזל און הצלחה, און אוצרות געלט. אָבער עס ווענדט זיך אָן דיר ווען דו ווילסט האָבן די גוטע זיבן יאָר. איצט, נאָך היינטיקן טאָג, אָדער ביים סוף פון דיינע יאָרן.

טוביה גלויבט נישט אָט דעם מבשר־טוב. ער איז אים מדחה פון זיך, אָבער ווען דאָס דייטשל לאָזט אים נישט אָפּ און האַלט אים כסדר אין איין איבערחזרן די זעלבע ווערטער, זאָגט צו אים טוביה:

— איך בין מיך נוהג, ביי יעדער זאַך, וואָס קומט מיר פאָר, זיך אפּרעדער אָן עצה צו האַלטן מיט מיין ווייב סערל און אָן איר קאָן איך דיר קיין קלאָרע תשובה נישט געבן.

דאָ שפּיגלט זיך אָפּ פאַר אונדז דער אמתער שלום־בית ביי יידן, וואָס איז שוין לאנג באַזונגען געוואָרן אין דער אַלטער רעליגיעזער יידישער ליטעראַטור און אויך אין דער נייער. פּרץ איז ממש פאַרכאַפּט פון דער אידיליע פונם שלום־בית ביי יידן. ער קאָן זיך קיינמאָל נישט אָפּרייסן פון אָט דער טעמע. זי האַלט אים אין איין פאַראינטריגירן. ער האָט טאַקע א דערציילונג מיטן נאָמען "שלום בית".

פאַרשטייט זיך, אַז דער פּשוטער פאָלקס־מענטש, טוביה, האָט בעסער געוואָלט נעמען די זיבן גוטע יאָר ביים סוף פון זיין לעבן, ווען ער וועט שוין נישט האָבן קיין כוח צו זיין א טרעגער. אָבער ווען זיין ווייב סערל זאָגט אים אָן, אַז מען דאַרף חדר־געלט פאַר די קינדער, דער רבי מאָנט שכר־לימוד, ער האָט זיי אהיימגעשיקט, דעמאָלט לויפט טוביה צום דייטשל מיט א קלאָרער תשובה, אַז ער וויל די זיבן גוטע יאָר תוך כדי דיבור.

נאָך די זיבן גוטע יאָר, ווען אליהו הנביא באַווייזט זיך ווידער און זאָגט אָן, אַז די זיבן גוטע יאָר זיינען שוין אריבער, ענטפערט אים סערל, אַז זיי האָבן קיינמאָל גאָר נישט געהאַלטן דאָס געלט פאַר זייער אייגנס. ווייל וואָס א מענטש פאַרדינט מיט זיינע אייגענע צען פינגער, דאָס איז זיינס, און אַזוי עשירות, וואָס קומט אָן שוויים, אָן פּראַצע, איז נאָר א פּיקדון, וואָס זיין ליבער נאָמען לאָזט איבער ביי מענטשן אין די הענט פאַר אָרעמע לייטס וועגן. זי האָט נאָר פון געלד אויף שכר־לימוד גענומען, דאָס איז גאָטס תורה, מעג מען פאַר זיין תורה מיט זיין געלד צאָלן, מער נישט!

און דאָס האָבן דאָך אויך געטענהט די נביאים: "איר ליגט אויס־געצויגן אויף די ווייכע געלעגערס, עסט דאָס פלייש פון געשטאָפּטע קעלבער,

טרינקט וויין פון די שפּרענג־בעקנס און בארויבט די אָרעמע, דריקט די אביונים״. דאָס זעלבע האָבן אויך געטענהט אַלע אַנדערע סאָציאַליסטישע פירער און קעמפער, אַז דאָס וואָס מען פאַרדינט נישט מיט די אייגענע צען פינגער איז נישט דיינס, דאָס איז פרעמדס, עקספּלואַטאַציע. נאָר דער וואָס אַרבעט, האָט רעכט אויף ברויט. און פּרץ זאָגט עס אויף זיין קינסטלערישן אופן. אַזוי אין זיין פּראָזע און אַזוי אויך אין זיין ליד, ווי ״מיין נישט די וועלט איז אַ קרעטשמע״, און פיל אַנדערע.

* * * * *

אין דער פאָלקס־מעשה ״דער אַרענדאַר״, דערציילט אונדז פּרץ וועגן אַ גביר וואָס איז געווען אַ קמצן, אַן אכזר צו אָרעמעלייט. ער קריגט זיין פאַרדינטע שטראָף : ער ווערט פאַרוואַנדלט אין דעם אָרעמען גייער, וועמען ער האָט נישט געוואָלט שענקען קיין שטיקל ברויט. און דער אָרעמאַן נעמט אָן די געשטאַלט פונם גביר. דער גביר, דער באַלעבאָס, ווערט פאַרטריבן פון זיין היים, פון זיין משפּחה. ער מוז גיין אָפּריכטן גלות. זיין נע־ונד, ער וואַלגערט זיך איינייִנעם מיט בעטלער און שנאָרער אין הקדש, ביז ער פאַרגעסט אפילו ווער ער איז און וואָס זיין נאָמען איז געווען. ערשט נאָך לאַנגע יסורים און גילגולים קומט ער אָן מיט אַ כאַפּטע בעטלער פּונקט צו דער חתונה פון זיין אייגענער טאָכטער. דאָ ווערט ער צוריק פאַרוואַנדלט אין דעם פריערדיקן גביר, אָבער דער איז שוין גאָר אַן אַנדערער : אַנשטאָט זיין שטיינערן האַרץ האָט ער שוין באַקומען אַ מענטשלעך האַרץ, ווייל ״יסורים ממרקין עוונותיו של אדם״ — ליידן און יסורים רייניקן און לייטערן אויס דעם מענטשנס נשמה.

אמתע יידישקייט, לויט דער יידישער טראַדיציע און לויט פּרצן, איז ווי נחמנקע פון זבאַרזש האָט זיך אויפגעפירט :

״ער האָט נישט איינמאָל מנחה פאַרפעלט. ער האָט על פּין דין די נעגל נישט געשניטן, נאָר דערפאַר קיין איין רגע פאַר זיך נישט געלעבט, נאָר פאַר שוואַכע און קראַנקע, פאַר אַלמנות און יתומים, פאַר פאַרפינצטערטע, פאַרוואָגלטע און פאַרמאַטערטע״.

אָט דאָס איז יידישקייט ! מעשים־טובים שטייען העכער פון תפילות און קרבנות. אַזוי האָבן געטענהט די נביאים, אַזוי טענהט אויך פּרץ, אויף זיין קינסטלערישן אופן.

אַזוי גייט זיין סעריע ״שטומע נשמות״. דאָס זיינען פּראָסטע, מגושמדיקע דאָרפס־יידן : קרעטשמערס, אַרענדאַרן, קוילן־ברענער, וואַסער־טרעגער, האָלצהעקער, טרעגער, פישערלייט. זיי זיינען נעבעך שטומע נשמות. זיי האָבן נישט קיין ווערטער מיט וואָס אויסצודריקן זייערע געפילן צו גאָט. דערפאַר אָבער פאַרמאָגן זיי אַ יידיש האַרץ, אַ מענטשלעך האַרץ. אָט די דאָזיקע שטומע נשמות שטייען ביי גאָט פיל העכער פון די שיינע יידן, די למדנים. זייער שטומע תפילה ווערט גיכער דערהערט.

און אַז די דאָזיקע פּשוטע פאָלקס־מענטשן, די אַזוי' גערופענע עמי־הארצים, פילן זייער יידישקייט מיט אַלע זייערע רמ״ח אברים. און אויב יידישקייט מיינט זעלבסט־קאָנטראָל, ד״ה, צו קאָנען קאָנטראָלירן די אייגענע אינסטינקטן און פאַרלאַנגען, אפילו ווען עס קומט אויס דערפאַר א סך צו ליידן, פאַרמאָגן זיי אויך אַז דעם כוח, אפשר א סך מער ווי דער אינטעליגענט.

שמריהו דער האַלצהעקער, אין דער מעשה ״דער אוצר״, איז געווען אַן אָרעמאַן מיט זיבן פאַלעס. זיין ווייב און קינדער האָבן געהונגערט. עס איז געווען ביינאַכט. אין זיין ענגען שטיבל איז געווען שרעקלעך הייס און דושנע. ער קען נישט שלאָפן. ער לויפט ארויס אין דרויסן כאַפּן דעם אָטעם. פּלוצלונג באַווייזט זיך פאַר אים אַן אוצר, ממש מיט דער האַנט צו דער־לאַנגען. ער דאַרף נאָר אַראָפּכאַפּן פון זיך די קאַפּאָטע און זי אַרויפוואַרפן אויפן אוצר און אַדע! אָבער מיטאַמאָל דערמאָנט ער זיך, אַז היינט איז פרייטיק צו נאַכט, שבת! עס קומט פאַר אין אים א געראַנגל: פון איין זייט אַן אוצר, געלט, רייכטום! פאַרטרייבן דעם דלות פון שטוב, געבן די יינגלעך לערנען, חתונה מאַכן די אונטערגעוואַקסענע טעכטער! פון דער צווייטער זייט: שבת, יידישקייט! א שטאַרקער ויתרוצצו צווישן יצר הרע און יצר טוב אין אים. ער האָט אָבער אויסגעהאַלטן דעם שווערן נסיון. דער פּראָס־טער האַלצהעקער איז א גרויסער מענטש, מיט א שטאַרקן ווילן, מיט א פעסטן כאַראַקטער — א מענטש דאַרף זיך קאָנען שטענדיק קאָנטראָלירן.

דאַקעגן אָבער אין דער מעשה ״א תאווה צו קליידער״, קאָן די פרומע, ווילגעלערנטע באַשע־גיטל נישט קאָנטראָלירן אירע פאַרלאַנגען. קומט טאַקע צו א קאַטאַסטראָפע: דער טיוול האָט געזיגט — טייוואַלים האָבן געטראָגן אירע קליידער און ווען זי האָט עס דערזען, איז זי געשטאָרבן פאַר שרעק.

אין אונדזער גרויסער, לאַנגער גאָלדענער קייט פון תורה־ליטעראַטור, וואָס ציט זיך פון די עשרת הדיברות דורך די חמישה חומשי תורה, נביאים, סופרים, פרושים, תנאים, אמוראים, גאונים און רבנים, האָט פּרץ, מיט זיינע פאַר צענדליק קינסטלערישע ווערק ארויפגעצויגן א נייעם שטאָק מיט א גאָלדענעם, קינסטלערישן דאַך.

* * * * *

מיר וועלן זיך איצט אָפּשטעלן אביסל לענגער אויף פּרצעס ״די דריי מתנות״, וואָס איז איינע פון די שענסטע פּערלען צווישן זיינע 150 קינסטלערישע ״פאָלקסטימלעכע געשיכטן״.

עס איז א דייטשישע שטאָט. (פּרץ גיט דאָ צו אין קלאַמערן: ״פאַרשטייט זיך א פאַרצייטישע דייטשישע שטאָט״. עס איז קענטיק, אַז ער האָט געגלויבט, אַז דער פינצטערער מיטלאַלטער וועט זיך שוין מער נישט אומקערן, צום באַדויערן האָט ער א טעות געמאַכט, ווי מיר אַלע)...

פול מיט פארשיידנפארביק־געקליידעטע מענטשן איז דער פלאץ ארום דעם שטאָטישן מאגיסטראט. פיל קעפּ אין די פענצטער; מענטשן ליגן אויף די דעכער, טייל זיצן רייטנדיק אויף די באלקאָנען, הענגען אויף די ביימער. אלע ווארטן מיט אומגעדולד; אלע פנימער פלאמען, אלע אויגן בליצן, שפריצן מיט פייער. אלע הייבן אויף די הענט, ווער מיט א בייטש, ווער מיט א שפּריץ־רוט, ווער מיט א טוך אין דער האנט. אלע, אלע זיינען גרייט צו יאָגן דאָס ווילדע פערד, וואָס וועט באלד דארפן שלעפּן דאָס יידישע מיידל, דעם רבס טאָכטער, ביי אירע לאנגע, שווארצע צעפּ, איבער די שטיי־נערנע גאסן פון דער שטאָט.

דערהערנדיק דעם פּסק־דין פונם דייטשישן ריכטער, האָט א ווילד פרייד־געשריי זיך ארויסגעריסן פון אלע מיילער.

פרעג גיט אונדז דאָ אן עכט קינסטלעריש־רעאליסטיש בילד ווי עס זעט אויס א צעיושעטע, בלוט־דורשטיקע מאסע, מיט א מאָב־פּסיכאָלאָגיע, מיט א תאווה צו לינטשעריי. און נאָך שרעקלעכער קוקט זי אויס, ווען די דאָזיקע גוישע מאסע דערשמעקט יידיש בלוט . . .

אָט די דאָזיקע בלוטדורשטיקייט איז שוין אן אלטע, א טראדיציאָ־נעלע, אזוי צו זאָגן . . . ס׳איז שווער דער גוישער וועלט צו באפרייען זיך פונם אלטן, אייביקן "על חרבך תחיה", וואָס אָפטמאָל דריקט עס זיך אויס אין בלוטיקע מלחמות צווישן זיך, ווו דער ייד איז שטענדיק דער שעיר לעזאזל . . . אין שנים כתיקונן דריקט עס זיך אויס אין אָקסן־קאמף, ווו מענטש מיט רויטער טוך אין איין האנט און מיט שווערד אין דער צווייטער האנט געקעמפט אויף טויט און אויף לעבן מיט דער אומשולדיקער, שטומער חיה. און אין די ציוויליזירטע, פּראָגרעסיווע לענדער, ווי אין אמעריקע, טראָגט עס דעם כאראקטער פון א קולאקן־קאמף, פאר די אויגן פון צענדליקער־טויזנטער צושויער. אָט דער דאָזיקער ווילד־בלוטיקער ספּאָרט ווערט דאָך שיר נישט פארוואנדלט אין א נאציאָנאלן יום־טוב. קינד און קייט זיינען פארכאפּט, די גאנצע פּאָליטיק פון לאנד ווערט דאָך דעמאָלט פאררוקט אין א ווינקל. און דער זיגער אין אָט דעם פויסטן־קאמף ווערט שיר נישט פאר־רעכנט פאר א פאָלקס־העלד. דעמאָלט איז מען אפילו מוחל דזשאָו לויִסן זיין נעגערשע, שווארצע הויט . . .

און ווען מען זאָל אָט די ווילד־צעיושעטע מאסע אָנרייצן אויף א וועלכער ס׳איז נאציאָנאלער מינדערהייט, באזונדערס אויף יידן, וואָלט זי מיט איר בלוטדורשטיקייט און אכזריות נישט אָפּגעשטאנען פון אמאָל, פון וועלכער נישט איז פארצייטישער דייטשישער שטאָט . . .

און פון דער צווייטער זייט זעען מיר די שטילע, רויִקע, צניעותדיקע יידישע מיידל, וואָס בעט, אין אירע לעצטע רגעס פאר איר שרעקלעכן טויט, ניט מער ווי עטלעכע שפּילקעס, וואָס זי שטעקט טיף־טיף זיך אריין אין לייב,

כדי ווען דאָס ווילדע פערד וועט זי שלעפּן איבער די גאַסן, זאָל איר נאַקעט לייב ניט אַנטפּלעקט ווערן. אין די אויגן פון דער גויישער בלוטדורשטיקער מאַסע איז זי דול און משוגע, אָבער פאַר אונדז איז זי די פולשטענדיקע פאַרקערפּערונג פון דעם העכסטן יידישן מאָראַל. אין דעם מאָמענט וואַקסט זי אויס אין אונדזערע אויגן אין אַ גייסטיקן ריז. זי איז שטאַרקער, מעכ־טיקער פאַר דער טויזנט־קעפּיקער מאַסע גויים . . .

דאָס איז דער יידישער כוח. די וואַרשעווער געטאָ איז צעטראָמפּלט געוואָרן אונטער די באַשטיאַלישע פיס פון די רוצחישע נאַציס. און דאָך האָט די חרובע געטאָ געזיגט איבער דעם פאַרפאַנצערטן נאַציזם. דאָס איז דער יידישער וועג.

און נאָך אַ זאַך וואָס מיר קאָנען פון דעם אָפּלערנען: די געביל־דעטע רבס טאָכטער איז איר ענג געוואָרן אין דער יידישער געטאָ. עס האָט איר, ווייזט אויס, שוין לאַנג געצויגן אהין, אויף יענער זייט מויער־וואַנט, צו די שיינע, אויסגעפּלאַסטערטע גוישע גאַסן, צו דער גוישער קולטור. זי האָט זיך אַרויסגעגנבעט און געקומען אהין. זי האָט געמיינט, אַז מען וועט זי דאָרטן אויפנעמען ווי אַ אייגענע. אָבער די געשיכטע האָט אונדז געוויזן, אַז די אַלע וואָס האָבן זיך אַרויסגעגנבעט פון דער אייגענער געטאָ און זיינען אַוועק אהין און אָפּגעגעבן זייערע כוחות, זייערע אַלע גייסטיקע פעיקייטן דעם גוישן פאָלק, זיינען נאָכדעם געוואָרן די ערשטע פאַרברענט צו ווערן אויף זייער מזבח . . . ווייל מען קען פון זיך נישט אַנטלויפן; געבאָרן אַ ייד, מוז מען שוין בלייבן אַ ייד. אַזוי איז אונדזער גורל, און אַנטלויפן פונם גורל קאָן מען נישט. נאָר די וואָס אַנטלויפן נישט, באַזיצן אַ שטאַרקערן גייסטיקן כוח אויסצוהאַלטן אַלע שווערע נסיונות, ווי מיר זעען דאָס אין פּרצעס דריטער מתנה:

מען האָט אַן אומגליקלעכן יידן פאַרמשפּט צו גיין דורכן "סטראָי" — צווישן צוויי לאַנגע שורות סאָלדאַטן. זיי כוואַשטשען זיין לייב מיט בייטשן. דער ייד גייט גלייך. ער שטרויכלט נישט און פאַלט נישט. ער לייזט שמייץ פון אַלע זייטן און האַלט זיי אויס . . .

"און די ריטער פייפן אין דער לופט ווי די רוחות און כאַפּן אַרום דאָס לייב ווי די שלאַנגען, און דאָס בלוט פונם מאָגערן גוף שפּריצט און שפּריצט, און הערט נישט אויף צו שפּריצן!

"הו־הא! הו־הא!

"אין מיטן טרעפט אַ סאָלדאַט צו הויך און וואַרפט דעם פאַרמשפּטן אַראָפּ די יאַרמעלקע פון קאָפּ. נאָך עטלעכע טריט באַמערקט ער עס. ער גיט זיך אַ ריר, גלייך ער האָט אַ ישוב. ער וועט נישט גיין בגלוי־ראש, און ער גייט צוריק צום אָרט וווּ די יאַרמעלקע ליגט. ער בויגט זיך איין און הויבט זי אויף און דרייט זיך אויס און גייט ווייטער, רויק, רויט פאַרבלו־

טיקט, נאָר די יאַרמעלקע אויפן קאָפּ. ער גייט און פאַלט, פאַלט און הייבט זיך אויף און גייט ווייטער"...

אָט דאָס איז דער אייביקער יידישער גאַנג אין דער וועלט. אונדזער גאַנץ לעבן גייען מיר דורכן סטראָי. מיר פאַלן און מיר הייבן זיך אויף און גייען ווייטער...

אָבער מיט וואָס פאַר א כוח גייען מיר? מיר גייען, זאָגט אונדז פּרץ מיט אונדזער אייביקן כוח פון אמונה, גלייבן און ביטחון. ווארים מיר טראָגן אויף זיך דעם גורל פונם ערשטן יידן אברהם אָבינו. אים האָט מען פאַר זיין אמונה, פאַר זיין גיין קעגן דעם שטראָם, געוואָרפן אין א ברענענדיקן קאַלך־אויוון און אזוי ווארפט מען זיינע קינדער אין די ברענענ־דיקע קאַלך־אויוונס און גאַז־קאַמערן. און פּונקט ווי זייער פאָטער איז נישט פאַרברענט געוואָרן, אזוי קאָן מען זיינע קינדער אינגאַנצן נישט פאַרברע־נען...

די יידישע פאָלקס־מאַסן, באַזונדערס די יידישע יוגנט אין פּוילן, האָבן פאַרמאָגט אין זיך א סך פון אָט די עלעמענטן פון פּרצעס "דריי מתנות". זיי האָבן עס ניט איינמאָל באַוויזן אין די שווערע טאָג־טעגלעכע קאַמפן קעגן דער פּוילישער רעאַקציע נאָך ביז 1939. די יידישע יוגנט האָט מיט ווירדע און מיט שטאָלץ תמיד פאַרטיידיקט דעם יידישן כבוד, אָפטמאָל ביז מסירת נפש. און וואָס די זעלבע יידישע יוגנט האָט געטאָן אין דער ביאַליסטאָקער און וואַרשעווער געטאָ אין קאַמף קעגן די בלוטיקע נאַצים, איז אונדז אַלעמען שוין גוט באַקאַנט.

די זעקס און ניינציק יידישע טעכטער פון דעם רעליגיעזן דערציע־רישן אַנשטאַלט "בית יעקב", האָבן מקדש השם געווען — אויסגעטרונקען סם, כדי נישט פאַראומרייניקט צו ווערן פון די נאַצישע טמאים. זיי האָבן געטאָן דאָס זעלבע ווי זייער אַמאָליקע "שוועסטער", דעם רבס טאָכטער, אין "די דריי מתנות". זיי זיינען געשטאָרבן בקדושה ובטהרה. דאָס זיינען שיינע, אויסטערלישע מתנות פון אונדזער היינטיקן דור.

אָט די אַלע העלדישע טאַטן אין די "פאָלקסטימלעכע געשיכטן", וואָס פּרץ האָט באַשריבן מיט אַזויפיל האַרציקייט און ליבשאַפט, האָבן זיך טיף איינגעקריצט אין די הערצער און אין די נשמות פון אונדזער יוגנט, וו די זאָלן נישט זיין, און זיי אָנגערעגט צו אַקטיווע מעשים.

די "פאָלקסטימלעכע געשיכטן" איז אפשר דאָס גרעסטע ווערק אין דער יידישער ליטעראַטור. דאָס איז א ווערק וואָס דאַרף געהערן צו די סאַמע הייליקסטע שריפטן פון אונדזער פאָלק.

* * * * *

ווי א לערער וואָס איז פאַרבונדן מיט דער יידישער דערציונג שוין העכער א פערטל י"ה, קאָן איך נישט פאַרביינייען און נישט דערציילן וואָס

פאר א גוואלדיקע גייסטיקע השפעה עם האבן פרצעס מעשות און דער־ציילונגען אויפן היגן אמעריקאנער יידישן קינד.

אוואדע איז אביסל שווערלעך פארן היגן קינד ביז עס לעבט זיך איין אין פרצעס שפראך, אין פרצעס פייזאזש און סביבה. דערפאר אבער ווערט דאס קינד גלייך פארכאפט פון דעם סיפור־המעשה. עס פארטראגט אים אין גאר אנדערע וועלטן. מיטאמאל וואקסן אוים פאר אים א גאנצע גאלעריע זעלטענע טיפן און געשטאלטן, וואס פארמאגן אין זיך אזויפיל גוטסקייט, שיינקייט און ערלעכקייט. עס דערזעט פאר זיך די מוראדיקע יידישע נויט, די גרויסע יידישע ארעמקייט, אבער אין דער זעלבער צייט אויך די קדושת־שבת און יום־טוב. און דער עיקר זייער שטענדיקע מסירת־נפש פאר דער יידישקייט. די פשוטע פאלקס־מענטשן ווערן זיי נאענט, אייגן, ווי זיי וואלטן געקומען פון זייער אייגענער סביבה.

צווישן פרצעס אלע דערציילונגען איז זיי אמליבסטן "די דריי מתנות". דא ווערט פאר זיי, ווי דורך א כישוף, דער הימל געני־דערט צו דער ערד און די ערד ווערט דערהויבן צום הימל, ווי מיט דער האנט צו דער־לאנגען. פאנטאזיע און ווירקלעכקייט גיסן זיך צונויף. איין פארכאפנדיק בילד יאגט נאך דעם צווייטן; איין דראמאטישע סצענע קייטלט זיך אין דער אנדערער. און אלץ אזוי אומגעריכט און אזוי אומדערוואַרטעט, אזש דער אטעם פארכאפט.

די קינדערשע פאנטאזיע פליט מיט מיט דעם אומגליקלעכן נשמהלע, וואס זוכט צו געפינען די דריי מתנות, אז עס זאל קאנען אריינקומען אין גן־עדן. די קינדער הערן זיך צו צו די שילדערונגען. זיי זיינען געשפאנט. זיי זיצן מיט אפענע מיילער, שלינגען ממש יעדער ווארט. אין קלאס הערשט אן אויסערגעוויינלעכע שטילקייט. זיי וואנדערן ארום, איניינעם מיטן נשמהלע, איבער ימען און איבער לענדער, איבער יידישע שטעט און שטעט־לעך, קוקן אויך אריין דורך שפארונעס פון לאדנס, אפשר וועלן זיי דערזען אין איינער פון די שטיבער צי וואקסן דארט נישט אמאל גאטס שמעקנדיקע בלימלעך — באהאלטענע מעשים טובים ?

נאכן איבערלייענען די מעשה, בלייבן די קינדער זיצן געשמידט אויף די ערטער, מיט פארזשמורעטע אויגן, ווי זיי וואלטן פלוצלונג געקומען פון גאר אן אנדערע, אויסטערלישער וועלט . . .

עס פאלגן באלד נאך א גאנצע רייע שמועסן. און וועגן וואס צו ריידן איז דא א סך : די גרויסע ליבשאפט פונם יידן צו ארץ־ישראל — צום זעקעלע ארץ־ישראל ערד; די יידישע געטא אין מיטלאלטער און אין אונדזער צייט; מארטירערטום אין דער יידישער געשיכטע; דער כוח פון אמונה, קידוש השם. נישט איינמאל טראכטן צו די קינדער אז אייגענע מתנה וועגן

גייסטיקער יידישער גבורה און קידוש השם אין ליכט פון אונדזער הײנ־טיקער צייט.

דאָס אַלץ ווערט פאַרבונדן און אַקטואַליזירט מיטן היינטיקן יידישן לעבן. דאָס איז פאַר זיי אַ גייסטיקער "צידה לדרך", וואָס ווערט זיי מיט־געגעבן אין זייער ווייטערדיקן לעבן, וואָס זיי וועלן עס שוין קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

פּרצעס מעשׂות איז פאַר די קינדער אַ יום־טוב לימוד. ביסלעכווייז און בהדרגההדיק, לעבן זיי זיך אַריין אין פּרצעס שפּראַך, און דער סביבה פון זיינע העלדן, אין זייערע האַנדלונגען און מעשׂים, און אין דעם מוסר־השׂכל פון זיין מעשׂה, פון זיין פּאָעמע, וואָס מאָנען שטענדיק גערעכטיקייט פאַר די אָרעמע, שוואַכע און ליידנדע.

און אויב דער לערער איז נאָך געבענטשט מיט אַ קינסטלערישער פאַנטאַזיע, קאָן ער אַרום דער פיגור פון פּרצן אויסבויען און אויספורעמען אַזאַ ליכטיקע געשטאַלט, אַזאַ פּערזענלעכקייט, וואָס די קינדער וועלן אים מוזן פאַרהייליקן. צום ביישפּיל:

פּרץ, דער ליבהאָבער פון קינדער, ווי ער האָט געגרינדעט פאַר היימ־לאָזע קינדער די ערשטע קינדער־היים אין וואַרשע, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה; געשריבן פאַר זיי לידער, מעשׂהלעך און אָפט אַליין געקומען און זיך געשפּילט מיט זיי.

פּרץ, דער רבי, דער לערער פונם יונגן שרייבער, וואָס שטעלט זיינע ערשטע טריט אין דער ליטעראַטור. זיין שטוב איז פאַר זיי אַ היים, אַן אַכסניה, אַ חדר, אַ שול.

פּרץ און זיין גרויסע ליבשאַפט צום אָרעמען אַרבעטער, בעל־מלאכה, צום פישער, צום טרעגער, צום וואַסער־פירער; פּרץ און דער גוטינקער און ליבער אליהו הנביא: אליהו הנביא אין "אַרענדאַר", אליהו הנביא אין "קונצנמאַכער", אליהו הנביא אין "זיבן גוטע יאָר" א"א.

אפילו אין פּרצעס פלוצלונגדיקן טויט איז פאַראַן עפּעס אַזוי־פיל הייליקעס, סימבאָלישעס און לעגענדאַרישעס: אינמיטן שרייבן אַ קינדער־ליד "שטילער, שטילער, דאַנקען וויל ער", האָט ער אויסגעהויכט זיין גרויסע, שיינע, ליכטיקע נשמה.

אַזוי קאָן דער לערער, דער קינסטלער, שאַפן די שענסטע, פאַר־כאַפּנדיקע מעשׂה — פּרץ.

ווײַל מען באמת איינפלאַנצן אַ ליבשאַפט אינעם קינד צום יידישן לעבן, צום יידישן שטייגער לעבן, וואָס דורות יידן האָבן געפורעמט, מוז מען לערנען פּרצן; ווייל מען אַריינפירן דאָס יידישע קינד אין דעם לפני

ולפנים פון דער יידישער טראַדיציע, פון דער יידישער פאָלקס־נשמה, מוז מען אָנקומען צו פּרצן; ווייל מען נאָגט מאַכן די נשמה פונם יידישן קינד, וואָס ווערט אַפּט צעריסן צווישן די צוויי קעגנגעזעצטע קולטורן: יידישקייט און גוייִשקייט, מוזן מיר אויפעפענען פאַר אים די קולטור־אוצרות פון אונדזער עבר, לויט דער קינסטלערישער אויפפאַסונג פון פּרצן.

א יידיש קינד אָן פּרצן איז שווער צו זיין, מיט פּרצן אין האַרצן און אין דער נשמה ווערט שוין גרינגער צו טראָגן דעם יידישן גורל. ווייל פּרצעס גוטער, האַרציקער שפּאָלער זיידע האַלט אים כסדר אין איין שעפּ־טשען אין אויער: "דו הייסט יידעלע, בלייב א ייד!" אפילו ווען מען קאַטע־ווועט דיך דאָס לייב מיט בייטשן, איז כדאי צו ליידן, בלייב א ייד! (אין זיין דערציילונג "ס'אי גוט").

און פּרץ האָט טאַקע פאַרמאָגט אין גאָר דער יידישער וועלט צענד־ליקער טויזנטער יידישע קינדער, וואָס האָבן אים געלערנט, און געלערנט מיט גרויס התמדה. הונדערטער, טויזנטער קינדער פון די ציִשאָ־שולן אין וואַרשע, פלעגן יאָר־איין, יאָר־אויס, גיין מיט זייערע לערער אויף "קבר־אבות" צו פּרצעס "אהל" און לייגן קרענץ־בלומען. אַזוי ליב און טייער איז זיי געווען דער נאָמען פּרץ.

און שפּעטער, אין דעם אויפשטאַנד פון דער וואַרשעווער געטאָ, האָבן די זעלביקע יידישע קינדער מיט פלעשער בענזין אין די הענט, זיך געוואָרפן אויף די טאַנקען און אויף די בלוטיקע נאַציס. זיי זיינען אומגעקומען על קידוש השם פאַרן כבוד פונם יידישן שרייבער און דיכטער; פאַרן כבוד פון זייער רבין און לערער פּרץ; פאַרן כבוד פון דער יידישער קולטור און פונם יידישן פאָלק.

* * * * *

30 יאָר נאָך פּרצעס טויט. אַך, ס'אַרא שוידערלעכע, בלוטיקע דריי־פיר צענדליק יאָר אינם יידישן לעבן אין פוילן און איז מזרח־אייראָפּע! דאָס זיינען דאָך געווען יאָרן פון בילבולים, גזירות, פּאָגראָמען, הריגות, שחיטות און תליות, וואָס האָבן צו זיך גאָר קיין גלייכן נישט אין דער גאַנצער יידישער געשיכטע, ביז ס'איז דערגאַנגען צו דעם שוידערלעכן קלימאַקס פונם אומקום פון די זעקס מיליאָן יידן. פון דער גלאָררייכער טויזנט־יאָריקער יידישער געשיכטע אין פוילן איז געבליבן נישט מער ווי א פינצטערער קאַשמאַר: די גאַז־קאַמערן פון מיידאַנעק, אָסוויענטשים און טרעמבלינקע.

וואָס וואָלט אונדז פּרץ געזאָגט אין אונדזער איצטיקן גרויסן אומ־גליק, אין אונדזער גרעסטן חורבן וואָס האָט געטראָפן דעם יידישן פאָלק? ער האָט דאָך עפּעס אַזוי שטאַרק געגלויבט אין דעם מענטשן און אין דעם שנעלן אָנקום פונם ליכטיקן מאָרגן?! . . .

שווער אויף דעם צו ענטפערן. מעגלעך, אז ער אליין וואלט זיך פארמשפט צו שווייגן און צו שטומען . . . אָבער איין זאך איז זיכער: ווען פרץ וואלט נאך געלעבט אין אָט די דאזיקע מוראדיקע טעג, וואלט ער גע־ווארן דער עמוד האש, דער פייערדיקער זייל, און געפירט זיין פאלק אין ווארשע צום קאמף קעגן דעם בלוטיקן שונא. מיט פרצן בראש וואלט אפשר דער אויפשטאנד אין דער ווארשעווער געטא געווען זיך אנגעפאנגען א סך פריער, ווען עס איז נאך געווען א האלב מיליאן יידן. געוויס וואלט זיין גורל געווען דער זעלבער ווי דובנאָווס, דר. יצחק שיפער, הלל צייטלין, רינגלבלום און ווי די אנדערע מיליאנען יידישע קדושים.

אָבער דאָס וואָס דער "רבי" פרץ איז נסתלק געוואָרן, נאך איידער עס האָט זיך אנגעיאָגט דער בלוטיקער מבול אויף זיין פאָלק, איז א סימן, אז ער האָט געמוזט האָבן א גאָר באזונדערן זכות אין הימל. דאָס איז פאר אונדז, פאר זיינע געטרייע תלמידים און נאָכפאָלגער א שטיקל טרייסט.

יוני, 1945.

אברהם רייזען

אברהם רייזען, אונדזער פאָלקס־דיכטער, ווען די יידישע וועלט פייערט איצט זיין זיבעציק־יאָריקן יובל, פערזאָניפיצירט מיט זיך א שטיק יידישע געשיכטע — די געשיכטע פון אונדזער שטורעם און דראנג עפּאָכע, אינם לעצטן יאָרהונדערט, וואָס איז אויך דער אזוי גערופענער רענעסאנס פאַר אונדזער מאָדערנעם, קינסטלערישן יידישן וואָרט.

די יידישע גאס, וואָס איז יאָרן לאנג געווען פארזונקען ווי אין א חוני המעגל שלאָף, האָט אין זיין צייט געגומען אויפוואכן. עס זיינען אויפּ־געקומען נאציאָנאלע, סאָציאלע און פּאָליטישע באוועגונגען, ווי השכלה, ציוניזם, בונדיזם א"א, וואָס האָבן מיט זייער אקטיוויטעט פיל געענדערט דאָס פּנים פונם יידישן לעבן.

מיט די אלע נייע שטרעבונגען אויף דער יידישער גאס איז אברהם רייזען געווען דירעקט און אומדירעקט, פארקניפּט און פארבונדן. מיט זיין גאנצן יוגנטלעכן ברען האָט ער זיך אריינגעוואָרפן אין דעם קאַמף פאַר דער אנערקענונג און פאַר דער חשיבות פונם פאָלקס לשון, וואָס אין יענער צייט האָט די משכילישע, רוסיפיצירטע יידישע אינטעליגענץ עס נאָך אָנגערופן "זשארגאָן" — די שפּראך פון שוסטער־שניידער און דינסט־מויד . . .

אינם יאָר 1908 איז ער, צוזאמען מיט פּרצן, דינעזאָנען, נאָמבערגן און אשן, געווען איינער פון די הויפּט־איניציאטאָרן פון דער היסטאָרישער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, וואָס האָט פּראָקלאמירט יידיש־לשון אלס די פאָלקס־שפּראך. "אין די אלטע לאָגלען וועלן מיר אריינגיסן נייעם וויין, נייעם אינהאלט. אויף דער דאָזיקער שפּראך וועלן מיר שאפן אונדזער מאָדערנע יידישע ליטעראטור פארן פאָלק", ווי עס האָט געלויטעט זייער פייערלעכער קול־קורא.

אויף אָט דער דאָזיקער פאָלקס־שפּראך האָט רייזען באלד גענומען אויסזינגען זיין ליד פון נויט און אָרעמקייט. נאָך אינם יאָר 1895 האָט ער געשריבן א ליד צום ארבעטער, וואָס שטייט אַן אויסגעשמירטער ביי דער טיר פון זיין באַלעבאָס:

> "אוי, אָרעמער ברודער, אוי, נארישער ברודער
> "גיי ווייטער און זעץ זיך אוועק . . .

"דו וועסט ניט פארפלעקן דאס גאָלד פון די זאלן —
"דיין זעלע איז ריין, אָן אַ פלעק,
"וואָס שטייסטו און גלאָצסט און באטראכסט אַלץ פארוואונדערט:
"דו האָסט נישט דיין ארבעט דערקענט? . .

אַט אַזוי טענהט זיך דער דיכטער רייזען אוים מיט זיין אָרעמען ארבעטער־ברודער, וועמען ער האָט כסדר געהאלטן אין איין דערמוטיקן, אים געהויבן פון זיין געפאלנקייט, געוועקט אין אים חשיבות און גלויבן אין זיינע אייגענע כוחות, זיך נישט צו שרעקן פאר דעם גלאַנץ פון די רייכע זאלן, וואָס ער אליין האָט געבויט מיט זיין שווייס און בלוט.

זיין ליד האָט זיך טאקע בליץ־שנעל געהאט פארשפרייט איבער אַלע ווינקעלעך פונם יידישן "תחום המושב". אומעטום, ווו נאָר עס האָט זיך געטומלט די יידישע אָרעמקייט פון "אַ געזינד זאלבע אכט", האָט מען געזונגען זיין ליד; שוסטער און שניידער געזעלן ביי זייערע ווארשטאטן, בלייכע, אָפּגעצערטע נייטאָרינס, וואָס האָבן ביים שיין פון אַ רויכער־לעמפּל גענייט פרעמדע חופה־קליידער. האָבן אַלע איניינעם געזונגען, בעסער געזאָגט — "געדראוונט" מיט התלהבות זיינע נייע ארבעטער־געזאנגען, ווייל אברהם רייזענס ליד האָט גערעדט די שפראך פון זייער געמוטשעטע לעבן. און פונקט ווי אונדזערע אמאָליקע נשים צדקניות האָבן מיט שטילע, פרומע געזאנגען גענייט פרוכתן פאר בתי־מדרשים, אזוי אויך האָבן שפּעטער זייערע טעכטער גענייט מיט רייזענס ליד די רויט־בלוטיקע רעוואָלוציאָנערע, ארבעטער־פאָנען פאר די מאַי־דעמאָנסטראַציעס.

אברהם רייזען, וואָס איז געשטאנען ביים וויגעלע פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראטור, האָט אריינגעבראכט אַ נייעם טאָן, אַ נייעם מאָטיוו, אַ נייעם ריטם אין דער יידישער פּאָעזיע. מיט זיין קינסטלערישן ליד האָט רייזען געבראכט צום אויסדרוק די ליידן און פּיין פון די ברייטע יידישע פאָלקס־מאסן, וואָס ראנגלען זיך תמיד און אומעטום אין די נעגל פון נויט און אָרעמקייט.

זיין ליד מיטן שטילן, פּשוטן טרויער און מיט זיין זעלטענעם מוזי־קאלישן טאָן, האָט שנעל אריינגעדרונגען אין די סאמע טיפענישן פונם פאָלק. קיין איין יידישער דיכטער האָט נאָך נישט זוכה געווען צו אזא פּאָפּו־לאַריטעט ווי ער.

* * * * *

אברהם רייזען איז אויך דער פּיאָנער פון דער קורצער נאָוועלע אין אונדזער ליטעראטור. ער האָט געבראכט די דאָזיקע פאָרם פון דער קורצער דערציילונג צו אַ גאָר הויכער, קינסטלערישער מדרגה. ער האָט פאראייניקט אין איר אַ שטילן הארציקן הומאָר מיט אינערלעכן דראמאטיזם, אַ פּסיכאָ־לאָגישע פארטיפקייט מיט אַ באהאלטענעם סימבאָליזם. און דאָס אַלץ

דערגרייכט ער מיט אן אויסערגעוויינלעכן צימצום פון ווערטער. ער באזיצט די קונסט פון קאַנען אריינפּאסן אין יעדער דערציילונג, אין יעדער סקיצע, א גאנץ לעבן, א גאנצע וועלט.

מען קאָן ביי רייזענען קיין באשטימטע טעמאטיק נישט געפינען. מיט זיינע הונדערטער דערציילונגען און לידער האָט ער אָפּגעפאָטאָגראַפירט אונדזער גאנצע פארגאנגענהייט. ער האָט אונדז געגעבן אן אלזייטיק בילד פונם שטעטל מיט אלע זיינע טיפּן און פּארשוינען: יידן און גוים, גבירים און קבצנים, לומדים און הארעפּאשניקעס, באלעמעלאָכעס און קלויזניקעס, פּאָטערס און קינדער. און וועמען נישט? זיין מיליע איז א גרויסער פּנקס, וואָס איז אָנגעפּראַפּט, ווי א שייער מיט תבואה, מיט היסטאָרישע פּאסירונגען און מיט יידישן לעבנס־שטייגער.

זיינע נאָוועלן שילדערן אָבער ניט בלויז דאָס לעבן אינם קליינעם שטעטל, נאָר אויך דאָס לעבן פון דער גרויסער שטאָט אין רוסלאנד, פּוילן, מערב־אייראָפּע און אין אמעריקע. ער מאָלט פאר אונדז דעם האלבן און גאנצן יידישן אינטעליגענט, דעם שריפטשטעלער, דעם באָהעמישן מענטשן, דעם לערער, דעם האנדלס־אָנגעשטעלטן און דעם ארבעטער, וועמען ער שענקט אוועק זיין גאנצע ליבשאפט און רחמנות.

און פּונקט ווי ער שילדערט פאר אונדז דאָס שטילע, איינגעזעסענע שטעטל, מיט זיין איינגעפונדעוועטן, יידישן לעבנס־שטייגער, אזוי אויך שילדערט ער אויף אן עכט־קינסטלערישן אופן די אזוי גערופענע "חבלי־לידה" ווען שטעטל הייבט זיך אָן "אויסצושטעטלען", ווי מיר זעען דאָס אין זיין בארימטער דערציילונג "די הייזער":

"לייזער־עליע האָט געצויגן זיין חיונה פון זיינע הייזער, פון זיינע עטלעכע שטיבלעך, וואָס זיינען געשטאנען ביי אים אויפן הויף. ער האָט זיך געשפּיגלט און געקליבן נחת פון זיי. און שכנים האָט ער געהאט א סך: אין יעדן שטיבל א געזינדל. זיין הויף איז געווען א גאנץ פריילעכער, און גוט און געטריי איז ער געווען צו זיינע קאָמאָרניקעס.

"אָבער פּלוצלונג האָט זיך אָנגערוקט אויף אים אן אומגעריכטער שונא: די וויטע, אומבאקאנטע אמעריקע, האָט אָנגעהויבן מאכן א תל פון זיינע הייזער. זיינע שכנים, פון וועלכע ער האָט געצויגן זיין פּרנסה, האָבן איינע נאָך די אנדערע גענומען אוועקפאָרן קיין אמעריקע.

"לייזער־עליע איז ארומגעגאנגען ווי אָן א קאָפּ. א פארצווייפלטער פלעגט ער אריינפאלן צו זיך אין שטיבל און טענהן צו זיין ווייב:

"— דו וועסט זעען, אז דאָס אמעריקע וועט אונדז אין דר'ערד לייגן!

"און קיין טעות האָט לייזער־עליע נישט געהאט. דאָס שטעטל האָט אָנגעהויבן זיך צעפאָרן אַלץ מער קיין אמעריקע. אויפן הויף האָבן זיך וואָס ווייטער מער דירות אויסגעליידיקט. און ביינאכט פלעגן צענדליקער פינצ־

טערע שויבן פון די לײדיקע שטיבלעך אים שרעקן, ווי אויגן פונם מלאך־המות״. . .

אין אָט דער דאָזיקער סקיצע ״די הײזער״, האָט רײזען, דער מײסטער פון דער קורצער נאָוועלע, ארײנגעפּאקט א גאנץ וועלטל. דאָ שפּיגלט זיך אָפּ דער אָנהויב פונם חורבן פון אונדזער ליב־הארציקן שטעטל, נישט נאָר פיזיש, נאָר אויך גײסטיק . . .

און זײן קינסטלערישער פארגלײך, וואָס ער מאכט, אז ״בײנאכט פלעגן פינצטערע שויבן פון די לײדיקע שטיבלעך אים שרעקן, ווי אויגן פון מלאך־המות״, טראָגט אין זיך אומבאוווסטזיניקערהײט עפּעס נביאישעס, סימבאָלישעס: זײ דערמאָנען אונדז אין די איצט־יקע פינצטערע שויבן פון אונדזערע לײדיקע שטיבלעך אין אוקראינע, ווײס־רוסלאנד, פּוילן און ליטע, וועמעס באלעבאטים מיט זײערע שכנים, אײנײנעם מיט זײערע געזינדלעך, זײנען פארשניטן געוואָרן פונם בלוטיקן שונא, און שרעקן אונדז איצט ווי די אויגן פונם מלאך־המות . . .

אָט די דאָזיקע דערצײלונג ״די הײזער״, איז זײער כאראַקטעריסטיש פאר א סך זײנע דערצײלונגען. פון אײן זײט זײנען זײ אָנגעלאָדן מיט דראמאטישע האנדלונגען, מיט פּסיכאָלאָגישער פּערטיפּסטקײט און מיט א באהאלטענעם סימבאָליזם, און פון דער צווײטער זײט אנטהאלטן זײ אין זיך אויך א שטילן, באהאלטענעם הומאָר, וואָס גײען בײ אים תמיד באנאנד, ווי עס גײט בכלל דאָס מענטשלעכע לעבן.

אָט איז א צווײטע דערצײלונג, מיטן נאָמען ״אוים בלאָטע״:

״אברהם, דער קלײנשטעטלדיקער לאָטוטניק, האָט געצויגן זײן פּרנסה פון דער אָסיענדיקער בלאָטע. פאר אלעמען איז די דאָזיקע בלאָטע געווען א צרה, אן אומגליק, א בײזע אָנשיקעניש פון זײן ליבן נאָמען. אָבער פאר אברהם דעם שוסטער איז די דאָזיקע בלאָטע געווען ממש אן אוצר.

״וואָרים א גאנץ זומער איז אברהם דער לאָטוטניק געווען א פארגעסענער מענטש, קײנער האָט זיך מיט אים נישט גערעכנט. אָבער ווי גיך עס קומט דער טריבער הארבסט מיט זײנע שלאַקס־רעגנס און די בלאָטע שטעלט זיך אוועק אויף וואָכן־לאנג, דעמאָלט ווערט ער בײ זיך א גדול. ער נעמט דעמאָלט נקמה פון אלע שטעטלשע באלעבאטים וואָס מוזן איצט אלע אָנקומען צו אים. ער רײסט דעמאָלט פון זײנע קונדן די הויט.

״אָבער פּלוצים, גאָר אומגעריכט, איז געקומען א סוף צו אברהם דעם שוסטערס בלאָטע. אין א שײנעם, ליכטיקן זומער־טאָג, האָט ער דערזען אין מיטן שטעטלשן מארק שטײט א גאנצער ״אָבאָז״ מיט גוײשע וועגענער, פון וועלכע מען האָט געהאלטן אין אײן אויסלאָדן שטײנער. עפּעס האָט אים שטארק א טיאָכקע געטאָן אין הארצן. ער איז צוגעגאנגען צום געזעמל מענטשן, זעען, הערן וואָס איז דער שכל פון אָט דעם בארג שטײנער.

„און ווי דער שטעטלשער לץ האָט דערזען אברהם דעם לאַטוטניק, האָט ער אויסגערופן מיט אַ חוזק־געלעכטערל:

„— ר' אברהם, מען גייט ברוקירן די גאַסן. עס וועט שוין מער קיין־מאָל קיין בלאָטע נישט זיין! ..

„חברה האָט באַלד אויפגעכאַפּט דעם שפּאַס, און אַלע ווי איינער האָבן אויסגעשאָסן אין אַ הילכיקן געלעכטער:

„— אוים בלאָטע! אוים בלאָטע!

„אברהם דער שוסטער", פאַרענדיקט אברהם רייזען די דערציילונג, „איז געקומען אַהיים אַ צעבראָכענער און פון גרויס צער, וואָס ער וועט בלייבן אָן פּרנסה, איז ער קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן מיט די לעצטע ווערטער אויף די ליפּן: אוים בלאָטע! אוים בלאָטע! .."

אין פּלוג איז דאָס אַן עכט־הומאָריסטישע דערציילונג. אָבער איז דער זעלבער צייט שפּיגלט זיך דאָ אָפּ אַ טראַגעדיע פון אַ מענטשן, ווייל יעדער נייע ציוויליזאַציע דערגרייכונג איז דאַך שטענדיק פאַרבונדן מיט קרבנות. ווען דער באַרימטער יידישער מיליאָנער, פּאָליאַקאָוו, האָט אין צאַרישן רוסלאַנד אויסגעבויט די ערשטע אייזנבאַן ערגעץ אין דעם יידישן „תחום המושב", זיינען די שטעטלשע באַלעגאָלעס געקומען מיט זייערע ווייבער און קינדער און זיך צעלייגט אויף די שטאָלענע רעלסן און מיט זייערע גופים געוואָלט אָפּשטעלן דעם גאַנג פון דער ציוויליזאַציע . . .

און פאַר דעם זעלבן גאַנג פון דער ציוויליזאַציע האָבן זיך אויך געשראָקן די ענגלישע אַרבעטער, אין אָנהויב פונם 19טן יאָרהונדערט, ווען מען האָט גענומען איינשטעלן די ערשטע דאַמף־מאַשין אין די פאַבריקן. זיי האָבן דערזען אין דער מאַשין זייער מלאך־המות, וואָס איז געקומען אוועקרויבן ביי זיי זייער אָרעם שטיקל ברויט, האָבן זיי זיך באַוואָפנט מיט העק און מיט אייזערנע שטעקנס און זיינען אַרויס אין אַ מלחמה קעגן איר.

נאָך אַן ענלעכע דערציילונג איז „די פאַבריק". אָבער דאָ זיינען די קרבנות פון דער אַזוי־גערופענער „אינדוסטריעלער רעוואָלוציע", געווען קינדער. דאָס איז אַ מעשה וועגן אַ שטילינקן, ריינינקן טייבעלע, וואָס איז זיך געפלאָסן צופוסנס פונם שטעטל. פאַר די קינדער איז דאָס דאָזיקע טייבעלע געווען אַ קוואַל פון פרייד. ווי גיך מען האָט אַראָפּגעפּטרט די אומעטיקע ספירה־טעג, פלעגן די יינגלעך, נאָכן אָפּזיין אַ גאַנצן טאָג פאַרשפּאַרט אינם ענגן, דושנעם חדר, לויפן אַהין זיך באָדן.

אָבער פּלוצלונג, אומגעריכט, איז אַראָפּגעקומען אַ ייד, אַ גביר, און האָט, ווי אויף צו להכעיס, אוועקגעשטעלט פונקט לעבן טייכל אַ גרויסע שוועבעלע־פאַבריק, וואָס האָט אוועקגעהרגעט דאָס שטילינקע, ריינינקע טייבעלע. דאָס וואַסער האָט אויסגעזען ווי אין אַ טעלער פאַרבליבן קאַלט פאַרגליווערט געקעכץ. אויף דער גליווערײַ זיינען אַרומגעשווומען העלצלעך,

צעבראָכענע קעסטלעך און סתם מיסט. און פון דעם אַלעמען האָט זיך געטראָגן אַ געשטאַנק.

ווען די קינדער האָבן דאָס דערזען, זיינען זיי געבליבן שטיין מיט געבויגענע קעפּ איבער זייער פאַרשטאַרבענעם, טייערן, ליבן טייכעלע.

און רייזען פאַרענדיקט די מעשה מיט די ווערטער: "לאַנג־לאַנג האָבן מיר באַוויינט דאָס ריינינקע טייכעלע און נאָך לענגער די פאַבריק געשאָלטן".

אַזוי דרינגט אַריין אַברהם רייזען מיט זיין קינסטלערישן אויג אומעטום. ער כאַפּט אַלץ אויף, ווי מיט אַ קאַמערע. און דאָס אַלץ שילדערט ער מיט זייער אַ צימצומדיקן מאַטעריאַל; וויפל מען זאָל נישט ווען דערציילן, בלייבט נאָך אַלץ עפּעס, וואָס איז נישט אויסדערציילט. און דאָס וואָס ווערט פון אים יאָ דערציילט, איז מיט אַזויפיל צאַרטקייט און ליבשאַפט, אַזוי צו מענטשן און אַזוי צו דער גאַנצער אַרומיקער נאַטור־סביבה. וואָרים בשעת איר לייענט, למשל, די דערציילונג "די פאַבריק", ווייסט איר נישט וועמען פריער צו שענקען אייער רחמנות — די שטעטלשע קינדער, וואָס מען האָט ביי זיי צוגערויבט זייער ביסעלע פרייד פון גיין זיך באָדן, אָדער אויף דעם פאַרשטאַרבענעם, שטילינקן, ריינינקן טייכעלע . . .

* * * * *

נישט געקוקט אָבער וואָס דער דיכטער און דער דערציילער, אַברהם רייזען, איז שוין געווען אַזוי באַרימט און פּאָפּולער אין דער יידישער וועלט, ווו נאָר עס האָט געבליט אַ יידישער ישוב, דאָך האָט די דעמאָלטדיקע אָפּי־ציעלע קריטיק אים כמעט ווי פאַרשוויגן, און אים נישט ווי געהעריק אָפּגע־שאַצט. מאַנכע פון זיי האָבן זיך געהאַט אויסגעדריקט, אַז "די אַלע צרות און ליידן פון אַברהם רייזענס העלדן, וואָלט מען געקאָנט לינדערן מיט עטלע־כע רובל". . . והא ראיה, פלעגט מען זיך פאַררופן אויף זיינער אַ דערציילונג, וואָס טראָגט טאַקע דעם מאָדנעם נאָמען: "אַ טראַגעדיע צוליב אַ קאַרטאָפל".

אַזאַ צוגאַנג צו ליטעראַטור בכלל און צו רייזענען בפרט, איז געווען דורכויס נישט ריכטיק. וואָרים די גאַנצע פילאָזאָפיע פונם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם איז דאָך אייגנטלעך געבויט אויף דער אייביקער טראַגעדיע, וואָס דעם אַרבעט־מענטש פעלט תמיד די נויטיקע פּאָר קאַרטאָפל . . . אַלע אונדזערע מלחמות און רעוואָלוצעס, איז דאָך די סיבה מכל הסיבות, וואָס יעדער איינער זוכט אַריינצוכאַפּן פאַר זיך אַן איבעריקע קאַרטאָפל אויפן חשבון פונם צווייטן . . .

רייזענס דערציילונגען זיינען גאָר נישט אַזוי פּשוט ווי אונדז דוכט זיך אויס. ווי רעאַליסטיש און טראַגיש זיי זאָלן נישט זיין, פאַרמאָגן זיי אין זיך אַ שטיק מוסר־השכל. מיר וואָלטן אויף דעם געקאָנט ברענגען אַ סך ראיות פון פיל אַנדערע פון זיינע דערציילונגען, ווען אָרט און צייט

וואָלטן אונדז דערלויבט. אַט לאָמיר בעסער ציטירן אַ פּאָר אויסצוגן וואָס רייזען זאָגט וועגן זיך אַליין:

"כאָטש איך שרייב און זינג קלאָר, בין איך אָבער נישט אַזוי פּשוט ווי די קריטיק וויל מיך פאָרשטעלן. דווקא דאָס קלאָרע איז טיף און דאָס פאַרפּלאָנטערטע איז אַמאָל פלאַך . . .

"פאַרמענטשלעכן דאָס לעבן, דאָס איז די העכסטע מדרגה. אָבער ס'הייסט נישט, אַז איך בין אויסן בלויז די פינף קאַרטאָפל, צי די קאַפּאָטע און די שטיוול אין "מאַ קאָ משמע לן". . . (זע ז. רייזענס "לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור").

דאַקעגן, האָט די דעמאָלטדיקע קריטיק, וואָס האָט פאַרשוויגן רייזענען, געשאָנקען די גאַנצע לויב־געזאַנג די קלאַסיקער, זיינע מיט־חברים, וואָס האָבן אויך, ווי ער, אין זיין צייט באַשריבן דאָס שטעטל.

אפשר לאָזט זיך דאָס דערקלערן מיט דעם:

מענדעלע, דער זיידע פון אונדזער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, האָט מיט זיין ביטערן סאַרקאַזם, אָפּגעלאַכט און אָפּגעחוזקט פונם שטעטל קאַבצאַנסק מיט אַלע זיינע טיפן און פאַרשוינען. ער, דער משכיל, האָט רק געזען די יידישע טאָרבע מיטן בערגל מיסט, וואָס איז געלעגן ביי יעדער יידישער טיר. ער האָט פון אונדזער קליינשטעטלדיקן לעבנס־שטייגער פאַסן געריסן. זיין גאַלגאַן־געלעכטער האָט דעם קליינשטעטלדיקן האַלבן און גאַנצן אינטעליגענט שטאַרק אימפּאָנירט. מיר האָבן אים אַלע געלייענט מיט גרויס הנאה. אויפן לשון פון דער היינטיקער, מאָדערנער פּסיכאָלאָגישער וויסנשאַפט וואָלט מען אַט די דאָזיקע הנאה געקענט אָנרופן מיטן נאָמען: זעלבסט־האַסעריי, וואָס דאָס ליגט על פּי רוב ביי אַ סך פון אונדז טיף־באַהאַלטן אין אונדזער נשמה, אין אונדזער הינטער־באַוווסטזיין . . . דאָס איז שוין אַזאַ מין חולשה ביי יידן צו וועלן אַנטלויפן פון זיך, פון דער אייגענער סביבה . . . דערפאַר איז נישט קיין חידוש, וואָס דער זיידע מענדעלע איז געוואָרן אונדזער שליח־ציבור פאַר וועלכן די יידישע אינטעליגענץ איז געפאַלן כורעים.

שלום־עליכם, דער הומאָריסט, האָט איבערגעשריבן מענדעלעס בייזקייט אויף גוטסקייט. דאָס איז שוין געווען אַ געלעכטער, וואָס איז געקומען פון אַן אייגענעם מענטשן, פון אַ "נאַש־בראַט". זיין אויסלאַכן קאַפּרילעווקע, איז געווען פאַר אונדז אַ געשמאַקער, פריילעכער לייען־מאַטעריאַל, וואָס האָט אונדז פאַרשאַפט אַ סך פאַרגעניגן, ווי אַ קאַלטער, זיס־זויערלעכער געטראַנק אין אַ הייסן זומערדיקן טאָג.

פרץ מיט זיינע "פאָלקסטימלעכע געשיכטן", "חסידיש" און זיינע אַנדערע ווערק, האָט מערסטנטייל געמאָלן פאַר אונדז אַ וועלט פון עקזאָטיק, פון דעקאָראַטיווע געשטאַלטן, וואָס געהערן גיכער צו אַ וועלט פון "יום

שכולו שבת", וואָס קוקן מיט אויגן אויף דער ערד דורך עפּעס אַ מיסטישן שלייער. די באַציונג פון דער דעמאָלטדיקער יידישער אינטעליגענץ און פון דער יידישער קריטיק צו אים, איז געווען ווי די באַציונג פון אַן עדה חסידים צו זייער רבין, וואָס שפּאַצירט מיט זיי צווישן הויכע בערג מיט התלהבותדיקן געזאַנג.

שלום אש, דער אַזוי גערופענער פּרינץ פון דער יידישער ליטעראַטור, האָט אונדזער שטעטל אָנגעטאָן אַ טלית שכולה תכלת. ער האָט געמאָלן פאַר אונדז בלויז די ראָמאַנטישע זייט פון שטעטל און האָט עס שוין צופיל אידעאַליזירט. די ר' שמואל נגידים זיינען עפּעס אַזוי שיין, אַזוי מלכותדיק, אַז עס פאַרכאַפּט אַזש דאָס אויג. היינט דער שבת אין שטעטל איז דאָך שיר נישט דער אמתער גן־עדן התחתון; אַלץ איז דאָרט אַזוי אויסגעצירט און אַזוי אויסגעפּוצט, ווי אַ כלה פאַר דער חופּה; אַלץ זינגט דאָרט אין איין גרויסן "לכו נרננה"; איבער דעם בלויען, שטעטלשן הימל פליען אַרום ווייס־ליכטיקע טויבן, וואָס וואָרקען אַזוי אידיליש, ווי עס פּאַסט פאַר דער כנסת ישראל שנמשלה ליונה . . .

מיר האָבן געלייענט שלום אשעס "שטעטל" מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. מיר האָבן זיך אַזש פאַרבליניעט מיט זיין מאַיעסטעטישער שיינקייט. זיינע יוסטע, רייכע בכבודיקע באַלעבאַטים זיינען פאַר אונדז, קבצנים, געוואָרן אונדזערע יחוסדיקע, רייכע פעטערס מיט וועלכע מיר האָבן זיך גאָר שטאַרק איבערגענומען. דערפאַר איז קיין חידוש נישט וואָס די דעמאָלטדיקע אָפיציעלע קריטיק האָט זיי אָפּגעגעבן דעם גאַנצן אויבנאָן.

אָבער גאַנץ אַנדערש איז געווען דער גורל פונם פערטן אין דער רייע פון אונדזערע קלאַסיקער — אברהם רייזען. ער האָט געמאָלן דאָס שטעטל ווי עס שטייט און גייט, אָן קיין שום ראָמאַנטישע פליטערלעך, אָן איבער־געטריבענער נשמה־יתירהדיקייט. ער האָט געזען דאָס שטעטל דורך וואָכע־דיקע ברילן. ער, "דער דיכטער פון נויט און אָרעמקייט", האָט געשילדערט פאַר אונדז מער דעם ערב־שבת ווי דעם שבת. דער שבת איז טאַקע אַן און פאַר זיך זייער שיין, הערלעך און גרויס, אָבער ער קומט דאָך פאָרט נישט מער ווי איינמאָל אין דער וואָך. און איידער מען קוקט זיך אַרום, שטייט שוין ווידער די אָרעמע, בייזע, נויט ביי דער טיר, וואָס יאָגט אָן אַן אומעט אויף דער נשמה, ווייל אָט־אָט באַלד וועט מען שוין דאַרפן אויסטאָן די בגדי־כבוד און צוריק פאַרוואַנדלט ווערן אין דעם לעגענדאַרן, פאַרשאָלטענעם פּרינץ־הונט, וואָס יאָגט זיך איבער פרעמדע מיסט־קאַסטנס זוכן אַן אָפּגעגריזשעטן ביין צו שטילן דעם הונגער . . .

די דאָזיקע גרויע, אומעטיקע, "שבת־בין־השמשותדיקע שטימונגען" פון דעם אָרעמען האָרעפּאַשניק, האָט אברהם רייזען באַשריבן מיט אַזויפיל צער און רחמנות. ער האָט געמאָלן דעם הוילן, נאַקעטן, מיאוסן דלות, ווי ער זעט אויס אין דער ווירקלעכקייט, אָן קיין שום באַפּוצונגען. כאָטש ער

האָט אויך ניט פאַרזען דעם גייסטיקן הונגער נאָך שבת און יום־טוב ביי דעם אָרעמען, דערשלאָגענעם ארבעט־מענטש, ווי אין זיין געראַנגל קעגן דעם ברויט־הונגער. צו אזא מין סאָרט שרייבן, אין דער אזוי־גערופענער ראָמאַנטישער עפּאָכע, איז מען נאָך דעמאָלט נישט געווען געוווינט. ס'איז עפּעס נישט אנגענעם צו הערן תמיד דאָס זיפצן און אָכצן פונם קבצן. דערפאַר האָט מען אויך דעם דיכטער פון דער יידישער קבצנישקייט נישט דערהערט . . .

ערשט מיטן אַנקומען פון אונדזערע "יונגע" שרייבער און דיכטער, וואָס האָבן געמאכט א גאנצע רעוואָלוציע אין אונדזער ליטעראַטור, האָט מען גענומען ווי געהעריק אָפּשאַצן דעם "דיכטער פון נויט און אָרעמקייט". זיי, "די יונגע", זיינען געווען די ערשטע וואָס זיינען ארויסגעקומען מיטן לאָזונג: צוריק צו רייזענען!

מיטאמאָל האָט מען אָנגעהויבן זינגען הלל צום דיכטער אברהם רייזען. די פריערדיגע חסרונות זיינע, ווי צופיל רעאַליזם, צו פּשוטקייט, זיינען פאַררעכנט געוואָרן פאַר גאָר גרויסע מעלות. מען האָט אין אים דערזען דעם שיינעם, פּראַכטפולן דערציילער; דעם שיינעם, צאַרטן ליריקער. מען האָט דערזען, אז נאָך שלום־עליכמען איז רייזען דער צווייטער וואָס ווערט אומעטום געלייענט און געזונגען.

* * * * *

אין אַלע יידיש־וועלטלעכע שולן איבער גאָר דער וועלט איז אברהם רייזען א בן־בית. מען לערנט זיינע דערציילונגען און מען זינגט זיינע לידער. דורך זיינע ווערק לערנען די קינדער גאנצע קאַפּיטלעך פון אונדזער געשיכטע. די קינדער פאַרשטייען אים און האָבן אים ליב. ער רעדט צו זייער נשמה. אפילו אונדזערע רייכע, זאַטע אַמעריקאַנער קינדער, ווערן מיטגעריסן פון דער גרויסער בענקשאַפט פון "די צוויי ברידערלעך", די ישיבה־ייִנגלעך צו זייער ליבן, היימישן שטעטעלע. זיי פילן א גרויס רחמנות אויף דעם אָרעמען יתומהלע, "רייזעלע", וואָס איז געצוווּנגען געווען צו ווערן א דינסט־מיידל ביי א רייכער מאַדאַם, און דאָרטן, אין דעם אָרעמען, קליינינקן שטיבעלע, ליגט איר קראַנקע מאַמע און זי, דאָס טעכטערל, קאָן נישט צוקומען צו איר און איר דערלאַנגען כאָטש א גלאָז וואַסער.

זייער האַרץ ווערט צעריסן אויפן אָרעמען, קליינינקן יאַנקעלע, וואָס האָט חדשים־לאַנג געחלומט פון א פּאָר נייע הייזעלער אויף פּסח. די אָרעמע מאַמע רעדט אים איין, אז פון א שטיק געקעסטלטער סחורה, וואָס זי וועט ליינגן א לאַטע אויף די אַלטע הויזן, וועלן זיי נאָך ווערן שענער ווי נייע. דער טאַטע און די מאַמע ווייסן דעם אומגליקלעכן אמת. דער קליינינקער יאַנקעלע גלויבט אין דעם אמת. אין זיין קינדערשער פאַנטאַזיע ווערט "די נייע לאַטע" פאַרוואַנדלט אין די שענסטע קליידער, ביז ער קומט מיט זיי

ארוים אין דרויסן. די גאָסן־קינדער פאַנגען אָן לאַכן פון זיין געקעסטלטער נייער לאַטע. זיין שיינער חלום ווערט צעריסן. זיין קינדעריש הערצל ווערט צעבראָכן.

דאָס איז אַן אָטעם־פאַרכאַפּנדיקע דערציילונג, איינע פון די טרויעריקסטע קינדער־מעשׂות אין דער יידישער ליטעראַטור, און אפשר אויך אין דער וועלט־ליטעראַטור, וואָס אברהם רייזען האָט נאָך אין 1914 אָנגעשריבן.

און אָט איז נאָך אַ דערציילונג, מיט אַ שטאַרקער דראַמאַטישער האַנדלונג, וואָס ווערט געלערנט אין די יידישע שולן. דאָס איז "דער בוים".

די יידישע גאַס, וואָס ליגט אַ הוילע, אַ פאַרשטויבטע, אָן אַ גרעזל, אָן אַ בלימל, ווערט אויפגעלעבט דורך אַן איין־און־איינציקן בוים און דורך אַן איינציקן מענטשן, וואָס האָט ליב דעם בוים, לעבט מיט אים און שטאַרבט מיט אים. קיינער אין שטעטל האָט נישט געדענקט ווער עס האָט דאָ פאַרפלאַנצט אָט־דעם "בן־יחיד"־בוים אין דער יידישער גאַס. חיים־יאַנקל, דער שניידער, האָט אים אוואדע איבערגענומען בירושה איניינעם מיט זיין שטיבל. קומט דער זומער איז פול די גאַס מיט דעם בוים. די קונדסים מזיקן דעם בוים, וואַרפן אויף אים שטיינער און שטעקנס. דער שניידער שלאָגט זיך אַרום מיט זיי. די גאַס זידלט אים. מאַמעס שילטן אים. פאַר אים איז אַ צווייג, וואָס די שטיפער ברעכן אָפּ, אַן אָפּגעבראָכענע האַנט, אַ פוס; פאַר זיי — צווייג־שמייג.

אָט דאָס איז איינע פון זיינע שענסטע דערציילונגען, וואָס סיי אַלט און סיי יונג האָבן פון איר גרויס הנאה. דאָס איז אַ דערציילונג מיט אַ טיפן מוסר־השׂכּל, כּי האדם עץ השׂדה, — דער מענטש — דער בוים . . . דער שניידער, אפילו אין זיין סאַמע אָרעמקייט און נויט, האָט זיך געצויגן צו דעם זומערדיקן שאָטן פון זיין בוים און צו דער חשבון־הנפשדיקער האַרבסטיקייט פון אַ בוים, ביז ער האָט דעם חלום פון זיין בוים מיטגענומען מיט זיך אויף יענער וועלט . . .

אברהם רייזען, וואָס איז אין זיין יוגנט אַליין געווען אַ געוויסע צייט אַ לערער, ווייס די קונסט פון דערציילן אַ מעשׂה, וואָס עס זאָל פאַרכאַפּן סיי דעם דערוואַקסענעם און סיי דעם יוגנטלעכן.

* * * * *

דאָס פּשוטע פאָלק האָט דערשפּירט אין רייזענען אַ פריינד, אַ געטרייען, ליבן ברודער. ער, דער דיכטער, שפּריט מיט פולע הענט זיין ליבע צו די מענטשן וואָס ער שילדערט. איז אַלע זיינע הונדערטער טיפּן און געשטאַלטן, האָט ער רק געזוכט דאָס שיינע, דאָס הערלעכע, דאָס אייביק־מענטשלעכע. גאָר שלעכטע, מיאוסע מענטשן וועט מען צווישן אברהם רייזענס העלדן נישט געפינען. הגם ער צייכנט כּסדר די מענטשלעכע שוואַכ־

קייט, קליינלעכקייטן, אָבער זיין האַנט איז לייכט, וואָרים די זינד פון זיינע פאַרשווינען איז נישט גרויס, און הינטער דער זינד, הינטער דער קליינלעכ־קייט, גראָבט טיף דאָס **מענטשלעכע**.

צווישן זיינע הונדערטער אַרבעטער־טיפּן און פּשוטע פאָלקס־מענטשן האָט ער דערזען בילדער פון קאָנגזייטיקער סאָלידאַרישקייט, ליבשאַפט צום צווייטן, אָפטמאָל ביז מסירת־נפש. ווי מיר זעען דאָס איז איינער פון זיינע דערציילונגען, מיטן נאָמען "אָרעמע מצה":

"עס איז שוין געווען שפּעט ביינאַכט. די אָרעמע קנעטערין און די וועלגערינס זיינען שוין געווען טויט־מיד פון שטיין אַ גאַנצן טאָג אויף די פיס אין דעם ענגען, פאַרשטיקטן מצה־פּאַדראַד. אַלע האָבן שוין אויסגעקוקט, אַז מען זאָל שוין וואָס גיכער פאַרענדיקן דאָס באַקן און מען זאָל שוין קאָנען גיין אַהיים אויסצורוען די מידע ביינער.

"אָבער פּלוצלונג איז אַריינגעקומען די באַלעבאָסטע פונם מצה־פּאַדראַד און געבעטן צו בלייבן אויף נאָך אַ פּאָר שעה, כדי אָפּצובאַקן כיענע דער אַלמנהס מצה.

"עס איז געוואָרן אַ טומל, אַ געשריי, אַ שווערע מלחמה איז ביי זיי אינעווייניק פאָרגעקומען. ס'האָט מלחמה געהאַלטן אַ רויק בעטל, אַ זיסער שלאָף מיט אַ שווערער קאַטשעלקע, מיט ברענענדיקע מאַזאָליעס אויף די הענט. נאָר איין אָרעמע אַלמנה, מיט פאַרוויינטע אויגן, האָט ביי זיי גיך שלום געמאַכט. אַלע וועלגערינס זיינען געבליבן. די מידקייט זייערע איז באַלד פאַרשוואונדן. לעבעדיק און לוסטיק האָבן זיך אַלע גענומען צו דער אַלמנהס מצה".

אָט אַזוי גייט די ברידערלעכע סאָלידאַריטעט ביי אברהם רייזענס פאָלקס־מענטשן. אָרעמקייט טוליעט זיך צו אָרעמקייט, איין גורל פאַר־בינדט זיי.

און אָט איז נאָך אַ דערציילונג זיינע מיטן נאָמען "פאַרשפּעטיקט", וואָס שפּיגלט אָפּ קעגנזייטיקע הילף פון ייד צום אָרעמען ניט־ייד:

"דאָס אָרעמע פויערל, אַנטאָן, איז געקומען אין שטעטל מיט אַ פולן וואָגן סכך צו פאַרקויפן. ער האָט אָבער געמאַכט אַ טעות אינם יידישן לוח און געבראַכט דעם סכך ווען אַלע יידישע סוכות זיינען שוין געווען באַדעקט.

"דאָס אָרעמע פויערל איז געבעך געשטאַנען אַ פאַרצווייפלטער. וואָס וועט ער איצט טאָן? ווי אַזוי וועט ער דאָס קאָנען צוריקקומען צו זיך אין דאָרף אָן זאַלץ, אָן זייף, אָן טאַבאַק און אָן שוועבעלעך?

"ווען די יום־טובדיקע יידן זיינען אַרויס פון שול און דערזען ווי דאָס פויערל שטייט אין מיטן לעדיקן מאַרק מיט זיין וואָגן סכך, האָבן זיי אָנגעהויבן לאַכן פון אים, וואָס ער האָט פאַרשפּעטיקט. מיטאַמאָל האָט איין ייד זיך אָפּגערופן צום עולם:

— ייִדן ס'איז א רחמנות אויפן ערל, א צער בעלי חיים. מען דאַרף אים מיט עפּעס באַהילפיק זײַן.

"ייִדן האָבן באַלד גענומען אַרויסטראָגן פון די הײַזער װער א שטיק קוילעטש, װער א שטיק פיש און װער א שטיק פלאָדן. אײנער האָט געבראַכט א טאָפּ זאַלץ, א צװײטער א פּעקל מאַכאָרקע, א פּעקל שװעבעלעך, א דריטער א הערינג — יעדער אײנער האָט מיט װאָס עס איז געװאָלט מהנה זײַן דעם אָרעמען פּױער".

דאָס איז אַן עכט־קינסטלערישע דערצײלונג. געשילדערט אַזױ לעבעדיק, אַזױ רעאַליסטיש, װי איר װאָלט דאָס אַלײן געזען מיט אײַערע אײגענע אױגן. די גאַנצע מעשה איז דאָך געבױט אױף אונדזערן אַן אַלטן פּסוק: "ואהבת לרעך כמוך" — האָב ליב דעם צװײטן װי זיך אַלײן, אָן אונטערשייד פון ייִד און גוי. און צוליב פּיקוח נפש, אַפילו פאַר א "בן־נח", האָבן ייִדן אױפגעמאַכט זײערע קרעמלעך. אָט דאָס הײסט אמתע, מענטשלעכע, קעגנזײַטיקע הילף.

* * * * *

פונקט װי אַבֿרהם רײזען האָט מיט זײַנע הונדערטער דערצײלונגען אַרומגענומען אַלע זײַטן פונעם ייִדישן לעבן, אַזױ אױך האָט ער דאָס געטאָן מיט זײַנע הונדערטער לידער. יעדער ליד זײַנס איז אַן אױסגעזונגענע דערצײלונג, װי יעדער דערצײלונג זײַנע איז א שײן געזאַנג.

מיט זײַן קורצער, אױסגעטאָקטער און אױסגעפורעמטער פּאָעמע, האָט ער אָפּגעשפּיגלט נישט נאָר די גאַנצע ייִדישע סביבה, נאָר אױך דעם גאַנצן אַרום, דעם גאַנצן שטורעם און דראַנג, װאָס איז פאָרגעקומען אין דער אַרומיקער װעלט. ער איז דער עכאָ פון זײַן צײַט. ער זינגט לידער װעגן אַלץ, װעגן דעם ישיבה־לעבן, אַרבעטער־לעבן, עמיגראַנטן־לעבן, נאַציאָנאַלע און רעװאָלוציאָנערע מאָטיװן.

צו א סך פון זײַנע לידער, װי "הוליעט, הוליעט בײזע װינטן", "קירכן־גלאָקן", "צום העמערל", "גמרא־ניגון", "מאי קאַ משמע לן" און נאָך אַנדערע, האָט מען צוגעפּאַסט מוזיק און זײ װערן נאָך עד היום געזונגען בכל תפוצות ישראל. א סך פון זײַנע לידער װערן שױן לאַנג באַטראַכט פאַר פאָלקס־לידער, װאָס מען האָט שױן באַלד פאַרגעסן װער דער פאַרפאַסער זײערער איז.

אַבֿרהם רײזען באַזינגט נישט נאָר דעם כלל, נאָר אױך דעם יחיד. אַפילו דעם אָרעמען, קלײנינקן נעגערל פון האַרלעם. זײַן אױג זעט אַלץ און אַלעמען. ער איז נישט נאָר א ייִדישער דיכטער, נאָר אַן אינטערנאַציאָנאַלער דיכטער, װאָס שרײַבט אין ייִדיש װעגן אַלע לײַדנדיקע מענטשן, אָן אונטערשייד פון ייִד און גוי.

ער טראָגט אפילו נישט קיין גרויסע שנאה צו די גויים, וואָס ברעכן שויבן אין יידישע פענצטער און האַקן טשוועקעס אין יידישע קעפּ, ווייל זיי זיינען דאָך ניט מער ווי בלינדע כוחות, א וועדקצייג אין די הענט פון די בלוטיקע הערשער. ווי ער זאָגט אין זיין ליד, "דער ווינט":

"א קלאַפּ האָט געגעבן דער ווינט אין מיין שטיבל
"און האָט עס אינגאַנצן צעטראָגן;
"און באלד האָט זיך דערהערט א קנאַל פון א דונער
"און האָט פיל נפשות דערשלאָגן.

"צי קען איך דען צאַרענען אויף ווינטן און דונערן
"צי ווייסן זיי דען, וואָס זיי טוען ?
"עס ברענט נאָר מיין צאָרן : ווי האָט עס געטראָפן,
"וועמ ליכטיק געשיינט האָט די זון ?

"דער ווינט און דער דונער — אָ, זיי בין איך מוחל —
"זיי זיינען, ווי קרעפטן, דאָך בלינד;
"ווי האָט דאן געלויכטן די זון אבער, פרעג איך
"און רויק געזען אזא זינד ? . .

זיין האס איז נאָר צו די בלוטיקע הערשער, וואָס אינסצענירן שטענדיק אָט די בלוטיקע פּאָגראָמען. דעריבער האָט ער גערופן די יידישע ארבעטער־מאסן צום קאַמף, אינאיינעם מיט אלע אונטערדריקטע פעלקער־שאפטן, ווייל אונדזער גורל איז ענג פארבונדן מיטן גורל פון אלע אונטער־דריקטע. נאָר אינאיינעם, מיט געמיינזאמע כוחות וועלן מיר צעברעכן "די אייזערנע וואַנט".

ער איז אָבער אויך נישט געוואָרן פארצווייפלט און אנטוישט ווען ער האָט געזען ווי די גרויסע "סוואָבאָדע", די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע אינם יאָר 1904־5, איז פארטרונקען געוואָרן אין טייכן יידיש בלוט. אויך דעמאָלט האָט ער מיט זיין ליד גערופן די רעוואָלוציאָנערע ארבעטערשאפט נישט אריינצופאלן אין קיין יאוש, כאָטש עס הוליען איצט בייזע ווינטן, ברעכן צווייגן, רייסן לאָדן, ווייל נישט לאנג וועט דויערן דער ווינטער, זומער איז נישט ווייט . . .

אָט אזא טיפער גלויביקער איז ער. ער גלויבט אין דעם כוח פונם יחיד און אין דעם כלל, אז סוף־כל־סוף וועט קומען די גאולה, די אויסלייזונג פאר דער גאנצער מענטשהייט און אויך פאר אונדז יידן בתוכם.

אָט דעם שטארקן גלויבן ציט דער דיכטער פונם אלטן, אייביקן יידישן בטחון. דאָס איז די אייביקע יידישע אמונה אין דעם ביאת־המשיח . . .

* * * * *

אברהם רייזען האָט געזען ווי דאָס יידישע שטעטל שטעלט זיך אויס. איינגעפונדעוועטע יידישע קהילות ווערן ווי דורך א שטורעם־ווינט צעשטערט און די צום טויט דערשראָקענע פייגל צעפליען זיך איבער שבעה ימים — ס'האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע יידישע מאסן־עמיגראציע. איז ער מיטגעגאנגען מיט די עלנטע, יידישע וואָגלער אין זייער נייעם גלות־מארש און געזונגען פאר זיי א נייעם "על נהרות בבל". און ווער האָט נאָך אזוי הארציק באזונגען דעם צער און פיין פון די יידישע עמיגראנטן ווי ער אין ליד ?

"די שיף האָט זיך געוויגט אהין און זיך געוויגט אהער.
"און האָט זי וועמען איינגעוויגט, האָט ער געחלומט שווער.
"א ניי לאנד, א פריי לאנד — ווער זיינען דאָרטן זיי ?
"ווער ס'האָט א ווייב געלאָזן אליין, מיט קליינע קינדער צוויי.
"און ס'האָט דאָס הארץ ביי איטלעכן געדריקט אָן אנדער ווי . . .
"א גערטל, א שטיבעלע, א טאטן וויים ווי שניי . . .

ער האָט אויך געזען דאָס גרויסע וואונדערלעכע בילד ווי די מחנות עלנטע, דערשלאָגענע אימיגראנטן, די "עצמות היבשות", זיינען פלוצלונג ווידער אויפגעשטאנען צום לעבן. אויף דער נייער, פרעמדער ערד האָבן זיי אויפגעבויט נייע היימען, נייע ישובים. איז ער מיטגעריסן געוואָרן פון די נייע, שאפנדיקע כוחות, וואָס שפארן ארויס פון דער יידישער מאסע מיט אזא אימפעט און מיט אזא דראנג צום לעבן. האָט ער באלד א פריידיק ליד געזונגען :

"אין די ווייטסטע לענדער, זיינען מיר צעשפרייט —
"יעדער טייל א רינגל אין דער לאנגער קייט.
"ביי אלע טייכן, נישט פון בבל בלויז
"זיינען מיר געזעסן זוכנדיק א הויז.
"איצטער איז אונדז טייער גאָר די גאנצע וועלט
"ס'שטייט ביי די ווייטסטע ברעגן, אונדזערס א געצעלט . . .

עס איז נישט קיין חידוש, וואָס ביז היינט צו טאָג איז אברהם רייזען נאָך אלץ באליבט ביים פאָלק. דאָס פאָלק האָט אין אים דערשפירט זיין פריינד, זיין אָח לצרה, סיי אין זיין פרייד און סיי אין זיין לייד. וואָרים ער איז דער שרייבער, דער דיכטער מיט א גרוים מענטשלעך הארץ.

* * * * *

אָבער אין דעם איצטיקן פייערלעכן מאָמענט, ווען אין אלע אונדזערע צעוואָרפענע קולטור־קרעטשמעס איבער דער וועלט, ווערט געפייערט דעם

דיכטערס זיבעציק יאָריקער יובילייִ, שטעלט זיך די פראַגע: וואָס קומט איצט פאַר אין דעם דיכטערס נשמה? וואָס פילט און טראַכט איצט דער אַלטער דיכטער, וועמען א דריטל פון זיין פאָלק, וואָס האָט געערדט זיין לשון און געזונגען זיינע לידער, איז אויף אזא אכזריותדיקן אופן פארשניטן געוואָרן פונם פנים פון דער ערד?

ער האָט דאָך שטענדיק אַזוי שטאַרק געגלויבט אין דעם מענטש, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן בצלם אלוקים? ער, דער דיכטער, האָט דאָך שטענדיק געזוכט אין אים דאָס שענערע און דאָס בעסערע, און דערפאַר זיין שטענדיקער מליץ־יושר געווען?

ווילט זיך אויסשרייען: צר לי עליך משורר ישראל! איך האָב רחמנות אויף דיר, אַלטער יידישער דיכטער, וואָס אַלע דיינע שיינע, זיסע, הערלעכע חלומות וועגן צדק און יושר אויף דער וועלט, זיינען צעבראָכן אויף שטיקער!

די הונדערטער און טויזנטער צאַרטע משהלעך און שלמהלעך, שרהלעך און רחלעך פון דיין פאָלק, וואָס האָבן מיט אַזויפיל פרייד געזונגען דיינע זיסע, בענקענדיקע לידער, האָט דער רשע שברשעים צעשפּאָלטן זייערע קעפּלעך אָן די שטיינערנע ווענט, און די זון האָט אַזוי שיין געלויכטן און רויִק צוגעזען אַזאַ זינד!..

אָט דאָס איז די גרעסטע שוידערלעכע טראַגעדיע פונם זקן־דיכטער, וואָס איז צו דער עלטער פאַריתומט געוואָרן פון זיין פאָלק, וואָס האָט אים גרויס געמאַכט. און איצט, לעת זקנתו, ווי ער זאָגט אויף זיך אַליין, ערגעץ אין זיינער א ליד, וואָס ער האָט געשריבן באַלד נאָכן ערשטן וועלט־חורבן:

„אַלעס וועט ווערן פאַרריכט, גלייך וועלן ווערן די טאָלן,
„זיין וועט דער שאָדן באַצאָלט — מיר אָבער, ווער וועט באַצאָלן?
„כ'האָב אינעם מענטשן געגלויבט, כ'פלעג אים אַלס ברודער זיך מאָלן,—
„האָט ער מיין גלויבן באַרויבט — ווער וועט מיין שאָדן באַצאָלן?

„שלעסער פאַר מענטשלעכן גליק האָב איך געבויט און באַזעסן;
„האָט מען זיי חרוב געמאַכט — מיך אָבער האָט מען פאַרגעסן.
„קוואַלן וואָס האָבן געטריפט אַלערליי ליבעס־גנאָדן
„האָט איר פאַרשאָטן מיט גיפט — ווער וועט באַצאָלן מיין שאָדן?..

דער פאָלקס־דיכטער מאָנט. ער האָט אָבער נישט ביי וועמען צו מאָנען דעם שאָדן. קיינער איז דאָך אונדז גאָרנישט שולדיק. קיינער, נישט דער ליבעראַל, נישט דער „לייבאָריט", נישט דער ברודער־סאָציאַליסט און נישט דער „טאָוואַרישטש" קאָמוניסט. קיינער... קיינער...

צעבראָכן זיינען דעם דיקטערס שלעסער, פארשאָטן זיינען מיט גיפט דעם דיקטערס ליבע־קוואלן . . .

טאָ לאָמיר אַלע, אויף צעפּוקעניש די שונאים, ווייטער זינגען זיין ליד פונם "באחרית הימים", דאָס ליד פונם אייביקן יידישן בטחון, וואס ער האָט פון די טיפעניש פון זיין נשמה געצויגן :

"און זאָל ווי ווייט
"נאָך זיין די צייט
"פון ליבע און פון שלום;
"דאָך קומען וועט
"פרי צי שפּעט
"די צייט — עס איז קיין חלום ! . .

אָקטאָבער, 1947.

חיים נחמן ביאליק

די התגלות, די אנטפלעקונג פון אונדזער נאציאָנאַלן דיכטער, חיים־נחמן ביאליק, איז בלתי־ספק א גרויסער נס אינם יידישן לעבן. מיר האָבן געהאט א סך יידישע און העברעישע דיכטער, אָבער ביאליק פאַרנעמט א גאָר באַזונדערן אָרט. ער איז אן אוניקום, א חד בדורא. נישט נאָר בדורנו, אין אונדזער צייט, נאָר נאָך רבי יהודה הלוין און שלמה איבן גבירולן, איז ער דער איינציקער, איינגאַרטיקער משורר בישראל, וואָס מיר האָבן ווען עס איז געהאט. ער איז איינגאַרטיק מיט זיין נביאישן טאָן, מיט זיין ריטם, מיט זיין שפראַך, מיט זיין געפיל און מיט זיין נאציאָנאַלן פאַטאָס, וואָס דערגייט נישט איינמאָל אפילו ביז צו א רעליגיעזן עקסטאַז.

מיר האָבן שוין א גאַנצע ביאליק־ליטעראַטור. און מען האלט נאָך אַלץ אין איין שרייבן וועגן אים: ביאליק דער מאָדערנער נביא־דיכטער; ביאליק דער פּראַזאיקער, דער דערציילער; ביאליק דער זאַמלער און דער איבערזעצער פון אונדזערע אַלטע קולטור־אוצרות; ביאליק דער אויסטייטשער פון דער "הלכה און אגדה"; "ביאליק שבכתב און ביאליק שבעל פה"; זיין ווירקונג אויפן יידיש־נאציאָנאַלן רענעסאַנס; זיין גרויסע השפעה אויף דער יוגנט, אויפן ציוניזם, אויפן חלוציזם; זיינע גוואַלדיקע פאַרדינסטן פאַר דער אויפלעבונג פון דער העברעישער שפּראַך און אויף אונדזער ליטעראַטור אין ביידע שפּראַכן.

קיין שום אנדער עפּאָכע אין אונדזער לאַנגער געשיכטע איז נישט געווען אזוי רייך מיט אזויפיל דראַמאַטישע אויפטרייסלונגען, ווי די לעצטע 50־60 יאָר, וואָס האָט ממש רעוואָלוציאָניזירט דאָס גאַנצע יידישע לעבן אומעטום. אָט די אַלע דראַמאַטישע געשעענישן האָט ביאליק געגעבן קינסטלערישן אויסדרוק.

קיין איין יידישער דיכטער, נאָכן אָפּשלום פון דער גאָלדענער עפּאָכע אין שפּאַניע, האָט נישט אזוי אויסגעוויייטיקט, אזוי אויסגעשריען און אזוי אויפגעשטורעמט זיך און דאָס פאָלק, ווי ער. ער האָט דעם יידישן צער און פּיין אויפגעריסן פאַר דער וועלט; ער איז געוואָרן דעם פאָלקס קטיגור און זיין סניגור. מיט איין האַנט האָט ער אים געבייטשט, און מיט דער צווייטער אים געגלעט, ווי א פאָטער זיין צעלאָזן קינד. דערפאַר איז גאָר קיין חידוש נישט וואָס דער נאָמען פונם גרויסן וואָרט־קינסטלער, פונם

גרויסן געפילפולן דיכטער, ביאַליק, האָט זיך אַזוי טיף אַריינגעשניטן אין האַרץ און אין דער נשמה פונם פאָלק.

* * * * *

ביאַליקס לידער און פּאָעמעס, דאָס זיינען די "מגילות האש" — פייערדיקע מגילות, געשיכטעס פונם יידישן פאָלק, מיט אַלע זיינע געראַנגלענישן. דורות יידישקייט גייען דורך דורך זיי. אָט אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז די ("מתי מדבר האחרונים") "וואַנדערער פון מדבר", וואָס ווילן זיך נישט צעשיידן מיט זייערע אַנגעזאַמלטע פּעק פון מצרים, וואָס זיינען פאַרן דיכטער אַן אָפּשפּיגלונג פון אונדזער היינטיקן לעבן... אָט לעבט אויף פאַר אונדז דער חורבן ירושלים, דער קאַמף פון די חשמונאים, ווו "אין פינצטערע הייל פאַרלאָרן — איז צייטיק די גרויסע ישועה געוואָרן" ("נעמט זיך אָן מיט מוט"). און אָט דערזען מיר דעם "מתמיד". עס פּלעמלען אויף פאַר אונדז די "פאַרוואָרפענע יידישע שטעטלעך, אין וועלכע עס רויכערט נאָך און צאַנקט נאָך אונדזער ליכט". דאָרט, אין אַ האַלב־טונקעלן בית־מדרשל, זיצט ער, איינינקער אַליין, דער פּרוש פון דער וועלט, און זינגט פאַר זיך דעם שטילן, אומעטיקן גמרא־ניגון; און אָט שטייט אויף אַ ייד אינמיטן דער נאַכט צו "תיקון חצות", אויסצוגיסן דעם צער אויפן גלות־האומה און גלות־השכינה; און אָט זעט איר אַ ייד, אַ יודע ספר (דעם דיכטערס פאָטער), אַ קרעטשמער, וואָס זיצט "אין אַ מסיבה פון שיכורים, אין דער טומאה פון אַ שענק־שטוב, אין דאַמף פון ביליקן בראָנפן און נעפּלען ליולקע־רויך, באַהאַלטן הינטער בראָנפן פעסלעך, איינגעבויגן אויף אַן אַלטן ספר".

און אָט פּלוצלונג רייסט ער אויף מיט אַזאַ קנאַלנדיקן געשריי אונדזערע אויגן און עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז, פאַר דער נאַקעטער וועלט, די מאַוימדיקע טראַגעדיע פון אַ גאַנץ פאָלק, וואָס זיין גאַנץ לעבן "צווילינגט שחיטה מיט פרילינג". . . ער טוט אונדז אַ כאַפּ ביי די האָר און שלעפּט אונדז מיט גוואַלד אין דרויסן אַרוים און שרייט : ". . . פון שטאָל און אייזן, קאַלט און האַרט און שטום, שמיד אויס אַ האַרץ פאַר זיך, דו מענטש און קום ! און זע ! אויף אַלע צוימען, סלופּעס, טויערן אוןווענט; אויף שטיינער פון די גאַסן, טריקנט, גליווערט, בלוט און געהירן פון דיינע קדושים!"

און זיין ווייטיק, דעם דיכטערס חרפה און שאַנד איז אַזוי גרויס, וואָס אַנשטאָט דאָס אומגליקלעכע, פאַרמשפּטע פאָלק זיינס זאָל שרייען, איינלייגן וועלטן, רייסן הימלען, אויפהויבן אַ פויסט קעגן מערדער, ליגט עס גאָר באַהאַלטן ווי מייז אין די לעכער, אין שטאַלן פון חזירים און קלאַפּן זיך נאָך אין ברוסט : אשמנו ! ווי נישט דער מערדער מיט דער האַק איז דער רשע, דער זינדער, נאָר זיין געשענדעטער קרבן בעט נאָך ביי גאָט מחילה !

דער דיכטער־נביא ווערט צעריסן פון צער און פּיין. ער קריצט מיט די ציין. ער רייסט מיט די נעגל זיין לייב. ער שרייט, ער שטורעמט:

"... איז שוין גאָר נישטאָ א מאן אין יהודה,
קיין איינער אין אייערע לאַגערן,
"א מאן פון גבורה, א גייסטיקער הערשער,
א גייסטיקער גיבור, א פירער פון פאָלק,
"א ליכטיקער גייסט, מיט אן אייזערנער רוט און פארשטענדעניש,
"וואָס זאָל אָננעמען אייך פאר די קעפּ,
מיט מעכטיקע הענט אייך צעטרייסלען,
"ווי מען צעטרייסלט א שיכורן אויף —
"כדי אייער קראַפט אויפצוּוועקן, אייך אויפלעבן,
און אויף די פיס אייך צו שטעלן.

מיט זיינע גליענדיקע, ברענענדיקע ווערטער כוואַשטשעט ער, ווי מיט בייטשן, אונדזערע לייבער, און יאָגט אונדז ארוים פון די לעכער, פון די קעלערן, כדי נישט צו זיין מער די אייביקע, הייליקע "צאן קדשים", וואָס ווערן געפירט אין דער "עיר ההרגה" צו דער שחיטה, נאָר קדושים — גיבורים צו לעבן, צו קעמפן קעגן בלוטיקן שונא, וווּ ער זאָל נישט זיין.

אזוי פירט ער אונדז פון איין עפּאָכע צו דער אנדערער, און אלץ מיט איין ציל, מיט איין ברענענדיקן פארלאַנג — צו מאכן פון אונדז א שטאָלץ, געזונט פאָלק, וואָס בעטלט נישט קיין חסד און גענאַד, און זוכט נישט קיין רחמנות ביים מערדער, נאָר א פאָלק וואָס זאָל נעמען זיין גורל אין די אייגענע הענט.

דער פארשטיקטער געשריי פון א גלות־פאָלק, וואָס האָט איז משך פון די לעצטע 50־60 יאָר אינם מאָדערנעם, ציוויליזירטן, 20־טן יאָרהונדערט, דורכגעלעבט מער און גרעסערע חורבנות, ווי אין די צייטן פון אונדזערע גרויסע נביאים, האָט דורך חיים־נחמן ביאליקס נביאישן וואָרט לשון באַקו־מען. ער האָט אויפגעריסן די יידישע אייטערדיקע ווונד, אנטפּלעקט די יידישע טראגעדיע פאר זיך, פארן פאָלק, און פאר די אויגן פון דער וועלט. ער איז געוואָרן זיין שליח, זיין וועקער, זיין מאָנער פון גערעכטיקייט ביי א וועלט, וואָס לעבט מיט אזוי ווייניק צדק און יושר.

ער ווייסט אָבער, ער האָט נישט קיין אילוזיעס, ער קען די אכזריות־דיקע, גוישע וועלט, וואָס בלייבט שטענדיק טויב און שטום צו די צרות און ליידן פון זיין פאָלק, ווי ער זאָגט אין זיין ליד "א טרער":

"... אליין ווי א שטיין, אין די נעכט אין די שווארצע,
"געוויטיקט, געליטן, אין צער און צאָרן;
"געקריצט מיט די ציין אויף די הערצער די טעמפּע
"געשעפּטשעט: דו אומגליקלעך פאָלק און פארלאָרן!

"ביים אָנזעז פון אויגן און הערצער פאַרשטאַפּטע
"איז פּלוד פון פאַרפרעמדקייט פון אַלע פיר זייטן;

און א קללה רייסט זיך ארויס פון זיין הארצן אויף דער וועלט און ער שרייט אויס:

"פאַרשאָלטן איז דער וואָס קאָן העלפן און וויל נישט,
"צו לינדערן פּיין און דאָס אומגליק פאַרמיידן!

און דאָך בלייבט ער נישט פאַרצווייפלט. ער האָט אמונה אין די איינגעדרעמלטע כוחות פון זיין פאָלק, און ער רופט אויס מיט נביאישן פּאַטאָס:

"דאָך גלויב איך, א נביא ביי אונדז וועט נאָך אויפשטיין,
"וואָס וועט פאַר דער וועלט נאָך די טרער ארויסשעפן;
"ער וועט מיט זיין קלאָג־ליד די הימלען צעטרייסלען
"פאַרציטערט וועט ווערן ביז גרונט יעדער לעבן!

יאָ, א נביא איז ביי אונדז אויפגעשטאַנען, אין אונדזערע טעג, אין אונדזערע יאָרן, מיט א שטורעמדיק־צעוויטיקטער נשמה און מיט א גרויס, צעבלוטיקט האַרץ. און דאָס איז געווען דער נביא פון אונדזער דור — חיים נחמן ביאַליק!

ביאַליקס שירה, זיין גאַנצע פּאָעזיע דריקט אויס נישט נאָר דאָס סוביעקטיווע ליידן פונם דיכטער, נאָר די ליידן פון זיין פאָלק. ער פרעגט זיך אליין: התדע מאין נחלתי את שירי? צי ווייסטו פון וואַנען איז דאָס ליד געקומען צו מיר? און ער ענטפערט: זה הצרצר משורר הדלות ("שירתי"). דאָס איז דאָס געזאַנג פונם גריל, וואָס האָט אזוי אומעטיק און טרויעריק געגרילצט אונטערן קאַלטן אויוון, ביי זיין טאַטן אין שטיבל. דער גריל, דער זינגער פונם יידישן דלות, איז געווען זיין געזאַנג־מייסטער.

פון דעמאָלט אָן האָט דער גריל זיך שוין געהאַט באַזעצט אין זיין הארצן און אים כסדר פאַרפאָלגט. אין זיין טאַטנס דלות האָט ער דערזען דעם גאַנצן נאַקעטן יידישן דלות, די יידישע נויט, די יידישע געפאַלנקייט, די יידישע הילפלאָזיקייט. א גרויס רחמנות האָט אים ארומגעכאַפּט אויפן ביטערן גורל פון זיין פאָלק. און אָט דעם צער האָט ער אויסגעוויינט אין זיין ליד "גלוסט זיך מיר וויינען":

". . . כ'ווייס איר האָט טרערן נישט אויסגעוויינטע,
"צרות דערציילטע און נאָך מער געמיינטע,
"וואָס ווי פאַרשטיקטע, פאַרבאַרגענע קוואַלן
"לעבערן שטיינער און רייסן קברים —
"שלענגלען זיך, בלאָנדזשען אין דער ערד, ווי א וואָרעם —

"און ווערן אין דר'ערד דאָרט פאַרפאַלן.
"דורכשלאָגן זאָלן זיך אייערע טרערן !
"גרינגער זאָל ווערן און פרייער זאָל ווערן ! —
"אפשר, ווער ווייסט, וועט נאָך גאָט אמאָל געבן :
"איבערגייין וועלן די פינצטערע צייטן,
"אויך אונדז וועט אפשר געראָטן, ווי לייטן,
"בעסערס און שענערס דערלעבן.
"און פאר א זכר פון היינטיקע כמארעס
"וועט אייך פארבלייבן א נייער "על נהרות",
"וואָס ער וועט הימל און ערד איבערקערן.
"גליקלעך איז דער און געבענטש זאָל דער ווערן,
"וואָס וועט פאראייביקן אייערע טרערן
"הייליקע, צוויי טויזנט יאָריקע טרערן.

און אונדזער נאציאָנאלער דיכטער ביאליק, האָט געזאמלט אין זיינע לאָגלען אָט־די הייליקע צוויי טויזנט יאָריקע טרערן און זיי פאראייביקט לדורות.

* * * * *

און פונקט ווי יחזקאל הנביא, ווען ער האָט דערזען דעם טאָל פון די טויטע ביינער, האָט זיך געשטעלט די פראגע : התחיינה העצמות האלה ? צי קענען די דאָזיקע ביינער לעבעדיק ווערן ? — אזוי האָט זיך ביאליקן, דעם נביא פון אונדזער צייט, געשטעלט די פראגע : פון וואנען נעמט זיך צום פאָלק ישראל, וואָס איז אזוי באשפיגן און צעטראָטן, אזא גייסטיקער כוח פון קאָנען זיך פאָרט דערהאלטן אויף דער וועלט, אויף צעפוקעניש די שונאים זיינע ?

און ער ענטפערט אויף זיין קינסטלערישן אופן : "קום, ברודער, געפייניקטער, אין דעם אלטן בית־מדרש, אין לאנגע, וויסטע טבת־נעכט, אין זוניקע און ברענענדיקע תמוז־טעג, פרימאָרגנס צי ביי טאָג, צי שפעט אין דער נאכט, וועסטו זען יידן פארחושכטע, מיט דארע, צעקנייטשטע פנימער, וואָס שלעפן נאָך דעם שווערן גלות־יאָך, פארגעסן דעם שווערן לעבן אין א בלאט־גמרא, פארריידן זייער דלות מיט אן אלטן מדרש און גיסן אויס דאָס הארץ אין א מזמור תהלים.

"דאָס איז דער קוואל פון וואנען דיינע ברידער, די פארפייניקטע, האָבן געשעפט אין צייטן פון ביטערע, דעם העלדנמוט, מסירת־נפש, צום טויט געגאנגען ווי צום טאנץ, אין פלאם געשפרונגען מיטן שמע ישראל אויף די ליפן. און שטארבנדיק האָבן זיי אונדז אָנגעזאָגט צו לעבן, צו לעבן ביז אויף אייביק. אזא פאָלק, כאָטש אזוי פיזיש שוואך, וועט מעכטיקע ריזן באזיגן!"

אָט־דאָס איז דער סוד פונם יידישן קיום. פון דאנעז, פונם אלטן בית־מדרש, פון די פּאַליאַנטן פון תלמוד, פון די שיינע, זיסע, נחמהדיקע לעגענדעס, וואָס די אלטע מייסטער פון בבל האָבן אויסגעשפּונען, פון דאנען האָט דאָס פאָלק געשעפּט זיין גייסטיקן קיום. דאָס איז געווען חיים נחמנס האַרף, אויף וועלכער ער האָט אויסגעשפּילט און אויסגעזונגען זיין ליד, זיין געזאַנג.

אָבער ווען ביאַליק האָט דערזען ווי די אמאָל־שטאַרקע, גייסטיקע אומה האָט פאַרלאָרן איר אמונה, "פוילט און פאַלט, און ווערט פון טאָג צו טאָג מער אלט, און אַפּגעלאָזט האָט זיך די האַנט און אויסגעלאָזט האָט זיך די מאַכט"; די בתי מדרשים, די "אהלי שם ועבר". פוסטעווען; יידישע קינדער, יידישע יוגנט, וואַקסט אָן תורה, אָן יידישקייט, אָן נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין; אלץ איז אין איין געיעג נאָך מאַטעריעלע רייכטימער, גראָשנדיקע פאַרגעניגנס, און די סכנה פאַרן יידישן קיום, פאַר דער יידישער נשמה, לויערט פון אלע זייטן, טאָ "מי יקום יעקב, כי קטן הוא?" טאָ ווי וועט יעקב קאָנען בייסטיין, אז ער איז גייסטיק אַזוי שוואַך?

האָט דער נביא ביאַליק זיך צעשטורעמט, ווי דער נביא עמוס אין זיין צייט, אויף די "השאננים בציון והבוטחים בהר שומרון" — אויף די רויִקע אין ציון און די זיכערע אויפן באַרג שומרון, אויף די איינגערעדטע, מכלומרשט זיכערע יידן אין דער אַמאָליקער אייראָפּע און אין* דער הייַנטיקער אַמעריקע . . . אויף זיי, אויף די היינטיקע קנעכטישע דור המדבר־אסימילאַנטן, האָט ער אויפגעהויבן זיין דונערנדיקע שטים:

"פאַרוואָר, גראָז איז דאָס פאָלק, אויסגעטריקנט פון זאַפט,
"ס'איז געפאַלן דאָס פאָלק און געזונקען אָן קראַפט,
"אז עס דונערט גאָטס קול אַרום, וועקט אין זיין מאַכט,
"און עס האָט דאָך דאָס פאָלק פון זיין שלאָף נישט דערוואַכט.
"נישט געטאָן זיך א שטעל און א בריל, ווי א לייב,
"ניט געטאָן זיך מיט מוט און מיט קרעפטן א הייב.
"ס'האָט דאָס האַרץ פונם פאָלק נישט געציטערט פאַר פרייד
"נישט פון רעכטס, נישט פון לינקס, וו זיי זיינען צעשפּרייט,
"ווען עס האָבן געלאָזט זיך דערקענען צו אים,
"זיינע קינדער די בעסטע, צום רוף פון גאָטס שטים.
"נישט די האַנט זיי דערלאַנגט, נישט געוווּנטשן קיין גליק
"צו די אלע וואָס זיינען געקומען צוריק.
"אַרום גאָלדענעם קאַלב, אין דעם ווילדן געבערום,
"איז פאַרשלונגען גאָטס קול, און זיין דונער ווערט שטום.
"פאַרוואָר, קליין איז דאָס פאָלק און געפאַלן און מיאוס
"איז צעפוילט דורך און דורך פון קאָפּ ביז די פיס.
("אָכן חציר העם").

דאָס קלינגט ווי די רייד פון ישעיהו בן אָמוץ. אָבער דאָס זיינען די רייד פון אונדזער היינטיקן נביא ביאַליק. ער האָט געזען דאָס פאָלק אין זיין מאָראַלישער געפאַלנקייט; ווי עס אַנטלויפט פון זיין אייגענער קולטור, פון זיין פאָלקס־לשון, פון זיין אייגענעם שטייגער־לעבן, איז פאַרשיכורט פונם געברום אַרום דעם גאָלדענעם קאַלב. זיינען געבליבן טויב און שטום צום משיחישן רוף פון דר. הערצל; זיי האָבן נישט אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו די חלוצים, די בויער פון ארץ־ישראל, ווייל פאַר זיי איז בערלין און פּאַריז, געווען ירושלים; דער טייך רהיין — דער ירדן. זיין צאָרן איז אויף די וואָס בויען אין דער פרעמד זייער רו, זייער זיכערקייט אויף רייכקייט, אָבער סוף־כל־סוף האָט דאָך זיין גאַנצע מי און פּראַצע קיין ווערט נישט, און זייער אויפטו קיין האַפט נישט, ווי מיר האָבן דאָס געזען, צו אונדזער גרויסן ווייטיק, אין אונדזערע היינטיקע טעג פונם דריטן חורבן פונם יידישן פאָלק אין אייראָפּע.

ביאַליק האָט עס פאָרויסגעזען. דערפאַר האָט ער אַזוי געדונערט און אונדז אַלאַרמירט, אַז מיר זאָלן כאַפּט זיין צוגעגרייט צו אַט דעם אָנקור־מענדיקן, פינצטערן טאָג . . .

* * * * *

ביאַליק דער ברוגזנדיקער דיכטער, ווייס נישט פון קיין צימצום אין וואָרט. ווען די געפילן כאַפּן אים אַרום, ווערט ער פאַרוואַנדלט אין אַ סטיכישער קראַפט, וואָס ווייסט נישט פון קיין צאַמען און פון קיין גרעניצן. אָבער דער וווּנדער, ביאַליק, ווערט נאָך גרעסער מיט דעם, וואָס אָט־זעט איר אים אַ צעשטורעמטן ברוגזנדיקן וואַסער־פאַל, וואָס רייסט אויס מיט זיין גבורה ביימער מיט די וואָרצלען, שפּאַלט פעלזן, לייגט איין בערג און אָט פּלוצלונג, הייבט ער גאָר אָן ריידן מיט אַ קול דממה דקה, ווי מיר זעען דאָס אין זיינע שטילע נאַטור־לידער, פאָלקס־לידער, וואָס זיינען אויך הומאָריסטישע לידער, פון וועלכע עס טראָגט זיך אַ הילכיקער, געזונטער געלעכטער, ווי פון אַ שטיפעריש יינגל. עס איז נאָר אַ שאָד, וואָס מיר האָבן נישט די מעגלעכקייט צוליב מאַנגל אין פּלאַץ, צו געבן פון זיי אַ פּאָר מוסטערן. נאָר ווען איר לייענט זיי, דוכט זיך אייך, ווי מיר וואָלטן געהאַט שני חיים נחמן ביאַליקס.

* * * * *

כידוע, האָט ביאַליק קיין סך נישט געשאַפן אין יידיש לשון. מיר האָבן פון אים בלויז געציילטע פון זיינע שטאַרקערע, גרעסערע פּאָעמעס, וואָס ער אַליין האָט געשריבן אין יידיש, אָדער זיי אַליין איבערגעזעצט אין יידיש, ווי "די שחיטה שטאָט" און "דאָס לעצטע וואָרט" — נביאיש, אַזוי אויך געציילטע זאַכן אין פּראָזע. אָבער דאָס וואָס ער האָט יאָ געשריבן אין יידיש טראָגט אויף זיך דעם חותם פון תנ"ך, מדרש און אגדה שפּראַך.

אזוי אויך פארמאגט זיין העברעיש דעם יידישן גלות־קנייטש. אזוי איז שוין דער שטייגער ביי אלע אונדזערע שרייבער און דיכטער, ווי דער יידיש מענדעלע מוכר ספרים, פרץ און שלום־עליכם, וואס האבן זיך באנוצט מיט ביידע שפראכן, ווי א געזונטער, גארמאלער מענטש באנוצט זיינע ביידע הענט.

זיין גרעסטער פארדינסט פאר דער יידישער פאעזיע איז, וואס ער האט באוויזן די גרויסע קונסט פון נעמען די קרעפטיקע שפראך פון דער תנ"ד־נבואה און עס איבערגיסן אין די פשוטע, ליימיקע כלים פון יידיש און עס איז געווארן נביאיש. ווי מיר זעען עס אין זיין שטארקסטער פאעמע "דאס לעצטע ווארט":

"איך גיי, איך קום — כ'וועל היילן וונדן,
"מיט אייך איינינעם וועל איך בלוטן,
"און ווו מען דארף, וועל איך אפלעקן
"דאס בלוט וואס טריפט פון אייער וווּנד.
"כ'וועל טרייסטן, בעטן, וויינען, וועקן —
"איך וועל ניט לאזן גיין צו גרונד!
"איך גיי, איך קום — איך טראג א טרייסט
"איך טראג א בשורה פון נחמה;
"איך בין געבענטשט פון גאט מיט גייסט —
"אייך וועל איך שענקען מיין נשמה . . .

אזוי אויך האט ער אנגעטאן דעם יידישן פאלקס־ליד דעם העברעישן פורפור־מאנטל. און ווי א נאציאנאלער דיכטער און שרייבער, וועמען עס איז ליב און טייער געוועזן דאס גאנצע פאלק, האט ער, מיט דער הילף פון ראווניצקין, איבערגעגאסן אונדזערע אלטע קולטור־אוצרות, די אגדות, אין אונדזער יידישן מאמע־לשון. די יידישע איבערזעצונג איז אזוי מייסטערדיק ווי די העברעישע באארבעטונג.

ווער ווייס וויפל נאך אט דער גייסטיקער ריז, ביאליק, וואלט נאך געשאפן פאר זיין פאלק, ווען דער טויט, דער אכזר, וואלט פלוצלונג נישט אפגעהאקט זיין בליענדיק לעבן.

* * * * *

עס איז א נאציאנאלער חוב פאר יעדער "בית ספר", פאר יעדער יידישער פאלק שול, ווו עס קומען אונדזערע תינוקות של בית רבן לערנען תורה און יידישקייט, וואס ביאליק האט אנגערופן "בית היוצר לנשמת האומה" — די קוזניע ווו עס ווערט אויסגעשמידט די נשמה פון פאלק, צו לערנען מיט אונדזערע קינדער וואס מער פון די פלאמיקע קאפיטלעך פון אונדזער היינטיקן נביא ביאליק, ווי די קאפיטלעך פון אונדזערע אמאליקע נביאים. מיט דעם וועט אונדז גיכער געלינגען איינצופלאנצן אין זייערע

הערצער א ליבשאפט צום פאָלק ביז מסירת־נפש. ווייל פונם ערשטן גרויסן נביא עמוס ביז ביאַליקן ציט זיך אָט דער גאָלדענער פאָדעם — דער גלויבן אין דער אייביקייט פון ישראל סבא. אָט דאָס דאַרף זיין דאָס געבאָט פון דער שעה; אָט דאָס דאַרף איצט ווערן דער רוף איבער אַלע געצעלטן פון יעקב, ווו זיי זאָלן נישט זיין. נאָר אויף אַזא אופן וועלן מיר אייביקן דעם ליכטיקן אָנדענק פון אונדזער נאַציאָנאַלן דיכטער חיים נחמן ביאַליק.

* * * * *

אונדזער נאַציאָנאַלער דיכטער, ביאַליק, וואָס איז אַזוי גיך אַוועקגעריסן געוואָרן פון אונדז, איז נאָך ביי זיין לעבן באַלוינט געוואָרן פאַר זיין גרויסער אהבת ישראל.

ער האָט געזען ווי זיינע ברענענדיקע, צאַפּלדיקע ווערטער האָבן געצונדן הערצער ביי זין און טעכטער פון זיין פאָלק. זיי האָבן פאַרנומען זיין שאַלנדיקן רוף. ער האָט זיי געזען, אין הייסע תמוז־טעג, אין קאַלטע טבת־נעכט, שטיין ביזן גאַרטל טריקנדיק די זומפּיקע, גיפטיקע טאָלן פון עמק הירדן, עמק השרון און עמק יזרעאל.

ער האָט געזען די יידישע יוגנט, די בעסטע, די שענסטע פון זיין פאָלק, בייסן זיך איין מיט ציין און נעגל אין די שטיינערנע, פעלזיקע הרי־יהודה און בויען פאַר זיך און פאַרן פאָלק א נייע צוקונפט.

ער האָט געזען ווי זיי קאָנען שטאַרבן מיט א שמייכל אויף די ליפּן, שעפּטשענדיק "טוב למות בעד ארצנו" — עס איז גוט צו שטאַרבן פאַר אונדזער לאַנד.

ער האָט אויך געזען די פריידיקע, התלהבותדיקע חלוצישע האָראַ־טענץ מיט זייער שאַלנדיק געזאַנג — זיין געזאַנג פון "תחזקנה ידיכם".

ער האָט אויך געזען ווי די אַמאָליקע צעשראָקענע קינדער פון ישראל, וואָס פלעגן זיך באַהאַלטן פאַרן שונא אין די קעלערן און אויף די בוידע־מער, זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מאַקאַבייער־העלדן. און אויפן אָרט פון זיין "עיר ההרגה", האָבן זיי אויפגעבויט נייע, שיינע, פּראַכטפולע שטעט און דערפער: "ראשון לציונם", "פתח תקוהס", "דגניהם", "תל־אביבם" און וועלן נאָך בויען און פלאַנצן נייע שטעט און נייע קבוצות, אין צפון און אין דרום, אין מזרח און אין מערב פון ישראל.

ער האָט דערזען די קינדער פון זיין שוואַכער אומה, וואָס וועט נאָך מעכטיקע באַזיגן . . .

ביאַליק האָט זוכה געווען צו זען ווי פון זיין ערשטן העברעישן שיר "אל הציפור" איז דער לשון־קודש געוואָרן א לעבעדיק לשון פון א לעבעדיק, שעפעריש פאָלק אין ישראל.

ביז אים איז כמעט די גאַנצע העברעישע פּאָעזיע געווען משכּיליש־

מליצהדיק. אָבער מיט ביאַליקס אמת־קינסטלערישן וואָרט, איז די העב־רעישע שירה דערהויבן געוואָרן שיר נישט צו א נביאיש געזאַנג.

זיינע פאָרגייער־דיכטער האָבן דעם יידן געשפּאָלטן אויף א "יהודי באהליך ואדם בצאתך" — זיי א ייד אין שטוב און א מענטש אין גאַס. אָבער דער הייסער, צאַפּלדיקער "איש הרוח", ביאַליק, האָט געוועקט און געמאָנט צו זיין אומעטום א גאַנצער ייד, נישט אָנטאָן אויף זיך א פרעמדן פראַק, א פרעמדן צילינדער; נישט פוצן זיך אין פרעמדע לשונות און קולטורן נאָר שטאָלץ זיין מיטן ביסעלע אייגנס, ווייל —

"... נישט פון הפקר איז ס'ליד מיר געקומען
"נאָר פון אייגענע פעלזן אים געשפּאָלטן
"פון הארצן ארויס אים געשלאָגן.
"כ'טראָג אין הארצן א קליינעם פונק פייער,
"קליין דער פונק, נאָר ער איז מיינער אינגאַנצן.
"נישט געבאָרגט, נישט געגנבעט ביי קיינעם
"ער איז מיינער, און מיר טוט ער גלאַנצן.

און ווען ביאַליק וואָלט היינט נאָך געלעבט, וואָלט ער אויך געהאַט די פרייד צו זען ווי דאָס פּארטריקנטע, גראָזיקע פאָלק אין דער רייכער, זאַטער אמעריקע, האָט זיך שוין אויך אויפגעכאַפּט פון זיין לאַנגן חוני המעגל שלאָף. דער אמעריקאַנער ציוניזם איז שוין אויך לעצטנס געקומען צום באַוווּסטזיין, אַז מיט בלויז מאָנען געלט פאַר "פּאַלעסטיין" איז מען נאָך נישט יוצא, נאָר מען מוז אויך געבן דעם יונגן דור אין אמעריקע א נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין, ווייל גורל אחד לכלם — מיר געהערן אַלע צו איין פאָלק און טראָגן דעם זעלבן גורל אומעטום.

אָט דאָס איז געווען דער גרויסער שכר פאַרן צעפּייניקטן און צע־ווייטיקטן נאַציאָנאַלן דיכטער־נביא — ביאַליק.

יאָ, מיט זיין אַנטפּלעקונג איז געשען א גרויסער נס אינם יידישן לעבן. מיר מעגן זאָגן: אשריך ישראל, ווייל אין דעם דור, אונדזער דור, וואָס האָט די זכיה געהאַט, אַז אין זיין צייט האָט געלעבט און געווירקט דער משורר בישראל, חיים נחמן ביאַליק, וואָס האָט צוריק אריינגעבראַכט אין אונדזער נייער, מאָדערנער ליטעראַטור דאָס אַלטע, פייערדיקע, נביאישע וואָרט, וואָס איז שוין מער ווי צוויי טויזנט יאָר געווען איבערגעריסן. און צו אונדזערע הייליקע ספרי־נביאים איז צוגעקומען א ניי ספר, וואָס הויבט זיך אָן מיטן חזון חיים־נחמן ביאַליק! . .

* * * * *

און היינט, אין דעם 14טן יאָרצייט נאָכן נאַציאָנאַלן דיכטער, חיים־

נחמן ביאליק, וועלן מיר פארענדיקן מיט עטלעכע קורצע שורות פון זיין פאעמע "אחרי מותי", ווו ער זאגט:

"אחרי מותי ספדו ככה לי:
"היה איש — וראו! איננו עוד;
"קודם זמנו מת האיש הזה
"ושירת חייו באמצע נפסקה;
"וצר! עוד מזמור אחד היה לו —
"והנה אבד המזמור לעד
"אבד לעד!
"נאך מיין טויט — באוויינט מיך אט אזוי:
"ס'איז געווען א מענטש — און ניטא אים מער
"פאר דער צייט איז ער, דער מענטש געשטארבן,
"און זיין לעבנס־ליד איז אפגעהאקט אין מיטן —
"און ווי, ער האט דאך נאך א ליד געהאט,
"און פארלוירן איז דאס ליד אויף אייביק
"פארלוירן אויף אייביק!

ניין! ביאליקס ליד איז ניט פארלוירן אויף אייביק!
אונדזערע משהלעך און שלמהלעך פון "אונטער די גרינינקע ביימעלעך" וועלן ווייטער זינגען זיין ליד.

די יונגע, העלדישע מחנות פון ישראל, וואס גייען יעדער טאג ארויס צו בויען, צו פלאנצן און צו באשאפן דאס נייע יידישע לעבן אין ארץ־ישראל, זינגען ווייטער זיין ליד!

שירת חייך לא אבד לעד! — דיין לעבנס־ליד איז נישט פארלוירן אויף אייביק!

אייביק, אייביק וועט דיין ביאליק־ליד געזונגען ווערן, אזוי לאנג ווי א יידיש פאלק וועט לעבן!

כ"א תמוז, תש"ח.

למד שפירא

אונדזער "אתה בחרתנו" פאָלק, וואָס זיין געשיכטלעכער גאנג צווישן פעלקער איז געווען אינגאנצן אן אנדערער, אן אייגנארטיקער, האָט אויך באוויזן צו שאפן אן אייגנארטיקע ליטעראטור, וואָס קאָן אָנגערופן ווערן מיטן נאָמען: פּאָגראָם־ליטעראטור.

און אַלט איז אָט־די דאָזיקע ליטעראטור, ווי אַלט עס איז דער יידישער גלות. זי איז אויך נישט געבונדן צו אָרט און צייט. איר קאַנווע איז דער גאנצער ערד־קיילעך, ווי עס פּאסט פאר א ליטעראטור פון א וועלט־פּאָלק . . .

אָט די דאָזיקע ליטעראטור איז געווען דורכוים א פּאסיווע. אויף די אלע שחיטות און הריגות, וואָס די גרויסע, גוישע וועלט איז באגאנגען קעגן דעם פּאָלק ישראל, האָט די דעמאָלטדיקע שרייבער, די דיכטער, די פּיטנים, די מחברים פון די הונדערטער קינות און סליחות נישט מער ווי באוויינט און באקלאָגט דעם "שבר עמי" — דעם בראָך פון מיין פאָלק. זיי האָבן אין דעם נאָר געזען א שטראָף פון זיין ליבן נאָמען פאר די זינד פון זיין אויס־דערוויילט פאָלק, ווייל "אשור שבט אפי" — דער שונא איז נישט מער ווי די רוט פון מיין צאָרן . . . און צווייטנס, זיינען זיי דאָך עפּעס קינדער פון אברהם אָבינו, פירט מען זיי צו דער אייביקער עקידה, זען, צי זיי וועלן אויך האָבן גענוג כוח בייצושטיין דעם גרויסן נסיון . . .

דעריבער זיינען זיי תמיד געקומען צום כביכול זייערן, אז ער, און נאָר ער, זאָל שוין נעמען נקמה פאר זייער אומשולדיק פארגאָסענעם בלוט. נאָר צו אים זיינען געווען געווענדעט אלע זייערע טענות און קריוודעס:

עד מתי! ביז וואנען!
ראה את חרפתינו! זע, גאָט, אונדזער חרפה און שאנד!
ראה מה היה לנו?! זע, וואָס עס איז געשען צו אונדז!

זע, ווי שווארצע ראָבן פּיקן דיינע אָדלערס און גאסן־הינט שלעפּן דיינע טויטע ליבן . . .

נקום את נקמת דם עבדיך השפוך! — טאָ נעם, גאָטעניו, נקמה פארן פארגאָסענעם בלוט פון דיינע געטרייע קנעכט!

אויף אזא אָדער אנדער אופן, האָבן די פּיטנים פון יענער צייט רעאגירט אויף די צרות, אויף די פורעניותן, אויף די פּאָגראָמען און שחיטות פון זייער

פאָלק. אפילו אין דעם אופן פון באשרייבן אַט יענע רציחות און שחיטות, זיינען יענע שרייבער־כראָניקער אויך געווען שטארק איינגעהאלטן, מחמת "מיר שעמען זיך אויסצושרייבן אלץ וואָס די קאַאַקן און טאַטערן האָבן געטאָן מיט די יידן, כדי מיר זאָלן נישט פארשעמען דעם מין מענטש, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין גאָטס געשטאלט". ווי עס דריקט זיך אויס דער כראָניקער פון יענער צייט, ר' נטע האנאָווער, וואָס האָט אליין צוגעזען די מוראדיקע שחיטות פון כמעלניצקי הרשע, אין שנת ת"ח ות"ט. דאָס קלינגט כמעט ווי א רחמנות־געפיל פארן שונא, וואָס האָט נעבעך פארשוועכט זיין צלם־אלוקים. אָבער דאָס פאָלק אלס גאנצעס, איז שטענדיק און אומעטום געווען בבחינת כשרע לאָם, וואָס איז תמיד גרייט צו דער עקידה.

אוואדע טאָרן מיר, היינטיקע, וועלטלעכע יידן, נישט גרינגשעצן אַט יענע הונדערטער טויזנטער קדושים וטהורים, וואָס האָבן זיך געלאָזט פירן ווי שאָף צו דער שחיטה. וואָרים צו גיין מאסנווייז צום שייטער־הויפן מיט געזאנג פון א קאַפיטל תהלים און מיטן התלהבותדיקן געשריי שמע ישראל און שטארבן מיט א שמייכל אויף די ליפּן, און דערביי קוקן מיט פאראכטונג אויפן שונא וואָס האָט גאָר געוואָלט צו טיילן לעבן, עולם הזה אין זכות פון צלם, האָט מען ווירקלעך געדארפט פארמאָגן אין זיך גרויסע, גייסטיקע גבורה, וואָס איז אפשר נאָך פיל שטארקער פון פיזישער גבורה.

און אַט די דאָזיקע גייסטיקע גבורה, האָבן זיי געשעפּט פונם גרויסן יידישן הימל, וואָס האָט זיי געגעבן כוח און אמונה אויסצוהאלטן די שרעקלעכסטע קרייצצוגן־שחיטות, די גלחישע אינקוויזיציעס. און ווען מען איז געטריבן געוואָרן צו גיין צום טויט, איז מען מיט פרייד געגאנגען איבער דעם קורצן בריק, וואָס האָט געפירט פון דער נישטיקער, פינצטערער ערד צום אייביקן, ליכטיקן הימל, וווּ עס הערשט אייביקער גאָטס גנאָד . . .

אָבער מיטן אָנקומען פון דער עמאנציפּאציע, אין סאמע ברען פון אייראָפּעישע רעוואָלוציעס, השכלה־באוועגונג, סאָציאליזם, בונדיזם און ציוניזם, האָט זיך אָנגעהויבן ברעכן די מויער־וואנט פון דער גייסטיקער יידישער גבורה. דער היסטאָריש אויסגעפּרוווטער גוטער הימל האָט אָנגעהויבן פארלירן זיין צויבער־השפעה. אפילו דער אלטער דור, געפאנצערט מיט אמונה און ביטחון, די קדושים, די פאַגראָם־מארטירער פון די אכציקער יאָרן, האָבן שוין אויך גענומען צווייפלען צי עס איז בכלל נאָך פאראן א זין, א תכלית אין דעם אייביקן גיין על קידוש השם, א פשיטא שוין יענע יוגנט וואָס איז שוין געווען אינערלעך צעריסן און צעפליקט פון כפירה־געדאנקען.

צום גליק אָבער, זיינען אויפגעקומען נייע שרייבער, נייע דיכטער, נישט קיין מקוננים, באקלאָגער און באוויינער, נאָר אנשי־מעשה, מענטשן מיט מוט און וויזיע, וואָס האָבן געוועקט און גערופן דאָס פאָלק צו נעמען דעם גורל אין די אייגענע הענט, ווייל "דער אלטער גאָט איז שוין לאנג א יורד,

גלייך מיט אייך". און אייערע אלטע, שטומע טענות האָבן נאָך קיינמאָל "נישט דערגרייכט צום הימל און וועלן צום הימל שוין קיינמאָל נישט דערגרייכן".

דער ערשטער פון אָט די דאָזיקע נייע, גאָט־געבענטשטע משוררים, איז געווען חיים־נחמן ביאַליק ז"ל. ער, מיט זיין נביאישן פאַטאָס, האָט דער ערשטער אויסגעשריען:

"פון שטאָל און אייזן, קאַלט און האַרט און שטום,
"שמיד אויס א האַרץ פאַר זיך, דו מענטש — און קום!
"כ'וועל דיר ווייזן באַהעלטענישן — שטאַלן פון חזירים,
"און זע מיט דיינע אויגן אַלע מיסטן,
"ווו דיינע ברידער, חשמונאים יורשים,
"די אייניקלעך פון אייביקע קדושים,
"אין יעדער לאָך צו דריי מנינים האָבן
"אין יענעם שחיטה־טאָג זיך אויסבאַהאַלטן
"און גרויס געמאַכט צווישן מיסט מיין נאָמען . . .
"אַנטלאָפן ווי די מייז, באַהאַלטן זיך, ווי וואַנצן,
"און ווי הינט געשטאָרבן . . .

מיט זיינע גליענדיקע, ברענענדיקע ווערטער "משירי הזעם" און "אין שחיטה־שטאָט", האָט ער, ווי מיט בייטשן, געטריבן די צעשראָקענע, הילפלאָזע פאָגראָם־קרבנות פון די בוידעמער, פון די פינצטערע קעלערן און פון אַלע זייערע מייזלעכער, און זיי געטריבן צו גיין שטעלן זיך מיט ציין און נעגל קעגן דעם שונא, דעם פאָגראָמשטשיק.

אָט די דאָזיקע שאַרפע, שפּיזיקע ווערטער פונם דיכטער פון יידישן צער און צאָרן, האָבן געטראָפן דער יידישער יוגנט, פונם אמאָליקן צאַרישן "תחום המושב", ווי מיט פאַרסמטע פיילן אין האַרצן. מיר אַלע האָבן זיך פאַרשעמט; מיר האָבן זיך דערזען אַזוי קליין און שפּלדיק, ווי מיר וואָלטן טאַקע געווען הינט, מייז. מיר האָבן אָנגעהויבן פילן אין זיך א שולד־געפיל אין דעם גרויסן חורבן פונם פאָלק. מיר האָבן אָנגעהויבן לויפן זיך אָנשליסן אין די רייען פון דער ערשטער "סאַמאָאָבאַראָנע", צום זעלבסטשוץ, אין די רייען פון "בונד", פון די סאָציאַליסטישע־ציוניסטישע פאַרטייען. מיר האָבן דעמאָלט א שבועה געגעבן, אז מער וועלן מיר זיך נישט לאָזן אויסשעכטן ווי די שאָף, נאָר מיר וועלן קעמפן און פאַרטיידיקן מיט שטאָבע־אייזן און מיט רעוואָלווער אין האַנט דאָס יידישע לעבן, דאָס יידישע האָב און גוטס.

און פון דעמאָלט אָן איז געוואָרפן געוואָרן דער לאָזונג: אַנשטאָט דער אַלטער, גייסטיקער גבורה, פון קאָנען שטאַרבן על קידוש השם — קאַמף, פיזישע גבורה! זאָל כאָטש זיין א גבורה פון "תמות נפשי עם פלישתים", איידער שטאַרבן ווי הינט און מייז . . .

און אָט דאָס וואָס ביאַליק האָט אויפגעטאָן מיט זיין פּאָעזיע, באַזונדערס מיט זיין פּאָעמע "אין שחיטה שטאָט", האָט דער נישט לאַנג פאַרשטאָרבענער למד שפּיראָ געפּרוווט טאָן דורך פּראָזע, מיט זיינע באַרימט־געוואָרענע פּאָגראָם־דערציילונגען, וואָס טראָגן די נעמען : "די יידישע מלוכה", "ווייסע חלה", "אין דער טויטער שטאָט", "שפוד חמתך", "דער קוש", "דער צלם" און אַנדערע.

מיר האָבן שוין געהאַט נישט איין שרייבער, נישט איין נאָוועליסט וואָס האָט געשריבן איבער אָט דעם אייביקן פּאָגראָם־מאָטיוו, אָבער קיינער קאָן זיך נישט פאַרגלייכן מיט למד שפּיראָן. ער איז אויף דעם געביט איינגאַרטיק, מיט אַן אייגענעם נוסח, מיט אַ נייעם צוגאַנג צו אָט דעם וויטיקדיקן, שמערצלעכן עניין. ער פּאַקט אונדז סיי מיט זיין טעמאַטיק און סיי מיט זיין אופן פון דערציילן. און דערצו איז ער אַזוי שפּאָרעוודיק, בציםצומדיק אין וואָרט. זיין זאַץ איז קורץ, ווי אויסגעהאַקט פון גראַניט. מיט אַ צענדליק ווערטער שאַפט ער אַ בילד, אַ סיטואַציע, אַ סצענע, אַ גאַנצע דראַמע. איר שפּירט, אַז איר האָט דאַ צו טאָן מיט אַן אָנגעלאָדענער נשמה, אָנגעלאָדן מיט פייער, מיט הארצווייטיק. אָפטמאָל איז ער אַזוי גאַליק, ביטער, אַז עס דוכט זיך, אָט־אָט וועט ער נעמען שפּייען מיט הייסער, גליענדיקער לאַווע. אָבער אין סאַמע מיטן פון זיין קאָכעדיקן אויפברויז, קען ער זיך באַהערשן, קאָן איינהאַלטן זיינע געפילן. ער איז דער מושל איבער זיין שטורעמדיק־קינסטלערישן וואָרט.

דער שרייבער, למד שפּיראָ, וויקלט אויף פאַר אונדז די גאַנצע גורלדיקע טראַגעדיע פון דעם יידישן פאָלק. ער אַנטפּלעקט פאַר אונדז דעם גאַנצן חורבן פון אַ פאָלק. און דער חורבן איז אַזוי מוראַדיק גרויס, אַז עס איז אַ בזיון אים צו באַוויינען; מיט קרעכצן און יללות וועט מען פון אים נישט פּטור ווערן.

ער טוט אונדז אַ כאַפּ, ביי די האָר, און שליידערט אונדז אַריין אין סאַמע מיטן פון דער צעיושעטער, ווילד־געוואָרענער גוישער מאַסע, וואָס איז פאַרשיכורט פון יידישן בלוט. איר הערט דאָס טראַסקען און דאָס בריאַזגען פון יידישע פענצטער; איר הערט דאָס פאַרשטיקטע געוויין פון געשע־דעטע יידישע פרויען, דאָס געוויין פון קליינע קינדער, וואָס רייסן זיך אַפילו פון אונטערערדישע קעלערן, פון שטאַלן, בוידעמער, אויסגעמישט מיטן געשריי פון שיכורע קולות פון די רשעים, די טמאים. עס הייבט אייך אָן צו דרייען דער קאָפּ, שווינדלען פאַר די אויגן, די ערד פון אונטער אייערע פיס רוקט זיך אוועק, איר הייבט אָן זינקען אין אַ טיפן אָפּגרונט. איר ווילט אַנטלויפן וואָס גיכער פון אָט דעם יאָמער־טאָל, אָבער איר קאָנט נישט. דער שרייבער לאָזט אייך נישט אָפּ, איר מוזט גיין מיט אים, צי איר ווילט יאָ, צי נישט.

אָבער פאַר אייער צער און פּיין וועט דער שרייבער אייך באַלד צוטיילן

כאַטש א וועלכע ס'איז באַלוינונג: איר וועט באַלד דערזען ווי פון אונטער דעם באַרג פּאָגראָם־קרבנות הויבן זיך שוין אויף, דאָ און דאָרטן, העלדן וואָס נעמען נקמה פאַרן אומשולדיק פאַרגאָסענעם יידישן בלוט און שטאַרבן שוין מיט ווירדע, איינציינעם מיטן מערדער.

אוואדע זיינען דאָס נאָר געציילטע, יחידים. אָבער מיט דער צייט וועלן צו די דאָזיקע איינצלנע צוקומען צענדליקער, הונדערטער, מחנות גאַנצע, וואָס וועלן שוין מער נישט לויפן זיך באַהאַלטן ווי די מייז, אויף בוידעמער און אין קעלערן, נאָר וועלן זיך שוין וואַרפן מיט ציין און נעגל קעגן דעם בלוטדורשטיקן שונא.

און איצט לאָמיר לאָזן דעם שרייבער, למד שפּיראָ, אַליין ריידן:

"... עס האָט זיך אָנגעפאַנגען, ווי געוויינלעך, אין א מאַרק־טאָג. אויפן דריטן טאָג איז געוואָרן שטיל. גאַנץ קריוואָדוב איז זיך צונויפגעקומען אין דער גרויסער שול. מען האָט געפאַסט, מען האָט מזכיר נשמות געווען די נאָר־וואָס אומגעקומענע. ס'האָט אויסגעבראָכן א געוויין ביז צום הימל. דער אַלטער רב, אויפן בעלעמער, האָט געהייסן ניט וויינען. מען האָט געבראַכט טינט און א געגנדזענע פּעדער. שמעיה דער סופר האָט גענומען פאַרשרייבן אין פּנקס פון דער שטאָט די געשעענישן פון די לעצטע דריי טעג. דאָס איז געווען א קינה און א כראָניק צוזאַמען, העברעיש און יידיש געמישט, און געלעזן האָט זיך אַזוי:

"ראה ד' מה היה לנו! ווי די שאָף צו דער שחיטה זיינען מיר געפירט. זיי האָבן ראַבירט אונדזער האָב און גוטס און זיי האָבן פאַרשוועכט דיין נאָמען צווישן די פעלקער".

"פּלוצלונג, ווי א שטורעם, האָט זיך אַריינגעריסן אין שול מנחם, דעם רבס איין־און־איינציקער זון, וועמען אַלע האָבן שוין גערעכנט, אַז ער ליגט ערגעץ א געהרגעטער. זיינע קליידער זיינען געווען צעקנייטשט, זיין פּנים אומגעוואַשן און נישט אויסגעשלאָפן. נאָר זיינע אויגן האָבן געקוקט אַזוי ווייט און אַזוי פרעמד, אַז א קעלט האָט א ווייע געטאָן איבער דער שול. ער איז צוגעגאַנגען צום באַלעמער.

"דער רב האָט אויפגעעפנט דאָס מויל. מנחם האָט געלאָזן באַמערקט:

"— איר זאָגט שוין ווידער? זאָגט־זאָגט, — איר זייט אַלעמאָל געווען א פאָלק פון זאָגערס און זאָגערינס.

"זיין בליק איז געפאַלן אויפן פּנקס און ער האָט זיך צעלאַכט:

"— שמעיה, פאַרגעסט נישט צו פאַרשרייבן נאָך עטלעכע קדושים: חנא טרעגער, בערל גנב און גיטל די סאָלדאַטקע, וואָס האָט געהאַט אויף זיך אַכט גוויים... פאַרשרייב אַלץ על קידוש השם.

"דער אַלטער רב, דער טאַטע, וואָס איז געשטאַנען ווי א שטומער,

האָט פּלוצים צוריקגעקראָגן דאָס לשון און אָנגעהויבן ריידן מיט אַ ביטערדי־קער שטים:

"— ווער האָט באַשאַפן די וועלט, האַ? דו אפשר, האַ?

"מנחם האָט פאַרקריצט מיט די ציין און אויסגערופן:

"— און ווער האָט באַשאַפן די באַד מיט דער בעדערין? איך אפשר, האַ? און ווער האָט באַשאַפן צימעס מיט פּאַסאַליעס, און ציגענע בערד? איך אפשר, האַ?

"— ער איז משוגע געוואָרן! — האָט עמיץ אויסגעשריען.

"דער כעס האָט אויפגעטרייסלט דעם עולם. עס האָבן זיך דערהערט שטימען:

"— פאַר אונדזערע זינד, פאַר די זינד פון אַזעלכע כופרים ווי דו!

"— כאַ־כאַ־כאַ! פאַר אייערע זינד! הינער האָבן געזינדיקט! עמיצער האָט געמוזט איבערהיפּן אַ וואָרט אין "קטורת" היינטיקס יאָר, כאַ־כאַ־כאַ, געזינדיקט? איר האָט דען כוח צו זינדיקן? נאָר לעבעדיקע מענטשן זינדיקן. און איר זייט נבלות, פּגרים, מתים! און ס'אַרא בריה ער איז עס, דער גאָט אייערער! אַז אַל קנא ונוקם, באַרימט ער זיך: דאָס מיינט ער קעגן אייך! קעגן "זיי" קאָן ער גאָרנישט נישט טאָן. אָט "זייערער", זעט איר, איז אַ גאָט! אַ גאָט פון ליבע איז ער. אַ פליג אויף דער וואַנט וועט ער נישט אָנריךן. און זעט וואָס ער קאָן באַוויַיזן! און זעט ווי ער פירט זיין וועלט — זיין וועלט, זי איז זיינע! אַ גאָט, מיינע ליבע יידן, דאַרף זיך אויך צו עפּעס טויגן!

"און דאָ האָט אַ מיידלשע פיגור זיך דורכגעשטופּט צום בעלעמער.

"— מנחם, — האָט זי געזאָגט, — מנחם!

"— אַוועק פון מיר! — האָט מנחם קוים אַרויסגערעדט, זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ און אַרויסגעקוויטשעט:

"— הערט זיך איין, פאַר אַזעלכע ווי איר איז זיך נישטאָ וואָס צו שעמען. שוין באַלד אַ יאָר נאָך אונדזער חתונה און איך האָב זי נאָך נישט אָנגערירט. איך האָב זי נאָך נישט געזען. איך האָב זי ליב געהאַט ווי יעקב אבינו האָט ליב געהאַט רחלען, נאָר איך האָב זיך געשעמט. און דאָ איז געקומען אַ גוי און האָט זיך אין איר געגראָבן. מילא, דאָס זיינען "זיי" — דאָס איז זייער אַרבעט. נאָר די גאַנצע צייט — איר הערט, די גאַנצע צייט, בין איך געלעגן באַהאַלטן אין הויז. געלעגן אין אַ ווינקל פון הויף און צוגעקוקט. דאָס איז אייער אַרבעט, אייער תורה, אייער ווערעמדיק לעבן, אייערע געננג — דאָס איז סם־המות! און ביי מיין אומגליק שווער איך אייך — איך וועל אָנווענדן אַלע מיינע קרעפטן צו העלפן אייך אויסצוראָטן פון דער וועלט!

"דער רב, דער אומגליקלעכער טאטע, האָט אָנגעוויזן אויף דער טיר און רויק געזאָגט:

"— גיי!

"דער זון האָט געענטפערט מיט א בליק פון שנאה און א קריץ מיט די ציין און זיך געלאָזן צו דער טיר פון שול.

"דער רב האָט זיך געשטעלט מיטן פנים צום מזרח און שטיל אָנגעהויבן זאָגן:

"— יתגדל ויתקדש שמיה רבא!.."

מנחם דעם רבס זון, דער תלמיד־חכם, רעוואָלטירט מיט זיין גאנצן וועזן קעגן דער אלטער, טראַדיציאָנעלער, יידישער, גייסטיקער גבורה — פון אייביק זיין אן עולה־תמימה אויפן מזבח. ער שמדט זיך. מיט דעם נעמט ער נקמה פון זיך, פון זיין אייגענער אומבאהאָלפנקייט; ער נעמט נקמה אָן דעם גאנצן יידישן, איינגעשטעלטן לעבן; ער נעמט נקמה אינם אלטן יידישן גאָט, וואָס איז נאָר אן אל קנא ונוקם קעגן זיינע קינדער, אָבער נישט קעגן "זיי", די גויים... ער נעמט אויך נקמה, מיטן שמד, אָן דער גויישער וועלט: ער האָט טאקע ארונטערגעבראכט אונטער די פליגל פונם "הייליקן" צלם א יידישע נשמה, אָבער א פארסמטע, א פארוואונדעטע, א קראנקע נשמה — א קנאַפע מתנה פארן גאָט פון ליבע...

דער קינסטלער למד שפּירא, לאָזט אונדז באלד אריין אין א נייעם געווירבל פון אומפאָרויסגעזעענע דראמאטישע סצענעס, וואָס אויף אזעלכע האָט קיין פשוטע מענטשלעכע פאנטאזיע גאָר נישט געקאָנט איינפאלן. און הערט וואָס ער דערציילט ווייטער, אין דער זעלבער, לענגערער נאָוועלע "די יידישע מלוכה":

"גרשון דער שוחט איז בטבע געווען א ייד א גברן און א שטילער מענטש. פלוצלונג, נאָך א לאנגן, שווערן געראנגל מיט זיך אליין, באשליסט ער אויפצוהערן שעכטן בהמות. ער, וואָס האָט קיינמאָל אין זיין לעבן קיין פליג אויף דער וואנט נישט אָנגערירט, זאָל שעכטן אומשולדיקע, שטומע צינג? ניין! ער וועט מער נישט זיין קיין שופך דם! ס'האָבן נישט געהאָלפן די געשרייען, די דראָונגען און די תחנונים פון די שטעטלשע קצבים, וואָס וועלן נעבעך בלייבן אָן פרנסה, און נישט די מוסר־רייד פונם רב, וואָס צוליב זיין משונהדיקער עקשנות וועט חלילה א גאנצע שטאָט בלייבן אָן פלייש אויף שבת, און זיין אייגן ווייב און קינדער אָן ברויט. ער האָט פארוואָרפן די חלפים און געוואָרן אויס שוחט.

"פלוצלונג האָט זיך אָנגעיאָגט אויפן שטעטל דאָס אומגליק. קאָזאקן האָבן געשלאָגן, געיאָגט און געטריבן. דער גרויסער יידישער היימלאָזער קאַראַוואַן האָט זיך געלאָזן אין וועג אריין. דער קאַראַוואַן איז אלע ווײלע

פארגרעסערט געוואָרן מיט נייע שטראָמען הימלאָזע יידן פון די ארומיקע שטעט און שטעטלעך אזוי, אז דער גאנצער טראקט איז באדעקט געוואָרן מיט מחנות יידן, ווייבער און קינדער. א סך זיינען אויסגעגאנגען אויפן וועג פון הונגער, דורשט און צעטראָטן געוואָרן אונטער די פיס פון די קאָזאקן און פון דער געיאָגטער מחנה. יונגע שקצים האָבן געוואָרפן שטיינער אויף דער אומגליקלעכער, הימלאָזער, צעשראָקענער מחנה יידן. און ווער עס איז געבליבן הינטערשטעליק, האָבן זיי געשלאָגן און זיך איזדיעקעוועט. די קאָזאקן האָבן אויך געהאָלפן.

"גרשון דער שוחט האָט אין דעם ווילדן גערדענג פארלאָרן זיין היטל, זיין ווייב און קינדער. ער האָט אָנגעהויבן צו שפרייזן איבער אומבאקאנטע, פרעמדע פעלדער.

"צוויי יונגע שקצים פארשטעלן אים דעם וועג.

"— זשיד, דאוואי הראָשי !

"גרשון הייבט זיך אָן בעטן ביי זיי מיט געוויין האלב אויף שטום־לשון און האלב אויף א געבראָכענעם גוייש :

"— זשינקא, דיטי.

"די שקצים באזוכן אים, באליידיקן אים און דערביי אים פארשאפט א שרעקלעכן וויי טיק. גרשון האָט ארויסגעלאָזט א קרעכץ. איין שגץ איז געלעגן אויף אים און אים געזעצט מיט די קני אין ברוסט און אים גענומען שטופן אהינטער, צום יאר, צום ראנד פון בארג, צום סאמע אָפגרונט.

"גרשונען האָט געשטאָכן די האָר אין קאָפּ.

"— זשינקא, דיטי, — האָט ער געוויינט און זיך געבעטן.

"— ניטשעהאָ, — האָט אים דער שייגעץ בארוזקט מיט א חוזק־שמייכעלע און אים ווידער געשטופט אלץ נעענטער צום אָפגרונט, צום טויט.

"מיטאמאָל האָבן גרשונס געזונטע הענט ארומגעכאפט דעם שייגעצס האלדז. די צוויי האָבן זיך געראנגלט ביים סאמע אָפגרונט, יעדערער אין די צונויפגעשלאָסענע אָרעמס פונם צווייטן. דעם שייגעצס גוף איז געוואָרן לויז און זיך גענומען אראָפּלאָזן צו דער ערד, נאָר גרשון האָט אים נישט געלאָזן פאלן : ער האָט אים אויפגעהויבן, זיך א דריי געטאָן ווי א ראָד — וויען ער איז געווען מיטן פנים צום יאר — פאנאנדערגענומען די הענט. די פיגור מיט די אראָפּגעפאלענע הענט, ארויסגעקראָכענע אויגן און אונטערגעבויגענע פיס איז אָפּגעפלויגן אביסל איבערן גרונט, אויף איין הויך מיטן ראנד, און פלוצים האָט זי זיך אונטערגעטוקט און איז אָן א קלאנג פארשוווּנדן פון אויג.

"גרשונס האנט האָט זיך אראָפּגעלאָזן ווי א שייט־האָלץ אויפן צווייטן שייגעץ. ער איז געפאלן מיט א קרעכץ, און גרשון איז ארויף אויף אים

מיט זיין גאנצן גוף און אוועקגעלייגט אויף זיין פּנים א ביינערדיקע האנט מיט פארבויגענע פינגער. איינער פון די פינגער האָט געטראָפן אין אן אויג, און דער שייגעץ האָט ארויסגעלאָזן א שרעקלעכן קוויטש.

"— שריי נישט, — האָט גרשון געזאָגט און טיפער איינגעגראָבן די פינגער.

"דער קוויטש איז געוואָרן שארפער און לענגער.

"— שריי נישט !

"ער האָט פארקריצט מיט די ציין און א דריי געטאָן מיט זיינע פינגער. דעם שייגעצס האנט האָט זיך ארויסגעגליטשעט פון זיינער א טויטע, די געשרייען זיינען געוואָרן שפּיציקער און האָבן געשטאָכן אין קאָפּ.

"— וועסט נישט שווייגן ?

"מיט א הארטן, וואָרצלדיקן פויסט האָט ער דערלאַנגט א זעץ נאָך א זעץ דעם שייגעץ אין זייט, אין די ריפּן אריין, עס האָט אָפּגעקלונגען ווי פון א ליידיקער פאַס. פון גרשונס אויגן איז פארשוואונדן דער לעצטער אָפּשיין פון געדאנק. זיי האָבן געברענט גרין, זיך ווי איבערגעדרייט. ער איז צוגעפאלן פלאך, זיך איינגעביסן מיט די ציין אין עפּעס ווייכס און גליטשיקס. זיינע הענט זיינען געגאנגען איבערן צאפּלדיקן גוף און די פינגער האָבן געריסן און געקלעמט פלייש און ביין מיט דער טויטער הארטקייט פון אייזערנע צוואנגען. פון זיין אייגענעם האלדז האָבן זיך געריסן אלערליי קלאנגען: ער האָט געכריפּעט, געהירזשעט, געקוויטשעט. דער שוויים האָט געשטראָמט דורך זיין הויט ווי דורך א רעשעטע.

"דעם שייגעצס צעבראָכענער גוף האָט נאָך געצוקט און געציטערט. איין פוס איז געווען אויסגעבויגן ביי דער קני און די פינגער פון דער לינקער האנט האָבן זיך איינגעגראָבן אין דער ערד. הארט לעבן אים אויפן גראָז איז געווען בלוט, נישט פיל.

"גרשון איז געזעסן און געקוקט. זיין בליק איז געווען רויק און דערוואַכט. דער קין און די אונטערשטע ליפּ זיינען געהאנגען אראָפּ ווי ביי א מת. דער קערפּער לעבן אים האָט זיך שוין נישט באוועגט, נאָר ער האָט אויף אים נישט געקוקט און אים נישט געזען.

גרשון דער שוחט האָט גענומען נקמה. אָבער נישט אזוי איז דער גאנג פון יידישער נקמה. דער שרייבער שפּירא, וואָס שטייט נאָך אליין "על פּרשת דרכים", צווישן דער אלטער יידישער גייסטיקער גבורה און פיזישער גבורה, פארגינט זיך נישט און אויך אונדז נישט, צו פילן דעם טעם פון נקמה. ער אנטפּלעקט באלד פאר אונדז די מוראדיקע, גייסטיקע און פיזישע יסורים פונם יידן, וואָס איז קענן זיין ווילן געטריבן געוואָרן צו באגיין א צווייענדיקן, שווידערלעכן מאָרד. אָנשטאָט ער זאָל פילן דעם זיסן טעם פון נקמה, ווערט

זיין נשמה צעריסן פון זיין שולד־געפיל. דאָס האָט ער דאָך איצט גאָר אומגע־בראַכט זיין אייגענע נשמה! . . און כדי צו באפרייען זיך פון זיין נאָגנדיקן געוויסן, טוט ער זיך א שאַר נעענטער צום סאַמע ראַנד פונם פעלזיקן באַרג און שפּרינגט אויך אַראָפּ צום טויט.

אויף אַזאַ אומדערוואַרטעטן קלימאַקס האָבן מיר זיך גאָר נישט געקענט ריכטן. איר פילט ווי אויסצושרייען:

— שרייבער למד שפּיראָ, נישט אַזוי האָסטו געדאַרפט פאַרענדיקן די מעשה; דער קלימאַקס איז דאָך גאָר נישט יידישלעך! . .

אָבער ווען איר לייענט עס איבער נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, און איר טראַכט זיך אַריין טיפער אין אָט דעם משונהדיקן ענין, מוזט איר קומען צום אויספיר, אַז אַזוי האָט געמוזט געשען: גרשון דער שוחט האָט געמוזט שפּרינגען צום טויט. ער האָט קיין אַנדער אויסוועג נישט געזען פאַר זיך. ער איז דאָך א ייד, און ווי א ייד איז אים אָט די דאָזיקע נקמה געווען טריף, מוקצה מחמת מיאוס, מען טאָר פון איר קיין הנאה נישט האָבן, מען דאַרף פון איר אַנטלויפן וואָס גיכער, אפילו אין שאול תחתיה אַריין . . .

אַזוי קייטלט דער קינסטלער איין שוידערלעכע סצענע נאָך דער אַנדערער, א סצענע אין א סצענע, און אַלץ אַזוי אומדערוואַרט, אַזוי אומ־געריכט, אַז איר בלייבט ממש געפּלעפט, צעטומלט און פאַרווירט. דאָס איז למד שפּיראָס נוסח.

אַזוי אויך, אויף זיין אייגנאַרטיקן, קינסטלערישן אופן צווינגט ער אונדז, אַז מיר זאָלן האָבן צו מנחם דעם משומד סימפּאַטיע, מיטלייד, אָנשטאָט פאַראַכטונג. ווייל אויך דאָ, ווי עס ווייזט אונדז דער שרייבער, האָבן מיר נישט צו טאָן מיט סתם א מומר להכעיס, נאָר מיט א געשענדעטער, צעבראָ־כענער, פאַגראַמירטער נשמה, וואָס וויל אויף אַזאַ אופן נעמען, איינמאָל פאַר אַלעמאָל, נקמה פונם יידישן גאָט, דעם אל קנא ונוקם . . .

דאָס איז דער נייער נוסח וואָס למד שפּיראָ האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער פּאָגראָם־ליטעראַטור.

און איצט וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף זיינער א צווייטער, א דריטער פּאָגראָם־דערציילונג, וואָס האָט בשעתו אַרויסגערופן א שטורעם אין דער יידישער ליטעראַטור. דאָס איז דער "קוש":

"דער פּאָגראָם אין שטעטל האָט זיך אָנגעהויבן, ווי געוויינלעך, פּלוצלונג. ר' שכנא, דער שיינער ייד, דער אָנגעזעענער באַלעבאָס אין שטאָט, האָט אפילו קיין צייט נישט געהאַט צו שליסן זיין קראָם. ער איז באַלד אוועקגעלאָפן אַהיים. אין הויז האָט ער שוין קיינעם נישט געטראָפן. זיין

ווייב, שׂרה, מיט די קינדער, האָבן זיך, ווייזט אויס, ערגעץ־ווו באַהאַלטן, איבערלאָזנדיק דאָס הויז מיטן ביסל זילבער, מיטן געלט — אויף גאָטס באַראָט. ער אַליין האָט גאָרנישט נישט געקלערט פֿון באַהאַלטן זיך. ער האָט בכלל פֿון גאָרנישט נישט געקלערט. ער איז געבליבן זיצן אַ פֿאַרשטאַרטער. ער האָט זיך בלויז צוגעהערט צו די גוואַלדן פֿון גאַס און צו דער ביטערקייט, וואָס איז געווען ביי אים אויף דער צונג.

"מיטאַמאָל האָבן גענומען קנאַקן זיינע פֿענצטער. שטיינער זיינען שוין אַריינגעפֿאַלן צו אים אין עס־צימער. און אָט קריכן שוין דורך טיר און פֿענצטער גויים, יונגע שקצים מיט שטעקנס, מיט מעסערס, מיט שיכורע, רויטע פּנימער. ר' שכנא האָט דערשפּירט, אַז ער דאַרף עפּעס וואָס טאָן. ער האָט אָנגעהויבן קריכן פֿאַר די פּאָגראָמשטשיקעס אין די אויגן אונטערן דיוואַן.

"— וואָס דוראַק! — האָט איינער אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער און האָט אים אָנגעכאַפּט ביי אַ פֿוס.

"— עך, טי, ווסטאַוואַי!

"— קינדער, איך וועל אייך אַליין ווייזן ווו עס ליגט דאָס געלט, דאָס זילבער, — אַלצדינג, אַבי הרגעט מיך נישט. האָט רחמנות, איך האָב אַ ווייב מיט קינדער.

"דעם יידנס געבעט האָט נישט געהאָלפֿן. זיי האָבן אַלץ גענומען און אים געשלאָגן. געשלאָגן אין די ציין, אין די זייטן, אין בויך — מיט גרויס רציחה. ער האָט געוויינט און זיך געבעטן און זיי האָבן געשלאָגן.

"— וואַסילענקאָ, — האָט דער ייד ווייטער געבעטן רחמים, — דו קענסט דאָך מיך . . . דיין טאַטע האָט דאָך געאַרבעט ביי מיין הויז. זאָג, האָב איך דען נישט באַצאָלט? ער האָט דאָך ביי מיר גוט פֿאַרדינט . . . וואַסילענקאָ, וואַסילענקאָ! גוואַלד, ראַטעווע! . .

"וואַסילענקאָ, אַ קליינער, מאָגערער שייגעץ מיט אַ קרום פּנים און גרויע אייגעלעך, האָט מיט גדלות געשמייכלט. ס'איז קענטיק געווען אַז אים האָט איצט שטאַרק הנאה געטאָן וואָס ר' שכנא האָט זיך געווענדעט צו אים נאָך הילף. ענדלעך האָט ער אַ זאָג געטאָן:

"— רעביאַטאַ, גענוג! לאָזט די פּגירה לעבן! איר זעט דאָך שוין, סיי ווי קוים וואָס ער זשיפּעט . . .

"די באַנדע שקצים האָבן זיך ביסלעכווייז אָפּגעריסן פֿון זייער קרבן און גענומען שוין אַרויסגיין פֿון הויז, ברעכנדיק אויפֿן וועג די איבעריקע, נאָך גאַנץ געבליבענע כלים.

„— נו, שכנא, דאָס האָסטו מיר צו פאַרדאַנקען, וואָס דו ביסט געבליבן לעבן, — האָט וואַסילענקאָ געזאָגט און שוין געוואָלט אַרויסגיין. נאָר פּלוצלונג איז אים עפּעס איינגעפאַלן:

„— נאַ, — האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנט צו ר' שכנאַן, — טו אַ קוש!

„ר' שכנא האָט אויפגעהויבן זיינע מיט בלוט פאַרגאָסענע אויגן און געגעבן אויף אים אַ צעמישטן קוק. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס מען וויל פון אים.

„וואַסילענקאָ האָט זיך אָנגעגאָסן מיט רציחה:

„— אַך, דו זשידאָווסקער פּרצוף, וואָס דו ביסט! — האָט ער אַ קריץ געטאָן מיט די ציין און מיט דער גאַנצער האַנט דערלאַנגט ר' שכנאַן אַ זעץ אין געזיכט. — דו קווענקלסט זיך נאָך? העי, חברה, קומט נאָר אַהער!

„צוויי פון די שקצים וואָס זיינען געבליבן שטיין ביי דער טיר, זיינען צוגעקומען נעענטער.

„— אַנו, נעמט אים נאָר צו דער אַרבעט, אַז ער איז יאָ אַזאַ פאַרדריפּעטער פריץ, מוז ער מיר שוין אַ קוש טאָן אין פוס. אויב נישט . . .

„ער האָט זיך ברייטלעך אוועקגעזעצט אויף אַ שטול. די שקצים האָבן געכאַפּט ר' שכנאַן און אים אַ וואָרף געטאָן צו וואַסילענקאָס פיס.

„— צי אַראָפּ! — האָט וואַסילענקאָ באַפוילן, געבנדיק אים מיט די שטיוול אין די ציין.

„ר' שכנא האָט לאַנגזאַם אַראָפּגעצויגן דעם שטיוול פונם שייגעצס פוס.

„— קוש! . .

„איינס קענען דעם צווייטן זיינען געשטאַנען: אַ רויטער, שמוציקער פוס מיט אַ שווערן געדרוד פון שוויס, און אַ צעשלאָגענער פּנים מיט אַ לאַנגער, בכבודיקער, טונקעלער באָרד, וואָס אויף איר איז נאָך געלעגן דער גאַנצער הדרת־פּנים פון אַ דערוואַקסענעם יידן און אָנגעזעצנעם באַלעבאָס. פון אויבן אַראָפּ האָט געקוקט וואַסילענקאָס גרין, קרום פּנים מיט די גרויע רוצחישע אויגן.

„— קוש, זאָג איך דיר! . . — און נאָך אַ זעץ אין די ציין האָט באַגלייט זיין באַפעל.

„איין מאָמענט זיינען אַלע אין צימער געבליבן שטום און אומבאַוועגלעך. דערנאָך האָט ר' שכנא צוגעבויגן זיין קאָפּ און וואַסילענקאָ האָט אַרויסגעלאָזן אַ שאַרפן, שרעקלעכן קוויטש. אַלע פינגער פונם פוס און אַ היבשער טייל פונם טראָט זיינען פאַרשוווּנדן אין ר' שכנאָס מויל. און צוויי ציילן ציין האָבן זיך טיף איינגעגראָבן אין דעם שמוציקן, שווייסיקן פלייש.

"דאָס וואָס איז נאָכדעם פאָרגעקומען אין געווען ווילד און שווער. ווי אַ אומגעלומפּערטער בייזער חלום.

"די שקצים האָבן געשלאָגן ר' שכנאַן מיט די שטיוול אין די זייטן מיט אַזאַ קראַפט, אַז פון יעדן קלאַפּ האָט אָפּגעקלונגען הויך און פוסט, ווי פון אַ פאַס. זיי האָבן געפליקט זיין באָרד פּאַסמעסווייז, זיינען אים אריין מיט די פינגער אין די אויגן און האָבן זיי ארויסגעריסן. דער קערפּער האָט געציטערט, געפּיבערט, זיך געוואָרפן און געדרייט, און די צוויי ציילן ציין האָבן זיך צוזאַמענגעדריקט און זיינען געגאַנגען אַלץ טיפער און טיפער, און עפּעס אַזוינס האָט געקנאַקט דאָרטן אינעווייניק אין פּוס: די ציין, די ביינער. די גאַנצע צייט האָט וואַסילענקאָ געשריען, ווילד אָן דעה, ווי אַ געשאָכטענער חזיר.

"די ארויסגעריסענע אויגן ביי ר' שכנאַן האָבן זיך געבאַמבלט קעגן די פאַרבלוטיקטע לעכער. קיין פּנים איז ניט געווען צו זען. די באָרד האָט זיך צונויפגעשלאָגן מיט נאַסע, בלוטיקע קאָלטענעס. און די טויטע ציין מיטן שטיק פּוס צווישן זיי, זיינען געווען אויסגעשטשירעט, ווי ביי אַ געהרגעטן וואָלף.

"וואַסילענקאָ האָט זיך נאָך אַלץ געוואָרפן אויף דער ערד. זיין קערפּער האָט זיך אויסגעדרייט ווי אַ שלאַנג. און פון האַלז ביי אים האָבן זיך געריסן הייזעריקע, אויסגעצויגענע קולות; זיינע גרויע אויגעלעך זיינען געוואָרן גרויס, מאַט און גלעזערן. ער איז, קענטיק, אַראָפּ פון זינען.

"אין גאַס האָט געבושעוועט די בייזע פּאָגראָם־מהומה. און צווישן די פאַרשיידענע קולות האָט קיינער נישט געהערט די אונטערגעריסענע געשרייען פונם לעבעדיקן, וואָס האָט לאַנגזאַם געגוססט ביים טויטן אין די ציין".

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ר' שכנא, דער אײדעלער ייד, איז געשטאַנען פאַר זייער אַ שווערן נסיון: ער האָט מיט אַ קוש געקאָנט אויסקויפן דאָס גאַנצע לעבן זיינס ביים מערדער. אָבער דער אינסטינקט פון אַ יידן אַן אסטנים, האָט אים נישט דערלאָזט, אַז ער זאָל קושן דעם פּוס פון זיין שמוציקן, טמאדיקן שונא. ער האָט בעסער אויסגעקליבן טויט. ער איז געשטאָרבן שיין, ווירדיק און מענטשלעך. און דערביי מיטן קוש גענומען נקמה פונם מערדער. ער האָט אָבער באַצאָלט פאַר אָט דער נקמה זייער אַ שווערן פּרייז. ס'האָט זיך אָבער געלוינט. ער האָט מיט אָט דעם דאָזיקן קוש געראַטעוועט זיין צלם אלוקים. ער איז אומגעקומען מיט אַ מין "מיתת נשיקה" טויט. דאָס איז אַ קוש פון "דמים בדמים נגעו"; דאָס בלוט פון קרבן און מערדער, מערדער און קרבן האָט זיך צונויפגעגאָסן איינעם אַזוי, אַז מען האָט שוין מער נישט געוווּסט ווער ס'איז דאָ דער מערדער און ווער ס'איז דער קרבן . . .

און נאָך עפּעס דאַרף דאָ געזאָגט ווערן :

כידוע, איז לעבן און טויט צווישן מענטש און מענטש, צווישן יחיד און כלל, אָן אונטערשייד פון ייד און גוי, טראָגט שטענדיק אין זיך אײן בשותפותדיקן גורל. אָבער ווען דער שונא־מערדער קומט און וויל צעשטערן אַט דעם פאַרזיגלטן בשותפותדיקן גורל־לעבן, טאָ זאָל כאָטש דער טויט זיין א בשותפותדיקער פון "גורל אחד להם".

ר' שכנא און וואסילענקאָ, ביידע מענטשן־קינדער פון דער זעלבער אוקראַאינער מאַמע־ערד. ביידע האָבן דאָ געשאַפן איין בשותפותדיקן גורל־לעבן. אָבער דער שכן וואסילענקאָ איז געקומען צעשטערן אַט דאָס לעבן, מוז זיין טויט זיין א בשותפותדיקער. אנדערש האָט נישט געקאָנט זיין.

דאָס איז דער נייער מאָטיוו, דער נייער נוסח פון קידוש־השם איז דער נייער פּאָגראָם־ליטעראַטור. דאָס איז דער נייער רוף צום קאַמף פאַרן לעבן און צו שטאַרבן שיין, ווירדיק און מענטשלעך — פיזישע גבורה אַנשטאָט גייסטיקער גבורה.

און איצט, צום סוף, צו דער סאַמע שוידערלעכסטער דערציילונג — "דער צלם", וואָס איז צום ערשטן מאָל אָפּגעדרוקט געוואָרן אין 1909, אינם זשורנאַל "דאָס נייע לעבן", ניו־יאָרק, אונטער דער רעדאַקציע פון דר. חיים זשיטלאָווסקי ז"ל, און ווי נחמן מייזל דערציילט אינם אָקטאָבער נומער "יידישע קולטור", 1948, האָט דער מחבר למד שפּירא שטאַרק געצווייפלט צי די רעדאַקציע וועט עס גאָר וועלן דרוקן. דער רעדאַקטאָר, דר. חיים זשיטלאָווסקי, האָט טאַקע זיך ארומגעשלאָגן מיט דער דעה, צי ער זאָל דאָס אָפּדרוקן. און ערשט ווען זשיטלאָווסקי האָט איבערגעלייענט "דעם צלם" נאָכאמאָל און א דריטן מאָל, האָט ער באַשלאָסן : "זי האָט געמוזט געשריבן ווערן, און דאָס מוז פאַרעפנטלעכט ווערן".

דער העלד פון אַט דער שוידערלעכער דערציילונג "דער צלם", איז א יידישער רעוואָלוציאָנער, א סטודענט־מעדיקער. די האנדלונג קומט פאָר אין א גרויסער שטאָט, אין דרום־רוסלאַנד, אין 1905. דאָס גאַנצע לאַנד האָט געפיבערט מיטן אָטעם פון דער רעוואָלוציע. דער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט, אין דער פּראָווינץ־שטאָט, איז באַשטאַנען פון פיר מענער און איין מיידל, מינא, א טאָכטער פון א הויכן רוסישן באַאמטן. די קאָנספּיראַטיווע קוואַרטיר איז טאַקע געווען ביי איר אין הויז. מינא פאַרליבט זיך אין אים און ער אין איר. און אונטערן דרוק פון אירע שיינע אויגן, באַשליסט ער צו ווערן איינער פון די ראַקעטן, וואָס באַלייכטן דעם וועג פון דער רוסישער רעוואָ־לוציע — און באַצאָלן דעם פּרייז דער פאַר — זיך מקריב זיין פאַר איר.

אויף דער שטאָט האָט זיך שוין אויך אָנגערוקט דער וואָלקן פון א פּאָגראָם אויף יידן. דער אָרטיקער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט באַשליסט צו גרינדן א זעלבסטשוץ. עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. אין דער זעלבער נאַכט איז אויסגעבראָכן דער פּאָגראָם.

די פענצטער האָבן געפּלאַצט מיט א קלינגעריי. א באנדע פּאָגראָמ־שטשיקעס האָט זיך אריינגעריסן צום יידישן סטודענט אין הויז, ווו ער האָט געוווינט צוזאמען מיט זיין מוטער. די באנדע האָט אָנגעהויבן ברעכן און שטעכן. ער האָט גענומען ארויסווייזן ווידערשטאנד. די פּאָגראָמשטשיקעס האָבן אים בייגעקומען, אים שטארק צעממיתט, אים געבונדן און פאר זיינע אויגן געשענדעט זיין מוטער, אָפּגעשניטן אירע בריסטן.

און אָט וואָס דער העלד פונם צלם אליין דערציילט :

"נאָר קיינמאָל, קיינמאָל איז א מענטשלעכער קערפּער, דער פיינער קערפּער פון א מענטש און פרוי, אזוי נישט באשפּיגן און דערנידעריקט געוואָרן. דער קאָפּ האָט זיך מיר פארדרייט און איך האָב פארלאָרן מיינע געדאנקען. דערנאָך בין איך געקומען אויף א מינוט צו זיך. איך האָב דערהערט א געלעכטער ארום זיך. און דער קליינער גוי, מיט די וואסערדיקע, רויטע אייגעלעך האָט געזאָגט :

"— גענוג ! זאָל זי ביסלעכווייז אוועקפּגרן פאר אים אין די אויגן. און אים וועל איך איבערצלמען, כדי צו ראטעווען זיין זשידאָווסקע נשמה פון גיהנום.

"איך האָב דערפילט צוויי טיפע שניט אויף מיין שטערן, איינעם איבערן אנדערן, און האָב ווידער דערהערט א געלעכטער. א קליינער, ווארעמער שטראָם איז אראָפּגעלאָפן פון מיין שטערן איבער דער נאָז און איז אריינגע־דרונגען צו מיר אין מויל.

"איך האָב נאָכאמאָל פארלאָרן מיינע געדאנקען.

"נאכט. אבסאָלוטער חושך. אבסאָלוטע שטילקייט. מיטאמאָל בין איך געקומען צו זיך. דריי ווערטער האָבן מיר געשטאָכן ווי מיט א דינער, לאנגער נאָדל פון איין אויער צום אנדערן : מיין מאמעס לעצטער אויסגעשריי : — אוי, מיין זון !

"איך ליג אויף דר'ערד א צוגעבונדענער צום בעט. אויף מיין שטערן, פיל איך, ברענט א וואונד, ברענט שארף און מאכט פארגעסן אָן די אנדערע וואונדן. די שטאָט אין מיטן דער נאכט, שרייט פארדומפּן, מיט פּלוצלונגדיקע שארפערע אויסברוכן ווי פון א ווייטער שריפה. נישט ווייט פון מיר, אויפן בעט, צאפּלט זיך עפּעס אין דער פינצטער.

"— מאמע !

"שטיל.

"— מאמע !

"קיין ענטפער.

"איך פיל ווי א שווערער האמער הויבט זיך לאנגזאם און אָן אויפהער ארויף און אראָפּ, און פאלט יעדער מאָל אויף מיין קאָפּ, און — גאנצע וועלטן פאלן אין חורבות.

"עס טאָגט. דער קאָפּ איז פּוסט. מ'וואָלט באַדאַרפט אוועקגיין פון דאַנען. יאָ, אוועקגיין! אָבער, די שטריק? און אַט פאַלט מיין בליק אויפן אייזערנעם נאָגל אין וואַנט פון בעט צו וועלכן איך בין צוגעבונדן. איך האָב זיך לאַנגזאַם געדרייט און געוואָרפן ביז מיר האָט זיך איינגעגעבן צוצורוקן איינעם פון די שטריק צום נאָגל. שטונדן־לאַנג האָב איך געריבן מיטן שטריק איבערן שאַרפן אייזערנעם קעפּל. ביז ביי מיינע פיס זיינען געלעגן צעריסענע שטריק — ביי מיינע פיס זיינען געלעגן צעבראָכענע שאַרבנס פון געטער . . .

"איך האָב זיך אָנגעבויגן איבערן בעט. דאָרט, דאָרט האָט נאָך אַלץ געפיבערט עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט שוין גאָרנישט געהאַט קיין ענלעכקייט צו קיין מענטשן. מיין אָטעם האָט געגרייכט צו דער וווּנד און עפּעס האָט זיך געעפנט. איך האָב זיך גוט איינגעקוקט: דאָס איז געווען אַן אויג, איין אויג, — דאָס אַנדערע איז אויסגערונען.

"האָט עס מיך דערקענט? כ'ווייס נישט. איך האָב זיך אַרומגע־קוקט אין צימער. איך האָב אויפגעהויבן אַ פּוס פונם צעבראָכענעם טיש און מיט מיין גאַנצער קראַפט האָב איך אים אַראָפּגעלאָזן אויף דעם גליענדיקן אויג. דאָס פאַרבלוטיקטע "עפּעס" האָט געגעבן איין־און־איינציקן צוק און איז געבליבן ליגן ווי אַ שטיין. נישטאָ מער דאָס גליענדיקע אויג . . .

"אַ קורצער שלוכץ מיט אַ פאַרשטיקטן בריל האָבן דערגרייכט צו מיין אויער, אָבער דאָס איז געווען אָן מיין ווילן.

"איך בין אַרויס אין גאַס. די זון וואָס האָט געשפּינט איר גאָלד ווי מיט טויזנט יאָר צוריק, האָט שוין געהאַלטן ביים אונטערגיין. איך בין שוין אויך אַלט געווען טויזנט יאָר".

און דער מענטש מיטן צלם האָט ווייטער פאָרגעזעצט צו דערציילן:

"די שטאָט האָט איבערגעלעבט אַ מין קדחת, שריפות, רציחות, בלוטיקע געשלעגן און אַ שיסעריי אין די גאַסן. עס האָט זיך, קענטיק, דאָך אָרגאַניזירט אַ זעלבסטשוץ שוין אונטערן פייער פונם פּאָגראָם.

"און אַט איז אַ סצענע וואָס איז פאַרבליבן איינגעקריצט אין מיין זכרון:

"אַן אַלטער ייד לויפט איבערן גאַס און נאָך אים אַ יונגער שייגעץ פון אַ יאָר 16, מיט אַ האַק אין האַנט. דער שייגעץ דעריאָגט דעם אַלטן און מיט איין קלאַפּ שפּאַלט ער אים דעם קאָפּ. און אַז דער אַלטער פאַלט, דריקט דער שייגעץ צו מיט זיין שטיוול דעם געעפנטן קאָפּ.

"אין דער רגע לויפט אָן אַ יידישער יונגערמאַן מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט. אַ בלאַסער יונגערמאַן, אַ מאָגער געזיכט, מיט ברילן.

"זיי לויפן און איך — נאָך זיי. דער יונגערמאַן שיסט אויס און טרעפט נישט. איך האָב זיך אָן עפּעס פאַרטשעפּעט און בין געפאַלן. דער

שייגעץ איז אריינגעלאָפן אין א הויף, אין א ווינקל, מיטן רוקן אָנגעשפּאַרט אן פּלויט. זיין כמעט קינדערש געזיכט איז גרין געוואָרן, די גרויע אויגן זיינען געוועזן גרויס און קיילעכדיק, און די ציין האָבן געקלאַפּט שנעל און דראַבנע.

"דער יונגערמאַן איז געשטאַנען הארט לעבן אים מיטן רעוואָלווער אין דער אויפגעהויבענער האנט, אָבער זיין פּנים איז געווען נאָך בלאַסער ווי פריער. ער האָט געקוקט אויפן ווילדן שרעק פון יונגן בלוט און פליש, געקוקט א ווײַלע דערנאָך האָט ער צוגעשטעלט דעם רעוואָלווער צו זיין אייגענעם קאָפּ און האָט אויסגעשאָסן.

"ביי מיר האָט זיך ארויסגעריסן א הויך געלעכטער. מיין פּוס האָט זיך אליין אויפגעהויבן און א בריק געטאָן דעם פאַרבלוטיקטן פּגר, וואָס האָט זיך צוזאַמענגעדרייט אויף דער ערד, ווי א צעטראָטענער וואָרעם".

דאָ זעט איר נאָך אַלץ דעם אַלטן, אינערלעכן געראַנגל צווישן דער אַזוי־גערופענער גייסטיקער גבורה און פיזישער גבורה — די טראַדיציאָנעלע גייסטיקע גבורה ביים יידן צו א מענטשלעכן לעבן האָט דאָ ווידער גובר געווען איבער דער ריינער, אומשולדיקער נקמה פון א בלוט־מאַנער.

און הערט ווייטער, וואָס אַט דער דאָזיקער צלם־מענטש האָט אָפּגעטאָן אין די דאָזיקע טעג :

"אין איין אָוונט בין איך געשטאַנען לעבן א טיר. איך האָב אָנגעקלאַפּט מיט א געוויסן אָפּרייד־צייכן. פון וואַנען צו מיר איז נאָך געקומען אַט דער צייכן, בעת איך בין שוין אַלט געווען טויזנט יאָר, ווייס איך נישט.

"די טיר האָט זיך אויפגעעפנט. איך האָב דערזען מינאַן. א בליץ האָט זיך אָנגעצונדן ביי מיר אין מוח. אויף א רגע האָט מיך אָנגענומען אן אימה. איך האָב פאַרשטאַנען, ווו איך בין און וואָס איך וועל טאָן . . .

"זי האָט מיך נישט גלייך דערקענט. דערנאָך האָט זי זיך א טרייסל געטאָן. זי האָט געקוקט, געקוקט אויף מיין קאָפּ און אויף מיין שטערן, ווו דער צלם האָט געברענט, און האָט געשוויגן. דערנאָך האָט זי געזאָגט מיט א פאַרדומפּענעם קול :

"— דערציילט !

"איך האָב איר דערציילט. כ'האָב דערציילט גערן, רויק, געלאַסן, — אַלץ — די יסורים פון מיין מוטער, מיט אַלע שענדלעכע איינצלהייטן. אויף איר געזיכט האָבן זיך געביטן די קאָלירן : רויט, ווייס, גרין און געל. זי האָט איינגעגראָבן איר געזיכט איןביידע הענט, דערנאָך האָט זי אָפּגעדעקט איר פּנים, וואָס איז געווען פאַרוויינט — אמתע טרערן, אויף מייַן נאמנות : נאַסע, ווייכע, און קאָן שווערן אַז אזעלכע וואַרעמע ! זי האָט זיך אראָפּגעלאָזן פאַר מיר אויף די קני און גענומען מיין האנט. מיין שמייכעלע איז געוואָרן

ברייטער. דאָס מאָל האָט זי אויפגעכאַפּט מיין שמייכעלע. זי האָט זיך שנעל אויפגעהויבן פון דער ערד און אָנגעהויבן ארומגיין הין און צוריק איבערן צימער, וואַרפנדיק אויף מיר אומרויִקע בליקן. איך בין מיר געזעסן און האָב געשמייכלט, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, זייער אַנגענעם.

"ענדלעך האָט זי ביי זיך געפועלט אָנצוווענדן עפּעס א מיטל, וואָס זי האָט קענטיק גערעכנט פאר זייער שאַרף. זי האָט זיך צוריק אוועקגע עצט אויפן שטול קעגנאיבער מיר און האָט שטיל געפרעגט:

"— און אייער באַשלוס?

"מיין באַשלוס? וועלכער באַשלוס? . . וואַרט א ווײַלע . . . יאָ, מיט יאָרן און יאָרן צוריק האָב איך אָנגענומען עפּעס א באַשלוס, זייער א וויכטיקן באַשלוס, אָבער וועגן וואָס? . . און פּלוצים האָב איך זיך דערמאָנט: א באַשלוס צו ווערן א ראַקעטע צו באַלייכטן דעם וועג פון דער רעוואָלוציע — ברענגען זיך א קרבן פאר דער באַפרייונג פון דעם רוסישן פּויערטום, פונם רוסישן פּראָלעטאַריאַט און פאר דער גאַנצער מענטשהייט, א יאָ? . .

"איך האָב זיך פאַנאַנדערגעלאַכט איר אין פּנים אריין. באַלד דערנאָך בין איך געוואָרן ערנסט און האָב איר א קוק געטאָן אין די אויגן. זי איז געוואָרן ווייס, ווי לייוונט, און איז אויפגעשפּרונגען פון שטול. איך בין אויך אויפגעשטאַנען פון מיין אָרט לאַנגזאַם און רויִק.

"איך האָב זי פאַרגוואַלדיקט.

"זי האָט זיך געוועהרט, ווי מיין מוטער. אָבער וואָס האָבן געהאָלפן אירע קרעפטן קעגן דעם מאַן מיטן צלם אויפן שטערן? אויף איר פּנים איז אָנגעגאַנגען א מוראַדיק שפּיל פון פלאַמענדיקער רויטקייט און בלייכקייט פון א מת. געשריען האָט זי נישט; זי האָט צעביסן איר אונטערשטע ליפּ, זי האָט צעקייט און געשלונגען דאָס בלוט.

"דערנאָך, דערנאָך האָב איך אריינגעגראָבן מיינע פינגער, לאַנגע, ביינערדיקע פינגער, אין איר ווייסן האַלדז. איך האָב זי דערשטיקט.

"דער שפּיגל איז צימער האָט מיר געוויזן, אַז איך בין גרוי. איך האָב ענדלעך דערזען אָט דעם צלם, וואָס איך האָב ביז איצט בלויז געפילט. די וווּנד האָט שוין מער נישט וויי געטאָן, זי האָט בלויז אַביסל געביסן . . .

"תּחילת האָב איך געוואָלט נעמען א מעסער, אָפּשניידן א פּאַס פון שטערן און — אָפּמעקן דעם צלם. דערנאָך האָב איך זיך באַקלערט — זאָל ער בלייבן. "לטוטפות בין עיניך" שטייט געשריבן, הא? אַזעלכע "טוטפות" האָט עס אונדזער אַלטער, ליבער גאָט געמיינט? . . ."

— —

אוודאי ווילט זיך אויסשרייען:

פאַרוואָס? פאַרוואָס האָט איר געקומט, אַז ער זאָל זי נאָך דערשטיקן?

איז דער תּירוץ אַזאַ:

דאָס האָט דאָך עס נישט געטאָן דער שטילער, אידעאַליסטישער רעוואָלוציאָנער, דער ייד, מיט דער ריינער, כשרער נשמה, וואָס איז גרייט געווען צו יעדער מינוט זיך ברענגען פאַר א קרבן אויפן מזבח פון דער רעוואָלוציע.

דאָס האָט איצט גאָר געטאָן אן אנדערער: דער מענטש מיטן קין־צלם־צייכן אויפן שטערן. און ווי א "צלם־טרעגער" מוז ער הרגענען, שטעכן, ווארגן, שטיקן, ממיתן, שענדן. מיט דעם מאָמענט וואָס דער צלם האָט באַדעקט זיין שטערן, איז ער מיטאמאָל פארוואַנדלט געוואָרן אין א רויער, סטיכישער קראַפט, וואָס האָט אים געטריבן און געיאָגט צו נעמען נקמה, ווערן ווי איינער פונם צלם־פאָלק . . .

אָבער נישט אזוי גרינג איז עס אים אָנגעקומען. ער האָט אפריער געמוזט דורכגיין א שווערן, ביטערן געראַנגל: זיין טיף איינגעבאָרענער, אומזעבארער צלם אלוקים האָט געוואָלט אָפּווישן, אָפּשניידן פון אים דעם זעבארן אויסגעברענטן צלם פון זיין שטערן. ענדלעך אָבער האָט דער טיף־איינגעשניטענער, טריפהנער צלם גובר געווען איבערן הייליקן צלם אלוקים. ער האָט, ווי מיט א האַק, איבערגעהאקט מיטאמאָל דעם גאַנצן קשר־קנוף, וואָס האָט אים ביז איצט געהאט פארבונדן מיט דורות יידישקייט, מיט טראַדיציאָנעלער, גייסטיקער קדושה, עטיק, רחמנות, מענטשלעכקייט — אוים מיט דעם אלעמען!

ער איז שוין גאָר אן אנדערער! אויפן אָרט פון דעם "לטוטפות בין עיניך" האָט איצט פארנומען דער טריפהנער, בלוט־דורשטיקער, גוישער צלם! ער איז איצט בבחינת גולם, וואָס האָט אויפגעהויבן זיין האַק קעגן זיין אייגענעם באשעפער . . .

איצט, איצט מיטן אויסגעברענטן צלם אויפן שטערן, איז געקומען די ממשלה פון דער רויער, פיזישער קראַפט. דעריבער א טויט דער גייסטיקער גבורה! . . א סוף צו דורותדיקער קדושה! . . אוים! אוים! קיין שפור פון דעם אלעמען! איצט איז געקומען די צייט פון נקמה! נקמה פאַר אלע בזיונות, פאר אלע מיתה־משונה טויטן! און וואָס מער בלוטדורשטיקייט! ווי עס פּאַסט פאַר איינעם וואָס, אין דעם זכות פון דעם אויסגעברענטן צלם אויפן שטערן, איז געוואָרן מיטאמאָל א גלייכבאַ־רעכטיקטער בירגער אין דער גרויסער צלם־וועלט! . .

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אָבער נאָך די אלע נקמה־אקטן, וואָס דער מענטש מיטן קין־צלם־צייכן האָט אָפּגעטאָן, האָט ער נאָך אלץ נישט געקענט געפינען קיין רו. גאָטס קללה האָט אים פארפאָלגט אומעטום. פונם פּאָגראָמען־לאַנד איז ער געלאָפן קיין אמעריקע. און אויך דאָ יאָגט עס אים ווי א שטורעם איבער די ווייטע, ברייטע אמעריקאנער פּרעירים. ווו ער טאָגט, דאָרט נעכטיקט

ער נישט. א נע־ונדניק מיט א קין־צלם־צייכן. ער ווארט, ער האָפט, אז ביסלעכווייז וועלן די פּרעירי־ווינטן און די זאמד־שטויבן אָפּמעקן פון זיין שטערן אָט־דעם שענדלעכן, מיאוסן צלם־צייכן און ער וועט קאָנען ווייטער אָנפאנגען א ניי לעבן.

און דער שרייבער, למד שפּיראָ, פאַרענדיקט די מעשה־נורא "דער צלם", אויף זיין אייגנאַרטיקן אופן, וואָס איז אַזוי אומדערוואַרט, ווי זיין שטייגער איז:

"איך האָב א קוק געטאָן אין זיין זייט, אָבער ער האָט מער גאָרנישט געזאָגט. איך האָב געטראַכט: עס וועט אויפשטיין א דור פון אייזערנע מענטשן און זיי וועלן אויפבויען דאָס וואָס מיר האָבן דערלאָזן חרוב צו ווערן".

יאָ, למד שפּיראָס נבואה איז מקוים געוואָרן: פון זיין אמאָליקער "יידישער מלוכה" — די מלוכה פון יידישער עלנטקייט, פּחדנותקייט, הילפלאָזיקייט, איז אויפגעשטאַנען אין אונדזערע היינטיקע טעג א נייער דור, א דור פון אייזערנע מענטשן; פון אונטער די חורבות פון דער יידישער "מלכות הפקר" איז אויפגעשטאַנען אַן אייזערנער דור, וואָס האָט אָנגעצונדן דעם אויפשטאַנד פון דער וואַרשעווער געטאָ; דער נייער, אייזערנער דור האָט אויך געוואָגט פאַרמעסטן זיך קעגן דער פּרעמדער, הערשנדער אימפּעריע; דער נייער אייזערנער דור האָט געקענט זיך שטעלן פּנים־אל־פּנים קעגן דער אינוואַזיע פון ווילדע האָרדעס פון מדבר; דער נייער אייזערנער דור האָט, נאָך קאָרגע צוויי טויזנט יאָר גלות און נויט, געשאַפן מדינת ישראל; און דער נייער אייזערנער דור וועט זי אויפבויען און זי באשיצן.

יאָ, למד שפּיראָס נבואה איז מקוים געוואָרן. זיין "יידישע מלוכה" איז שוין נישט מער ווי נאָר "א מלוכה פון גאונים", וואָס קענען נאָר שטאַרבן על קידוש השם, נאָר א מלוכה, וווּ גייסטיקע גבורה גייט האַנט אין האַנט מיט פיזישער גבורה.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און ביים פרישן קבר פונם נישט־לאַנג פאַרשטאָרבענעם שרייבער און קינסטלער למד שפּיראָ, דאַרף אויך אָט־דער דאָזיקער פאַקט דערמאָנט ווערן לשבחו, פאַר זיין כבוד וועגן:

ער, וואָס האָט געוועקט און גערופן צום קאַמף, צום "תמות נפשי עם פלישתים" — פון נעמען נקמה פונם מערדער, האָט א גאַנץ לע..ן שטיל געוווייטיקט וואָס זיינע עטלעכע פּאָגראָם־דערציילונגען, וואָס האָבן דערציילט דער וועלט פון יידישן אומגליק און בראָד, האָבן אים קונה־שם געמאַכט אין דער יידישער, ליטעראַרישער וועלט. אים האָט שטאַרק געפּיניקט וואָס דורכן פאַרגאָסענעם אומשולדיקן יידישן בלוט, וואָס ער האָט צונויפגעזאַמלט אין

גרויסן ערדענעם קרוג פון זיינע דערציילונגען, איז ער, מ׳שטיינס געזאָגט, עולה לגדולה געוואָרן. דאָס האָט אים שטאַרק־שטאַרק געקרענקט ביזן קבר. ער האָט אַליין אַרויסגעגעבן אויף זיך אַ פּסק־דין: ער האָט זיך דן געווען מיט שטום ווערן. און פּונקט ווי זיין העלד מיטן אויסגעבערענטן צלם אויפן שטערן, האָט דערשטיקט מיט זיינע לאַנגע פינגער דעם ווייסן האַלדז פון זיין געליבטער, אַזוי האָט דער דאָזיקער אומגליקלעכער קינסטלער מיט זיינע אייגענע הענט דערשטיקט זיין מוזע, זיין שרייבערישן טאַלאַנט, און מער נישט געוואָלט און נישט געקענט שרייבן.

אָבער דאָס וואָס ער האָט שוין נישט געקענט דערשרייבן, איז אויפגעשטאַנען אַ דור, זיין דור פון אייזערנע מענטשן, וואָס האָט דערשריבן אין בלעטער פון קאַמף, פון אויפבוי, דאָס וואָס מיר האָבן פריער דערלאָזן חרוב צו ווערן.

זאָל דאָס פאַררעכנט ווערן ווי אַ קדיש אויפן פרישן קבר פון אַן עלנטן, איינזאַמען, אומגליקלעכן שרייבער — למד שפּירא ז״ל.

אַפּריל, 1949.

ז. סעגאלאָוויטש

א פינצטערע אבלות האָט זיך לעצטנס צעלייגט און צעשפּרייט אין אונדזערע קולטור־געצעלטן. דער טויט האָט זיך אריינגעכאַפּט אין אונדזער ליטעראַרישער משפּחה און לאָזט נישט אָפּ. צו לצו — איין פינצטערע בשורה יאָגט נאָך דער אַנדערער. מיר זיינען נאָך נישט געהאַט געקומען צו זיך פון פּרץ הירשביינס טויט, פון למד שפּיראָס טויט, און שוין א צווייטע לוויה; מיר האָבן נאָך נישט באַוויזן אויפצושטיין פון שבעה נאָך מנחם באריישאַן, און שוין געדאַרפט לויפן צו דער לוויה פון ז. סעגאַלאָוויטשן. כאַפּט ארום א שוידער, א גרויל ! דער שרייבער, דער דיכטער איז דאָך דאָס האַרץ פון פאָלק ! און ווי און ווינד איז דעם פאָלק ווען דאָס האַרץ זיינס הערט אויף צו קלאַפּן און צו צאַפּלען זיך ! אָבער,

"אל תבכו למת,
"בכו בכו להלך,
"כי לא ישוב עוד.

"איר זאָלט נישט וויינען אויפן טויטן,
"וויינען ווײנט אויף דעם וואָס גייט אוועק,
"וואָרים ער וועט זיך שוין מער נישט אומקערן.

ווייל כך דרכו של אדם, אזוי איז שוין דער גורל פון יעדער בן־אָדם, וואָס מוז, פריער צי שפּעטער, גיין בדרך כל העולם. וויינען דאַרפן מיר וואָס אונדזערע שרייבער, אונדזערע דיכטער, וואָס האָבן מיט זייער קינסט־לערישן, נביאיש־פלאַמיקן וואָרט געשטאַלטיקט און געפורעמט אונדזער גייס־טיק לעבן, גייען איצט אוועק פון אונדז, איינער נאָכן אַנדערן, און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל פאַרנעמען זייער אָרט; נישטאָ ווער עס זאָל אָנציען, אָנשטעלן נייע סטרונעס אויף זייערע פאַרשטומטע פידלען. ווערט טרויע־ריק און פינצטער אויף דער נשמה.

* * * * *

אין אלע צייטן, אין אלע דורות, האָבן מיר פאַרמאָגט למד־וואָווניקעס, זעקס־און־דרייסיק שטילע, פאַרבאָרגענע צדיקים אין וועמעס זכות מיר האָבן תמיד געלעבט. ווו א צרה, ווו אן אומגליק, ביים יחיד ווי ביים כלל, זיינען

זיי באַלד געקומען צו לויפן און אונדז געבראַכט הילף, טרייסט, אמונה און בטחון.

אין אונדזער הײַנטיקער צײַט, אין אונדזער הײַנטיקן דור, זיינען די הייליקע למד־וואָוניקעס געווען אונדזערע אמתע, גאָט־געבענטשטע שרייבער און דיכטער. זיי זיינען דאָך געווען אונדזערע גייסטיקע מנהיגים, אונדזערע וואָרט־זאָגער, אונדזערע שתדלנים, אונדזערע שליחי־ציבור. מיט זייער פלאַמיקן, קינסטלערישן וואָרט, האָבן זיי אונדז אָנגעגורט מיט מוט, מיט ווילן און מיט עקשנות צו לעבן, אויף צו להכעיס אַלע אונדזערע שונאים, וו עס זאָל נישט זיין.

און געלעבט האָבן אונדזערע הײַנטיקע למד־וואָוניקעס, די גייסטיקע האַלץ־העקער און וואַסער־טרעגער ביים יידישן פאָלק, ווייט נישט אַנדערש ווי עס האָבן געלעבט די אַמאָליקע לעגענדאַרישע למד־וואָוניקעס. זיי האָבן געפירט אַ שטיל, באַשיידן לעבן, על פּי רוב אין נויט און אין דחקות, אָבער אָן טענות, אָן תרעומות, קיינמאָל נישט געזוכט קיין מאַטעריעלן שכר ביים פאָלק. פאַרקערט, אַלץ וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, זייער הארץ, זייער נשמה, זייער גרויסע אהבת ישראל, האָבן זיי עס אַוועקגעשענקט דעם עם ישראל.

און הײַנט צו טאָג, ווען עס גייען אַוועק פון אונדז אונדזערע הײַנטיקע למד־וואָוניקעס, טאָ ווער וועט אויף אונדז מגין זיין ? אין וועמעס זכות וועלן מיר ווייטער קאָנען לעבן און ווי וועט אויסזען אונדזער ווייטערדיקער קיום, ווען אונדזערע ארזי־הלבנון, אונדזערע גייסטיקע צעדער־ביימער, פאַלן איינער נאָכן אַנדערן אונטער דער האַק פונם מאַלך־המות ?

און עס הויבט אָן נאָגן דער צווייפל און רופט צו חשבון־הנפש : אויב "לא נביא ולא חזיון בנו", אויב נביא און נבואה ווערט אָפּגעטאָן פון אונדז, טאָ מי יקום יעקב ? טאָ ווי וועלן מיר קאָנען ביישטיין ? אין דעם אַרומיקן, גייסטיקן תוהו ובוהו, ווער וועט ווייטער אַרויסכישופן, אַרויס־לייכטן דעם "ויהי אור" ?

* * * * *

נישטאָ מער דער שרייבער, דער פאָלקסטימלעכער דערציילער, דער שיינער, צאַרטער דיכטער סעגאַלאָוויטש, וואָס איז לעצטנס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם נביא־מקונן און האָט אַזוי האַרצרייסנדיק באַקלאָגט און באַוויינט דעם בראָך פון זיין באַליבט פאָלק, דאָס פּוילישע יידנטום, איז אַ נייער "מגילת איכה" מיטן נאָמען : "נישטאָ" ! נישטאָ מער די זעקס מיליאָן לעבעדיקע יידן איז שוין נישטאָ זייער דיכטער, זייער קדיש־זאָגער !

דער פּלוצלונגדיקער טויט פון ז. סעגאַלאָוויטש האָט אונדז אַלעמען מער דערשלאָגן און מער צעבראָכן ווי דער טויט פון אונדזערע אויבנדער־מאָנטע שרייבער, וואָס האָבן יאָרן־לאַנג געלעבט צווישן אונדז, אויף דעם

קאָנטינענט, מיט וועלכע מיר האָבן נישט איינמאָל געהאַט די זכיה צו זיצן אין זייער מסיבה. דאָס איז דערפאַר ווייל דער נאָמען סעגאַלאָוויטש האָט אונדז כסדר געהאַלטן אין איין דערמאָנען, ווי אַ לעבעדיקע מצבה, אויפן אומגעקומענעם פּוילישן יידנטום, פון וועלכן ער איז געווען ביין פון זיין ביין און פלייש פון זיין פלייש. און איצט, מיט זיין נישט ווערן, האָט ער ווידער אויפגעריסט אין אונדז די שמערצלעכע ווונד, אַז עס איז נישטאָ מער דאָס פּוילישע יידנטום און עס איז נישטאָ שוין מער זיין באַקלאָגער און זיין באַווײַנער; נישטאָ מער דער גרויסער ציבור און נישטאָ מער זיין שליח־ציבור.

די יידישע שרייבער־משפּחה אין פּוילן, וואַרשע, איז געווען אַ גרויסע, אַ פאַרצווייגטע. עס איז איר שוין שטאַרק ענג געוואָרן צווישן די ווענט פון דער ליטעראַטן־היים, די באַרימטע געוואָרענע טלאָמאַצקי 13. אָבער פון אַלעמען און איבער אַלעמען האָט זיך שטאַרק אָנגעזען די הויכע, פיגור פון ז. סעגאַלאָוויטשן. איטלעכער האָט אַרויפגעקוקט צו אים מיט אַ באַזונדערן דרך־ארץ. ער האָט דאָך מיט אַזויפיל שיינקייט, מיט אַזויפיל פּרעציזקייט באַשריבן דאָס לעבן פון די יידן אין פּוילן, זייער שטענדיקן גראַנגל קעגן אַלערליי פינצטערע גזירות און זייער שטענדיקן דראַנג פאַרן לעבן, אויף צעפּוקעניש דעם נייעם אויפגעקומענעם הערשער, דעם פּוילישן שליאַכטשיץ.

די יידישע יוגנט האָט מיט גרוים הנאה געלייענט זיינע דערציילונגען, זיינע ראָמאַנען און מיט גרוים התלהבות געזונגען זיינע לידער. מיט זיינע קינסטלערישע דערציילונגען און מיט זיינע שטילע, צאַרטע לידער, געשריבן אַזוי פּשוט, אַזוי פאָלקסטימלעך, אָפּט סענטימענטאַל, האָט ער געלערנט דער יידישער יוגנט ליב צו האָבן דאָס שיינע, געראָדעטע יידישע וואָרט; זיי געלערנט ווי צו לעבן און ווי צו ליבן דאָס לעבן, אַפילו ווען דער דלות לויערט ביי זייער שוועל.

דערפאַר איז ער געוואָרן דער ליבלינג ביי דער יוגנט, ווי ס'איז פריער געווען דער ארי שבחבורה, יצחק־לייבוש פּרץ ז"ל. אין יעדער שטאָט און שטעטל, ווו נאָר דער דיכטער איז געקומען, האָט אים די יוגנט ממש אויף די הענט געטראָגן. זיין יעדער ניי ליד, יעדער קאַפּיטל פון זיין נייעם ליטערארישן ראָמאַן, וואָס האָט זיך געהאַט געדרוקט אין פאַרזעצונגען, אין דער יידישער פּרעסע, איז פאַר זיי געווען אַ געשעעניש, אויף וואָס מען האָט זיך קוים דערוואַרט. אומעטום, אויף דער פּראָווינץ, ביי יעדער ליטעראַרישער אַקאַדעמיע, האָט מען גערעדט, געפירט הייסע וויכוחים איבער זיינע העלדן, כאַראַקטערן, וואָס מען האָט געהאַט באַטראַכט פאַר אייגענע, גאָר־גאָר נאָענטע. אַפילו חסידישע יונגעלייט האָבן, בצנעא, איז באַהעלטעניש, אים געלייענט.

סעגאַלאָוויטש האָט געוווסט, אַז דאָס יונגע יידישע פאָלק אין פּוילן האָט אים ליב, ווי אַז אייגענעם ברודער. ער האָט דערפאַר געטראָגן די תגא פון שרייבער און דיכטער מיט שטאָלץ, מיט ווירדע. ער איז

געווען גליקלעך מיט זיין בארוף, מיט זיין מיסיע, מיט זיין הייליקער שליחות צו דינען דאָס פאָלק. ער איז געווען אזוי שעפעריש אין זיין שרייבן, ווייל ער האָט געוווסט, אז הינטער אים שטייט א גרויסער עולם יוגנטלעכע וואָס לייענט אים. ער האָט זיך דעריבער געפילט ווי א שטארקער, איינגעוואָרצלטער בוים אין דעם וואלד פונם פוילישן יידנטום.

און געליבט האָט ער זיין פאָלק מיט אלע זיינע רמ"ח אברים. אלעמען, אָן אונטערשייד, האָט ער געשאָנקען זיין ליבשאַפט: די מחנות יידן אין די לאנגע קאַפּאָטעס, די רבנים, די חסידישע רביים-דינאסטיעס, די ר' שלמה נגידים און די קבצנים, די קרעטשמערס און די באלעגאָלעס, די טרעגערס און די באלמעלאָכעס, די פרומע און די נישט-פרומע. ביי אלעמען האָט ער דאָרט געהאַט זיין היים. "געפאַרשט דאָרטן זייער זאָרגן, דעם ערנסט פון זייערע אויגן און אפשר אויך דעם פּחד פאַרן "מאָרגן" און מיט וואָרט און ליד זיינס באוווּנדערט וואָס אין זייער שוואכקייט זיינען זיי גיבורים . . .

און פונקט ווי ער האָט אזוי ליב געהאַט זיין פאָלק אין פוילן, אזוי אויך האָט ער אפשר נישט ווייניקער ליב געהאַט דאָס לאַנד פּה—ליז, ווו עס איז אריינגעוועבט געוואָרן טויזנט יאָר יידישע געשיכטע, מיט אזויפיל שיינע, הערלעכע לעגענדעס, אז ווען מיר לייענען זיי נאָך היינט, ווערן מיר פאַרכאַפּט פונם קינסטלערישן כוח פון דער פאָלקס-פאַנטאַזיע. ווייל ווו נאָך האָט זיך אָנגעהויבן ביי אונדז, אין אונדזער לאַנגן גלות-מארשרוט, א נייער יידישער ישוב מיט א פתקא — מיט א געטלעכן שריפט פון הימל צו די נדחי-ישראל, אז פּה—ליז ? ! דאָ נעכטיק ! דאָ מאָד דיין הארבעריק ! פון דעמאָלט אָן, דערציילט די לעגענדע, איז דאָך דאָס נייע, פרעמדע לאַנד געקרוינט געוואָרן מיט א לשון-קודשדיקן נאָמען פּה—ליז, וואָס איז מיט דער צייט געוואָרן אזוי ליב און טייער, שיר נישט ווי די עיר הקדושה ירושלים.

און אזוי ציט זיך א לאַנגער גאָלדענער פאָדעם, אויסגעשפּונען פון מעשות און לעגענדעס וועגן גרויסע, הערלעכע העלדנטאַטן פון א בערעק יאָסעלאָוויטש, פון א מאיר יוזעפאָוויטש, ווער קאָן זיי אלע אויסרעכענען און אויסדערציילן ? טויזנט יאָר יידישע געשיכטע האָט זיך געקייטלט מיט פוילישער געשיכטע. באַנאַנד מיטן פוילישן סיים — א יידישער סיים, דער ועד ארבע ארצות.

יעדער יידישע קהלה — א מגילה יידיש לעבן; יעדער שטאָט מיט איר אייגנאַרטיקן פּנקס; יעדער שטאָט און שטעטל מיט איר אייגענעם יחוס און שטאַנד; יעדער דור מיט זיינע פירערס; יעדער פירער מיט זיין שלשלת היוחסין — א קייט פון רבנים, גאונים-אחרונים, וואָס האָבן געהאָלפן פורעמען און געשטאַלטן נישט נאָר דאָס יידישע לעבן אין פוילן, נאָר דאָס לעבן פונם פאָלק בכל תפוצות ישראל, ווי אמאָל יבנה, גליל און בבל.

און דורות גייען און דורות קומען, און עס קומען צו נייע בלעטער,

נייע קאפיטלען אין דער טויזנט־יאָריקער יידישער געשיכטע פון פוילן. דער חסידיזם פון פּאָדאָליע און וואָלין פאַרשפּרייט זיך מיט אימפּעט אין פוילן און אין דער שכנישער ליטע; עס צעפלאַקערט זיך א קאמף צווישן חסידים און מתנגדים; עס קומט אויף א דור פון משכילים, א קאמף צווישן "האבות והבנים"; א קאמף צווישן סאָציאַליסטן און נאַציאָנאַליסטן, צווישן בונדאָור־צעס און פּועלי־ציוניסטן, אַרבעטער פאַראיינען; א קאמף אויף טויט און אויף לעבן קעגן דעם בלוטיקן צאַריזם, סטרייקן, מאַי דעמאָנסטראַציעס. הונדערטער יידישע זין און טעכטער ברענגען זיך אום פרייוויליק אויפן מזבח פון דער רעוואָלוציע . . . און אָט צעבליט זיך א נייע יידישע ליטעראַטור — א גאַנצע פּלעיאַדע פון יידישע שרייבער און דיכטער, וואָס מונטערן און וועקן דאָס פאָלק צו א נייעם, ליכטיקן מאָרגן . . . און איידער דער אויסגעחלומטער, ליכטיקער מאָרגן איז געקומען צו דער יידישער אָרעמקייט, און שוין ווידער נייע קאמפן קעגן דער מיט האס פאַרסמטער פוילישער אינטעליגענץ, פּוילישע סטודענטן, קאמף קעגן באָיקאָט, קעגן אַלערליי גזירות און שיקאַנעס און קעגן אַלערליי פינצטערע כוליגאַנעס. און אין סאַמע דערינען חלוצים, עולים, וואָס גייען אויף סיין ארץ־ישראל צו בויען פאַר זיך און פאָלק א היימלאַנד. דאָס איז געווען א גרויס לעבן, יעדער ריכטונג, יעדער פּאַרטיי מיט זייערע אידעאַלן. געווען א שווער לעבן, א געמאַטערט לעבן, אָבער א שיין, הערלעך לעבן, וואָס האָט אויסגעאיבט זיין השפּעה ווייט־ווייט איבער לענדער און קאָנטינענטן.

אזוי האָבן ערהם פיל, גרויסע, געלעבט, געאַרבעט, געהאַנדלט, געדונגען, אביסל ווי גאָט האָט געהייסן, אביסל ווי מענטש האָט געצוווּנגען. און דאָס אַלץ האָט מען געוועבט און געשפּונען אויף "אייגענער" מאַמע־ערד פוילן, וואָס מען האָט צו זיך פאַרקנסט מיט דורות יידישן שווייס און בלוט.

טאָ ווי האָט מען נישט געקאָנט באַגייסטערט ווערן פון אָט דעם גרויסן יידישן וווּנדער אין פוילן, ווו —

"מיר זיינען אין שוואַכקייט גיבורים
"מיר גייען און פאַלן נישט כורעים
"מיר גייען . . . און גייען נישט אונטער ! . .

האָט טאַקע דער דיכטער, ז. סעגאַלאָוויטש געזונגען שירה צו זיין יידישן פוילן, צו זיין וואַרשע, לאָדזש, לובלין, "קאַזמיערש", ביאַליסטאָק, אָטוואָצק, בריסק, בזשעזשין, טאָמאַשאָוו, קאָנסקע־וואָליע, פּולאַוו, יאַנאָוויץ, אַפּאַליע, מיט אַלע זייערע קרעמלעך, פאַבריקלעך, סטראַגאַנעס, יארידן און הו־הא אין געיעג נאָך א קאָפּעקע חיונה, און אָט אין סאַמע מיטן גראָער וואָך פון האַנדל־וואַנדל, קומט צו שוועבן די שבת מנוחה ווי אין זיידענע שטאָפּן. "און שבת . . . די אייזערנע שטאַבעס, די שלעסער אויף אַלע געוועלבער". . . און פון הונדערטער שולן, בתי מדרשים און חסידים־שטיבלעך רייסט זיך דורך אָפענע טירן און פענצטער דער "לכו נרננה"־געזאַנג לכבוד דער שבת

מלכה, און דער גמרא־ניגון גיסט זיך צונויף מיט דעם באנגן, אומעטיקן ניגון פון א קאפיטל תהלים, וואָס טראָגט זיך פון ערגעץ א בוידעם־שטיבל, צי פון א טונקעלן קעלער. יידן גייען צו תיקון־חצות, יידן וואָס קושן די הייליקע פרוכתן און יידן, ארבעטער־קעמפער, וואָס וויקלען זיך אין די רויט־בלוטיקע, רעוואָלוציאָנערע פאָנען. א גאנצער פאָלקס־עפּאָס, פון וואנען דער דיכטער ז. סעגאלאָוויטש האָט געשעפּט זיין ליד, זיין פּאָעמע.

און געדוכט האָט זיך אז עס וועט זיך שוין אזוי ציען דאָס לעבן אין דער אייביקייט אריין. אָט ווי עס ציען זיך און שלענגלען זיך אין דער אייביקייט די פּוילישע פאריידישטע טייכן בוג און ווייסל, וווּ ביי זייערע ברעגן האָבן הונדערטער יידישע שטעט און שטעטלעך זיך געבאָדן, זיך געטובלט און זיך געכשרט לכבוד שבת און יום־טוב.

פּלוצלונג אָבער איז געקומען דער בראָך ! דער ווידסטער שונא, דער מוראדיקער תליון, האָט מיט זיין שארפער, פארבלוטיקטער האַק איבערגעהאַקט דעם געשפּונענעם פּאָדעם פונם יידישן לעבן אין פּוילן. די הונדערטער אַלטע, איינגעפּונדעוועטע יידישע קהילות צו חורבן און צו טאָטאַלער פארניכטונג געבראַכט. איבערגעלאָזן האָט ער בלויז דריי, וואָס זייערע נעמען וועלן אייביק ארויסרופן שרעק און גרויל אין יידישן זיכרון : טרעמבלינקע, מיידאנעק און אָסוויענטשים, ווו ער האָט א זעקס מיליאָנענדיק פאָלק פון פּוילן און פון אירע שכנישע לענדער אין א גרויסן בית־עולם פארוואנדלט.

נאָר על פּי נס, האָט דער דיכטער, ז. סעגאלאָוויטש, זיך ארויסגע־ראטעוועט פונם פּוילישן גיהנום, איניינעם מיט א הייפעלע פּליטים. נאָך לאַנגע און שווערע גילגולים, דורך פארשיידענע אומוועגן, דורך צעשטורעמטע ימען, האָט ער זיך קוים דערשלאָגן צום ארץ־ישראלדיקן ברעג. דער יונגער יידישער ישוב האָט אים אויפגענומען מיט אָפענע ארעמס. ער האָט דאָרט אויך געפונען א היבשע צאָל פון זיינע לייענער, זיינע פארערער, וואָס האָבן פאר אים אויפגעעפנט זייערע טירן, זייערע היימען.

אָבער דער דיכטער האָט אויך דאָרט, אפילו אין דעם לאַנד פונם יידישן מאָרגן, שוין מער קיין רו נישט געקאָנט געפינען. ווייל געראטעוועט האָט ער בלויז זיין דארן, אויסגעמאָגערטן גוף, זיין נשמה אָבער איז פארברענט געוואָרן אין טרעמבלינקער קאלך־אויוון, איניינעם מיט זיין פאָלק, איניינעם מיט די הונדערטער, טויזנטער יידישע זין און טעכטער, וואָס האָבן זיינע לידער געזונגען.

טאָ ווי האָט ער געקענט פילן און פארנעמען דעם ליכטיקן, זיסן שיין פון דער ארץ־ישראלדיקער זון, פון די ארץ־ישראלדיקע אויסגעשטערנטע נעכט ? ווי האָט ער זיך געקענט שפּיגלען אין דעם פיל־קאָלירנדיקן ים פון גרינס און בלומען, וואָס יונגע יידישע הענט האָבן געפלאנצט, ווען די קינדער פון זיין פאָלק אין פּוילן, וואָס זיינען אליין געווען שיינע, לעבעדיקע בלומען,

האָט דער שונא זייערע קעפּלעך צעקלאַפּט אָן די שטיינערנע ווענט פון די געטאָס ?

״איך וועל זיך מיט גאָר שוין נישט גרויסן.
״וואָס כבוד פון ליד און פון ספרים ?
״אַך ! סעדער פון דאַנעט, פּרדסים,
״איך זע בלויז פון דאָרטן די קברים

״א דור איז מיר דאָרטן פאַרבליבן,
״איך פיל נאָך דעם אָטעם פון ווייטן . . .
״איך זע זיי מיט צער און מיט ליבע
״און וואָס וועט מיר איצטער פאַרבייטן ?

מיט יעדער טרויעריקער, פינצטערער ידיעה פון ״דאָרטן״, פונם גרויסן יאָמער־טאָל, האָט דעם דיכטערס הארץ זיך צונויפגעקראַמפּט פון יסורים. ער איז געווען אין מזרח, אָבער זיין נשמה איז געווען אין מערב. מיט אַלע זיינע חושים האָט ער זיך רק געקלאַמערט אָן יענעם ״דאָרטן״.

און כדי ער און מיר זאָלן שטאַרקער דערפילן און באַנעמען דעם שוידערלעכן גרויל פונם חורבן, פונם גרויסן, מוראדיקן ״נישטאָ״, האָט ער פריער זיך און אונדז גענומען פירן אַהין צו דערזען און צו דערשפּירן וואָס האָט מיט זיך געהאַט פאַרגעשטעלט אָט יענער ״דאָרטן״, וואָס איז ערשט נישט לאַנג געווען אַזוי נאָענט און אַזוי אייגן, איז איצט געוואָרן אַזוי לעגענדאַריש ווייט־ווייט. מיט זיין פּאָעמע ״דאָרטן״ האָט ער אונדז געגעבן אַן אָטעם־פאַרכאַפּנדיק בילד פון יענעם גרויסן יידישן לעבן מיט אַלע זיינע ״אַמאָליקע״ שיינקייטן, מיט דער מנוחה פון שבתים און ימים־טובים, מיט שולן און מנורות, מיט בגד פון סאַמעט און אַטלאַס אויף פרומען מאַנצבילשן לייב און שעמערינדיקע שנירלעך פּערל אויף צניעותדיקע, ווייסע העלדזער פון יידישע מאַמעס און טעכטער.

אָט זעט ער מחנות פרומע יידן, חסידים, לויפן ווער צופוס און ווער מיט דער קאָלייקע (קליין־באַן) צום רבין קיין גער, קיין אָטוואָצק, קיין קאָצק, קיין ראַדזימין, קיין ראַדאָם. ער הערט זייערע התלהבותדיקע געזאַנגען וואָס פאַרהילכן די אַרומיקע שכנישע פּוילישע וועלדער.

אָט זעט ער ווי עס מאַרשירן מחנות, מחנות אַרבעטער פון ״בונד״, פון פּועלי־ציון איבער די נאַלעווקיס, נאָוואָליפּקיס, גענשעס, דזשיקעס, מיט געהויבענע קעפּ, מיט רויט־פּלאַטערנדיקע פאָנען, פייערן דעם הייליקן ערשטן מאַי מיט געזאַנג פון ״אינטערנאַציאָנאַל״ און אַרבעטער שבועה.

און אָט זעט ער ווי עס לויפן יעדער אינדערפרי מיט איילנדיקע, זינגענדיקע טריט, טויזנטער משהלעך און שלמהלעך, שׂרהלעך און רחלעך, די

אייביקע צאָן קדשימלעך, מיט סידורים, מיט חומשים, מיט גמרות, מיט פּרצעס „פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן" און מיט „מאָטל פּייסי דעם חזנס" אונטער די אָרעמס, אין די חדרים, אין די ישיבות און אין די ציש"אָ־שולן.

און אָט דאָס אַלץ גיסט זיך פֿאַר אים צונויף אין איין ריטם, אין איין יידישן געזאַנג, אין איין גרויסער הערלעכער סימפֿאָניע. פֿון אָט דעם אַלעמען האָט דער דיכטער געצויגן און געשעפּונען זיין שיינעם, ליכטיקן חלום, זיין ליד.

און אָט פּלוצלונג דערזעט ער ווי דער בלוטיקער שונא האָט דאָס אַלץ, אַלץ צעשטערט. אַנשטאָט א שעפּעריש, שפּרודלדיק לעבן, זעט ער איצט נאָר חורבות, בערג אַש, רעשטלעך פֿון פּוסטע היימען. דאָ א וואַנט, בלייבעכץ פֿון א מויער, און דאָ א צעבראָכענע טיר, א צעריסענע טרעפּ, א שוואַרצער קוימען. און דער ווינט אַליין קלאָגט און וואָיעט, קלאַפּט און טאַפּט ווי א בלינדער: ווו זיינען זיי די אַלטע, גרויע? ווו זיינען די מחנות קינדער?

און זיין פֿאַרוווּנדעטע נשמה פֿליט איבער די דאָזיקע חורבות, זוכט. וויל געפֿינען א זכר, אַן אָנדענק פֿון דעם אַלעמען וואָס איז געווען אַזוי ליב און טייער. און אָט געפֿינט זיין נשמה, די נע־ונדניצע, א שטיקל פֿון א צעריסענעם, פֿאַרבלוטיקטן טלית; דאָ א האַלב־פֿאַרברענטע תחינה פֿון שרה בת טובים, און דאָ א שמה פֿון א סידור, פֿון א חומש, פֿון א גמרא, און דאָ א צעריסן ליד נאָך אין כתב־יד; דאָ א שיכל פֿון א קינדערשן פּיסל און דאָ א קאָלירט סטענגעלע פֿון מיידלשן קעפּל.

א פֿאַרצווייפֿלטער געשריי רייסט זיך אַרויס פֿון זיין פֿאַרוווּנדעטע האַרץ: נישטאָ! נישטאָ! נישטאָ שוין מער קיין דאָרטן!

„מיין נעכטן האָט שוין נישט קיין מאָרגן.
„דער נעכטן האָט שוין נישט קיין יורש
„איצט איז קלאָר שוין: אַלע פֿעלן . . .
„די טויטע וועלט איז ביי מיין פֿענצטער.
„די מתים זיצן אויף די שוועלן.

און א קללה רייסט זיך אַרויס פֿון דיכטער:

„אַלמעכטיקער! פֿאַרלעש די זון, די ליכט פֿון לעבן! פֿאַרסם דאָס פֿעלד, פֿאַרברען די לעצטע תבואה! גענוג צו האָדעווען די ווילדע ברואים! נישטאָ! נישטאָ! מיידאַנעק־אַש האָט אַלץ פֿאַרשאָטן, פֿאַרדעקט מיין גאַנצן לעבנס־קרייז, מיידאַנעק־אַש איז איינגעקנאָטן אין מיין געמיט און איז מיין שפּייז".

טרעמבלינקע, מיידאַנעק און אָסוויענטשים האָבן זיך באַזעצט אין אים, אין זיין געביין און אָן אויפֿהער געהאַלטן אין איין פֿאַרצערן זיין דאָר,

אויסגעמאָגערט לייב און לעבן. דער דיכטער פון "קאזמיערזש", דער דיכטער פון די פוילישע גרינע פעלדער, ביאַלאָוועזשער וועלדער; דער באַזינגער פון ליכטיקע, זוניקע פרימאָרגנס און פון שטילע, פאַרבענקטע, אומעטיקע בין־השמשותן, האָט זיך פּלוצלונג דערזען אַליין, א פּאַריתומטער פון זיין היים און פאָלק, פון זיינע לייענער און פאַרערער. אַלץ וואָס איז געווען אין דעם נעכטן איז שוין נישטאָ און וועט שוין מער נישט זיין.

האָט ער, ווי ירמיהו הנביא אין זיין צייט, געגומען אויסשרייען, אויסוויינען, אויסקלאָגן זיין צער און פּיין, דעם צער און פּיין פון זיין פאַרשניטן פאָלק, אין קינות, אין קלאָג־לידער, וואָס אַזעלכע ביי יידן האָט נאָך קיין קלאָגער און מקונן נישט געשריבן און נישט אויסגעקלאָגט.

ער, דער שטענדיקער שליח־ציבור פונם לעבעדיקן, שעפערישן פּוילישן יידנטום, איז איצט געוואָרן זיין איינציקער קדיש־זאָגער. אין אָט דער דאָזיקער שליחות האָט ער ווי געפונען א תיקון פאַר זיין צעפּייניקטער נשמה און א זין און א תכלית פאַר זיין נסימדיקער רעטונג. ער האָט דערפילט ווי די געפּירטע מחנות יידן מיט זייערע ווייבער און קינדער צום טויט, שרייען צו אים: גיי, דיכטער אונדזערער, זיי אונדזער "בלוט־מאָנער!" נעם צונויף אַלע אונדזערע דערשטיקטע געשרייען, דעם געיאָמער פון אונדזערע ווייבער און קינדער, און שריי דו אויס פאַר דער וועלט אונדזער בראָך, אונדזער קלאָג און אונדזער קללה צום תליון, צו דער וועלט און צו דעם פאַררעטערישן, פאַרשטומטן הימל, אַזוי אַז עס זאָל כאָטש נאָך אונדז בלייבן א זכר פון תפלה, פון קדיש!

און דער אומגליקלעכער, צעבראָכענער דיכטער האָט זיך געשטעלט מיטן פּנים צו פּה־לין זאָגן קדיש. אָבער דאָס איז שוין נישט געווען דער אַלט־טראַדיציאָנעלער קדיש פון "צדוק הדין", פון "ברוך דיין אמת", נאָר א קדיש פון קללה און פלוך אויפן גאַנצן אוניווערס:

"מיר גיבן זיך יידן א נדרה,
"זיך נישט צו פאַרענטפערן מערער,
"נאָר שילטן און שילטן כסדר
"פאַר בלוט און פאַרבלוטיקטע טרערן.
"פון אַלע דיאַלעקטן און שפּראַכן,
"די קללות בלויז זאַמלען, די קללות
"און שילטן, אַז וועלט זאָל פאַרקראַכן
"אין טויטלעכע, שווארצע מפּלות . . .

"און די שטערן זיי שיינען
"פאַר וועמען האָט גאָט זיי געצונדן?

„פאר מיינע פארמאטערטע בליקן,
„וואָס קאָנען די וועלט נישט פארנעמען
„פאר מיינע יסורים, פאר חניקה . . .
„פאר וועמען די שיינקייט, פאר וועמען ? . .
„פאר וועמען דער הייליקער ציטער ?
„פארוואָס זאָל נישט זיין א געוויטער ?
„פארוואָס זאָל א מבול נישט ווערן ?
„פארוואָס זאָל נאטור מיט איר כוח
„נישט אויסוואָרצלען מענטשן ביז די שטאמען
„אז בלייבן זאָל תוהו ובוהו . . .
„בלויז שטיינער, בלויז פעלזן און בלויז ימען ?

עס איז אָבער קיין געוויטער נישט געשען און עס איז קיין מבול נישט געוואָרן. עס איז אַלץ געבליבן ווי פריער, ווי קיין זאך וואָלט נישט געשען. די ערד, וואָס האָט איינגעזאפט דאָס בלוט פון די זעקס מיליאָן קדושים, וואקסט שוין אויף איר פרישע תבואה, פרישע פרוכט־ביימער, נאָך מיט מער שפע ווי ווען עס איז פריער . . . די וועלט, די מענטשהייט, האָט זיך נישט דערשראָקן און נישט פארשעמט פארן דיכטערס קללה און פארן דיכטערס צער און פיין. טויב און שטום איז זי געווען, און טויב און שטום איז זי געבליבן.

ז. סעגאלאָוויטש, דער דיכטער פון ליבע און געזאַנג, האָט רעזיגנירט פון וועלט, פון מענטשן, פון זיינע אמאָליקע, זיסע חלומות וועגן ברידער־לעכקייט און מענטשלעכקייט, מיט זייער מכלומרשטן, איינגערעדטן צדק און יושר. ער האָט אָנגעהויבן בלויז שרייבן קינות, קלאָג־לידער, א נייע „מגילת איכה" אויפן חורבן פון זיין פאָלק.

„פון היינט אָן, זאָגט ער, זאָלן שדים דיכטן . . .
„איך שנייד זיך איין, וואָס טיפער, וואָס שארפער
„איך בלוטיק אוים פאר דער פארניכטונג
„און קלאָג און קללות וועל איך ווארפן
„איך וועל פון אומגליק נישט אנטרינען
„און יעדן ווילטאָג אויף צו להכעים
„וועל איך ארויסרופן אין זינען
„די אויסגעשאָכטענע משפחות
„שוין בעסער מיט מתים בלייבן
„ווי מיטצולעבן מיט די תליונים . . .

"שוין בעסער זיך אין נאכט פארטרייבן
"ווי אַנצוקוקן וועלט אין פּנים.

און נאָכן אויסקלאָגן, און נאָכן אויסוויינען זיינע בלוטיקע מגילות איכהם אויפן "דאָרטן" און אויפן "נישטאָ", האָט דער אומגליקלעכער נביא דיכטער דערפילט, אז ער האָט שוין מער נישט פארוואָס צו לעבן. ער האָט שוין זיין שליחות דורכגעפירט, זיין גרויסן רבנן־קדיש שוין אָפּגעזאָגט, טאָ צו וואָס נאָך לעבן ?

"שוין בעסער מיט די מתים בלייבן
"ווי מיטצולעבן מיט תלינים . . .
"שוין בעסער זיך אין נאכט פארטרייבן
"ווי אַנצוקוקן וועלט אין פּנים.

און פּונקט ווי ס'האָט אין אים פריער געברענט א פייערדיקע תשוקה צו זיין איינינעם מיטן פאָלק, וואָס ווערט געפירט צו דער שחיטה, אזוי האָט אים אָנגעהויבן ציען, ציען וואָס גיכער זיך אין נאכט פארטרייבן . . . זיין הייסער באַגער, וואָס גיכער שוין מיט די מתים צו בלייבן, איז דערפילט געוואָרן. דער פּלוצלונגדיקער טויט האָט אים באפרייט פון זיינע פינצטערע קאַשמארן, פון זיינע מוראדיקע שלאָפלאָזע נעכט, וואָס האָבן, ווי מיט טרעמבלינקער פארסמטן גאז, פארצערט זיין מידן, אויסגעטריקנטן און אויסגעפּייניקטן גוף.

און אינם זכות פון זיין אויסגעוויינטן און אויסגעקלאָגטן קדיש אויפן "דאָרטן" און אויפן "נישטאָ", האָט דער היינטיקער נביא־מקונן, ז. סעגאַ־לאָוויטש, זוכה געווען נאָך ביי זיין לעבן, אז זיין נאָמען זאָל פארקניפּט און פארבונדן ווערן מיטן חורבן פון אונדזער פוילישן יידנטום, ווי די יידישע טראַדיציע האָט פארבונדן דעם נביא ירמיהו מיטן חורבן פון ירושלים.

יוני, 1949.

פּרץ הירשביין

עס איז שוין לאַנג אַז אָנגענומענער געזעץ אין דער פּסיכאָלאָגיע, אַז היים און סביבה שפּילן אַ גרויסע ראָל אין דער אויספאָרמירונג פונם מענטשנס כאַראַקטער. און על אחת כמה וכמה איז דאָס חל אויף גייסטיק־שעפערישע מענטשן. זייער קינדהייט, היים און סביבה, לייגן אַרויף אַ שטאַרקן חותם אויף זייער קינסטלערישער נשמה.

דעריבער, ווען דער ליטעראַטור־פאָרשער, דער קריטיקער, וואָס נעמט זיך צו מאַכן אַ גענויעם שטודיום איבער אַ שרייבער און זיין ווערק, דאַרף קודם־כל זיך אָפּשטעלן אויף אַן "עקספּעדיציע" צום שרייבערס, צום דיכטערס "היימלאַנד", זיך באַקענען אַפריער מיט זיין קינדהייט, מיט זיין סביבה. ערשט דעמאָלט וועט ער קאָנען טיפער באַנעמען דעם שרייבער און זיין אייגנאַרטיקן גאַנג אין דער ליטעראַטור.

והא ראיה לדבר, ווען מיר נעמען דעם משורר לאומי חיים נחמן ביאַליק. אַז אַ פריערדיקער גרינדלעכער באַקאַנטשאַפט מיט זיין היים סביבה, וואָלט אונדז שווער געווען אַריינצודרינגען אין דעם לפני ולפנים פון זיין שאַפונגס לאַבאָראַטאָריע. ערשט, ווען מיר באַקענען זיך גענוי מיט זיין קינדהייט, מיט זיינע ערשטע גייסטיקע עמאָציאָנעלע אָנרעגונגען, קריגן מיר דעם ענטפער אויפן "מאין", פון וואַנען און פאַרוואָס קלינגט זיין דיכטונג אַנדערש און זיין וואָרט אַזוי נביאיש־שניידנדיק.

אַזוי אויך האָבן מיר יחידי סגולה, געציילטע שרייבער און דיכטער, וואָס אַ חוץ זייער "תורה שבכתב" — זייערע ליטעראַרישע ווערק, האָבן זיי אויך געשאַפן אַ "תורה שבעל פה". ד"ה, מיט זייער טאָג טעגלעכן לעבן, מיט זייערע באַציונגען צום "בין אדם לחברו" און נאָך מער מיט זייער שטאַרקער אהבת ישראל, האָבן זיי אויסגעאיבט אויף אונדז זייער גייסטיקע השפּעה נישט ווייניקער ווי מיט זייער אָנרעגנדן קינסטלערישן וואָרט. צווישן זייער ליטעראַרישן שאַפן און זייער פּריוואַט לעבן איז קיינמאָל קיין סתירה נישט געווען. פאַרקערט, זיי האָבן זיך איינס דאָס אַנדערע דערגענצט — אַזוי דער שרייבער און אַזוי דער מענטש.

פאַר אַ ביישפּיל וועלן מיר ווידער נעמען חיים נחמן ביאַליקן און שלום אשן, צו לאַנגע יאָר, וואָס האָבן מיט זייערע קינסטלערישע שאַפונגען

זייער פיל געהאָלפן אויסצופאָרמירן אונדזער ליטעראַטור אין אונדזערע ביידע שפּראַכן, יידיש און העברעיש.

מיר זיינען אַלע ביז היינט צו טאָג נאָך שטאַרק פאַרכאַפּט פון שלום אַשם גרויסן קינסטלערישן פּאַרנעם. אָבער שלום אַש, דער מענטש, איז אונדז כמעט געבליבן פרעמד, אָפּטמאָל אַפילו דערווידער . . . ווי גרויס קינסטלעריש ער איז אין זיין "תורה שבכתב", אַזוי שוואַך און אַזוי אומבאַדייטנד איז ער פאַרבליבן, אַזוי צו זאָגן, אין זיין "תורה שבעל פה". . . זיין "איך" — השפעה אויפן לייענער, האָט זיך פאַרענדיקט מיטן פאַרמאַכן די טאָוולען פון זיינע ווערק . . .

אַ דאַנק זלמן רייזענס "לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור", דערווייסן מיר זיך, אַז זיין ווינעלע איז געשטאַנען ערגעץ אין אַ פּוילישן שטעטל מיטן נאָמען קוטנא, וואָס האָט אַזוי געקענט זיין אין קאַלאָמייע, אָדער ערגעץ אַנדערשוווּ. על כל פּנים, זיינע פרומע, חסידישע עלטערן און זיין געבורט-שטעטל האָבן זיכער נישט איבערגעלאָזן קיין שום השפעה אויף זייער שפּעטערדיקן וועלט-באַרימטן זון, וואָס האָט צו דער עלטער אָנגעהויבן פאַלן כורעים פאַרן "אותו האיש". . .

דאַקעגן חיים-נחמן ביאַליק ז"ל, האָט אויף אונדז משפּיע געווען נישט נאָר מיט זיין שירה, מיט זיין פאַרכאַפּנדיק-קינסטלערישן ליד, נאָר אויך מיט זיין מאַגנעטישער, גייסטיקער פּערזענלעכקייט. אַזוי בחייו ביי זיין לעבן, און אַזוי אויך אַפילו לאחר מותו. וואָס מער מיר לייענען אים, לערנען אים, אַלץ מער ווערט ער אונדז נעענטער און ליבער. ווייל פּונקט ווי זיין קינסטלעריש וואָרט איז געווען אַזוי אמתדיק, פון זיינע טיפע גרונטן אַרויסגעשלאָגן, אַזוי אמתדיק און גאַנץ איז געווען זיין באַציונג צום יחיד און צום כלל. ס'איז נישט געווען קיין שום שמץ סתירה צווישן דעם "ביאַליק שבכתב" און דעם "ביאַליק שבעל פה".

אַזוי איז געווען י. ל. פּרץ, אַזוי ביאַליק און אַזוי אויך פּרץ הירשביין, וואָס איז פון זיי ביידן שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן, ווי ער אַליין דערציילט אונדז.

פּרץ הירשביין האָט אונדז פאַרכאַפּט נישט נאָר מיט זיין אייגנאַרטיקן גאַנג אין ליטעראַטור, מיט זיינע סימבאָלישע און רעאַליסטישע דראַמעס, מיט זיינע וווּנדערלעכע נייע "מסעות בנימין" — מיט זיינע לענדער און פעלקער-באַשרייבונגען, נאָר אויך מיט זיין אויסטערלישער פּערזענלעכקייט. פון זיין געשטעל און פון זיין גאַנצן מהות, האָט געוויייעט מיט שבת יום-טובדיקייט, מיט מנוחה און שלווהדיקייט. מיטן ערשטן אָנבליק אויף אים, האָט איר באַלד דערפילט, אַז פאַר אייך שטייט אַן איש הרוח, אַ גייסטיקע געשטאַלט. זיין קינסטלעריש וואָרט, בכתב און בעל פה, אין שטענדיק

געווען תוכיק, אמתדיק, ווי אמתדיק און גאנץ ס'איז געווען זיין טאָג־טעגלעך לעבן. זיין באַציונג צום מענטש, באַזונדערס צום ליידנדן און געקריוודעטן, און אונטערשייד פון זיין קלאָר און אָפּשטאַם, איז געווען פּאַטערלעך, הייליק, ווי ס'איז פאר אים הייליק געווען זיין קינ־טלערישער שאַפונגס־וואָרט.

איז קורצן, פּרץ הירשביין, דער שיין־גייסט, האָט משלים געווען — דערגענצט דעם שרייבער, דעם קינסטלער — פּרץ הירשביין.

* * * * *

וועגן פּרץ הירשביינס בייטראַג צו אונדזער ליטעראַטור איז שוין זייער פיל געשריבן געוואָרן, ווי למשל:

א. פּרץ הירשביינס ערשטע טריט אין דער פּאָעזיע.
ב. פּרץ הירשביין דער דראַמאַטורג.
ג. פּרץ הירשביין דער פּיאָנער פונם יידישן קונסט־טעאַטער.
ד. פּרץ הירשביין דער וואַנדערער־שרייבער.
ה. פּרץ הירשביין דער נאָוועליסט, דער ראָמאַניסט אא"וו.

אָבער וויפל מ'האָט וועגן אים שוין נישט געשריבן, קאָן מען אין אים נאָך תמיד געפינען א נייעם שטריך, א נייעם ניואַנס. ווייל זיין קינסטלעריש וואָרט איז, און וועט אזוי פארבלייבן, אזוי פריש און גרין, ווי ס'זיינען נאָך היינט פריש און צאַפּלדיק זיינע "גרינע פעלדער". וואָס מער מיר לייענען אים, אלץ מער בולטער ווערט פאר אונדז זיין פיל קינסטלערישע געשטאַלטיקייט. זיינע פּאָרויסזאָגונגען, סיי בכתב און סיי ווען ער האָט עס געהאַט אויסגע־דריקט בעל פּה, וועגן די פארשקלאַפטע לענדער און פעלקער, וועגן וועלט און יידנטום, קלינגען נאָך היינט ווי מיט א נביאישן טאָן. און טאַקע א סך פון זיינע פאָרויסזאָגונגען זיינען מקויים געוואָרן אין אונדזערע טעג. דער־פאר וואָס וויי טער זיין ליכטיקע געשטאַלט רוקט זיך אוועק פון אונדז, אלץ מער נעענטער ווערט זי אונדז.

* * * * *

עס איז שווער אין איין קאַפּיטל צו געבן א פולע אָלזייטיקע אָפּשאַ־צונג איבער זיין גאנצער ליטעראַרישער ירושה, וואָס ער האָט אונדז איבער־געלאָזן. מיר ווע לן קודם־כל זיך אָפּשטעלן אויף זיין אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן "מיינע קינדער יאָרן", וואָס גיט אונדז א שליסל צו דעם לפני ולפנים פון זיין גאנצן שאַפונגס־פּראָצעס. דאָס דאָזיקע בוך "מיינע קינדער יאָרן" איז, בלתי ספק, דער שענסטער, געשליפנסטער דימענט צווישן אלע זיינע גרעסערע ווערק. איר דערשפּירט באַלד ווי דאָס קינד, פּרץ, איז שוין מבטן אמו, נאָך פון זיין פריסטער קינדהייט אָן, שוין מקודש און געזאַלבט געוואָרן צו זיין

א סופר בישראל — צו שמידן און צו פורעמען דאָס קינסטלערישע יידישע וואָרט.

פּרץ הירשביין דערציילט אונדז, אז שוין צו דריי יאָר האָט ער דערפילט ווי דער פרילינג־זומער, הארבסט און ווינטער, זיינען א טייל פון אים; די הויכע, גלייכע, טונקל־שטאמיקע אָלשענע ביימער, האָט ער באטראכט פאר טאטעס, עלטערע ברידער. און די ווערבעס אנטקעגן וואסער־מיל, ווערבעס ברייט־צעצווייגטע איבערן סטאוו אריבערגעבויגענע — האָבן פאר אים געהאט דעם אָנבליק פון ביימער־מאמעס און עלטערע שוועסטער.

פרילינג־זומער, דערציילט וויטער פּרץ הירשביין, ווען פויערים זיינען אָנגעקומען מיט פערד און וועגענער, געבראכט זעק מיט תבואה צום מאָלן, האָבן דעמאָלט טאטע־מאמע, שוועסטער און ברידער געוואָרן זינגעוודיק און רעדעוודיק און גוט איינס צום אנדערן. דאקעגן ווען עס איז געקומען דער ווינטער, ווען די מיל איז אנטשוויגן געוואָרן, מען האָט מער נישט געהערט דעם פריילעכן קלאַפּן, דעם טא־טלא־טא פון די רעדער, זיינען טאטע־מאמע, שוועסטער און ברידער אומעטיק געוואָרן. דעמאָלט האָט דאָס צארטע און שטארק סענסיטיווע קינד, פּרצל, פארקראָכן אונטערן בעט, זיך באהאלטן אונטערן איוון און זיך צעוויינט, נישט וויסנדיק אליין פארוואָס...

אַט דער קינדערשער געוויין, פון אן אָרעם יידיש קינד, האָט אים שוין געהאט באגלייט אויף שריט און טריט, און אויף זיין גאנץ לעבן. ווו ער איז נישט געווען, צי אין דער אָרעמער יידישער ווילנע, צי שפּעטער אין דער וויטער אינדיע, כינע, האָט זיין אויער באלד אויפגעכאַפּט דאָס געוויין פונם הונגעריקן קינד.

און עס איז טאקע כאראקטעריסטיש: פּרץ, דער שוויַיגער, האָט שטענדיק ליב געהאט צו פארפירן שמועסן מיט קינדער. און זיין באליבסטע פראגע פלעגט זיין: "ווען דאָס קינד וואקסט אויס און ווערט א גרויסער, איז וואו־זשע קומט אהין דאָס קינד?" און ווען א קלוג קינד פלעגט אים ענטפערן: "דאָס קינד בלייבט אינם גרויסן מענטשן", פלעגן זיינע אויגן זיך צעלויכטן און באלד צוגעבן: "יאָ, קינד, דו ביסט גערעכט, דאָס קינד בלייבט אינם מענטשן"...

יאָ, דער גרויסער, דערוואקסענער פּרץ הירשביין, האָט שטענדיק געטראָגן אין זיך דעם קינד, ווי דער סימבאָל פון צניעות, גוטסקייט און אויפריכטיקייט. אזוי איז ער געווען צו זיך און צו אנדערע, און אזוי אויך איז ער געווען אין זיין שרייבן. און אָט דעם קינד אינם מענטשן האָט ער שטענדיק געזוכט...

* * * * *

ווי פּרץ הירשביין דערציילט אונדז, איז ער אויסגעהיט געוואָרן פון די אלע שווערע נשמה־געראנגלען ביים איבעררייסן מיטן אלטן טראדיציאָנעלן

יידישן לעבנס-שטייגער און מאכן דעם ערשטן טראַט נעענטער צו דעם אַזוי גערופענעם "יפיפותו של יפת", ווי דאָס האָבן געהאַט אַדורכגעמאַכט זיין דור שרייבער, מערסטנטייל ישיבה בחורים. זיין שפרונג ארוים פון בית-מדרש, פון דער גמרא צו דער "בת-השמים" — דער השכלה, האָט צופיל נישט צערודערט זיין לעבנס-באַנעם. ער האָט אָפּגעקליבן, ווי די שניטער דעם זאַנג, דאָס אַלטע, וואָס ער האָט געלערנט, מיט דער נייער זריעה פון וועלטלעכע לימודים. זיי זיינען אים אָנגעקומען פיל גרינגער ווי א סך אַנדערע פון זיין צייט.

אַזוי אויך האָט אים די השגחה העליונה געהאַט אויסגעהיט, אַז ער זאָל נישט דאַרפן דורכגיין דעם שווערן, פיינלעכן דערנער-וועג ביים אַריינטרעטן אין דעם פּאַרנאַס פון דער יידישער ליטעראַטור. אים האָט דער גורל געהאַט אויסגעהיט פון דאַרפן וואַרטן וואָכן און חדשים אויף א בריוועלע פונעם רעדאַקטאָר . . . אים איז נישט אָנגעקומען שווער צו דערזען צום ערשטן מאָל אָפּגעדרוקט זיין ערשטן העברעישן שיר "געגועים" (בענקענישן), אין דוד פרישמאַנס "הדור", אין 1902. "צו גרינג", זאָגט פרץ הירשביין, "איז מיר אָנגעקומען אַז מיין נאָמען זאָל גיך מפורסם ווערן".

ער האָט מיטגענומען אויף זיין לאַנגן, וויטן ליטעראַרישן וועג, ווי א "צידה לדרך", דעם ווייסן, מעליקן שטויב פון זיין טאַטנס וואַסער-מיל, מיט איר פריילעכן קלאַפּן טאַ-טלאַ-טאַ, דעם זוניקן אָפּגלאַנץ אויפן שפּיגל פונעם סטאַוו (טייך), מיט דעם שטילן, באַנגן גמרא-ניגון פון ווילנער בית-מדרש, איניינעם מיט לערמאָנטאָוון און פּושקינען. און דאָס אַלץ צוזאַמען האָבן געצייכנט זיינע פּוסטריט אין זיין וויטערדיקן גאַנג אין דער ליטעראַטור.

* * * * *

וואָס איז דער הויפּט-מאָטיוו אין פרץ הירשביינס שאַפן? און דאָ באַלד מוז נאָכפאָלגן א צווייטע פראַגע: וואָס איז אייגנטלעך די גרונט-סיבה, וואָס פרץ הירשביין, געבאָרן אויפן שויס פון דער נאַטור, ווו אויפן גאַנצן אַרום איז געלעגן אַזאַ געמיטלעכע שלווהדיקייט, און ער אַליין בטבע אַזאַ שטילער, באַזאַכטער, מיושבדיקער מענטש, אין זיין חיצוניות, זאָל אין אים ברויזן אַזאַ שטורעם און דראַנג, וואָס האָט אים רק געטריבן און געיאָגט אין דער גרויסער וועלט, איבער ימען און קאָנטינענטן, אומעטום געזוכט רו און אין ערגעץ נישט געפינען קיין "מנוח לכף רגלו". אָן אָפּרו פאַר זיין פּוסטריט?

דאָס אַליין איז דאָך אַן און פאַר זיך אַן אויסערגעוויינלעכע דער-שיינונג, א מיסטעריע, וואָס נאָר דער וועלט-באַרימטער פסיכאָלאָג, זיגמונד פרויד, וואָלט אפשר אויף דעם געקענט געפינען אַן ענטפער. מיר וועלן פּרובירן געבן אויף דעם אונדזער באַשיידענעם ענטפער:

ביאליק, דער משורר לאומי, אונדזער נאציאנאלער דיכטער, דער נאָענטסטער פריינד פון פרץ הירשביין, פרעגט אין איינע פון זיינע לידער: "התדע מאין נחלתי את שירי?" "צי ווייסטו ווי ביי מיר האָט זיך דאָס ליד געגומען?" און ער ענטפערט: זה הצרצר, דאָס איז דער גריל פון אונטערן קאַלטן באַק־אויוון, — דער גריל — דער זינגער פון דלות, וואָס האָט זיין וויסט־טרוקן ליד אַלץ געזונגט און געזונגט, און ס'ליד פון גריל, האָט אין הארצן געביסן און געגאָגט. פון דאַנען האָט ער זיין ליד גענומען.

אין זיינע שפּעטערדיקע אויטאָביאָגראַפישע לידער, דערציילט אונדז ביאליק וועגן זיין היים, וועגן זיין טאַטן ווי ער האָט אים געזען:

"אין א מסיבה פון שיכורים, אין דער טומאה פון א שענק־שטוב, אין דאַמף פון בראַנפן ביליקן, אין נעפּלען פון ליולקע־רויך, א הינטער בראַנפן־פעסלעך, איינגעבויגן איבער אַן אַלטן ספר, האָט זיך אַנטפּלעקט צו מיר דעם טאַטנס קאָפּ, א קאָפּ פון א פּאַרפּייניקטן, דאָס פּנים אויסגעקרימט פון צער, די אויגן פלייסנדיק מיט בלוט. שיכורים טומלען, די פּרצוף־פּנימער צעפלאַמט, אין שטראָמען שמוץ די מיילער. עס האָבן אזש די ווענט און פענצטער זיך געשעמט דאָס הערן"...

אָט די דאָזיקע טרויעריקע, וויסטע זעאונגען, וואָס ביאליק האָט געזען אין זיינע קינדער־יאָרן, — דעם גרילצנדיקן גריל — דעם זינגער פון דלות, און זיין טאַטן אין דער שענק־שטוב, אין דער מסיבה פון צעפלאַמטע, שיכורע גויים, האָבן אָן קיין שום ספק געהאַט ארויפגעלייגט א טיפן חותם אויף זיין קינדערשער נשמה, פון וועלכן ער האָט זיך שוין מער נישט געקענט באַפרייען. און אפשר איז דאָס אויך געווען דער גורם צו זיינע "שירי הזעם", לידער פון צער און צאָרן אויף דער גרויסער צעיושעטער און צעפלאַמ־טער גוישער וועלט וואָס גייט ארום מיט א שאַרפער האַק אין דער האַנט. און ווי דאָס קומט נאָך שטאַרקער צום אויסדרוק אין זיין באַרימטער פּאָעמע "בעיר ההריגה", "אין דער שחיטה שטאָט"... ווער ווייס וואָסערע רעגונגען עס טוען שלומערן אין דעם קינדס נשמה, בפרט אין דער נשמה פונם שפּע־טערדיקן נביא־פּאָעט?..

פרץ הירשביין האָט אויך זיינע קינדער־יאָרן געהאַט פאַרבראַכט אין דער מסיבה פון גויים. אָבער זיין ערשטער קאָנטאַקט מיט דער "גוישער וועלט" איז נישט געקומען דורכן נעפּל פון געדיכטן רויך פון קרעטשמע און נישט דורכן טערפּקן ריח פון שוויים און בראַנפן. ער האָט ארום זיך נישט געזען קיין שיכורע גויים מיט צעפלאַמטע פּרצוף־פּנימער, נאָר אין דער מסיבה פון שטילן, פלייסיקן טייד, אין שכנות פון פרילינג־זומערדיקע לאָנקעס. ער האָט געזען סוף זומען קומען אָן פּויערים מיט שטילע, ציטערדיקע פרייד, מיט "דזשיען דאָברי" (גוטן טאָג) אויף די ליפּן, פון די אויגן זייערע שיינט ארוים

גליק און פריידיקייט וואָס זיי האָבן ענדלעך דערלעבט צו ברענגען זייער ערשטן פאַרפּראַצעוועטן זעקל תבואה צום יידישן מילנער, אָפּצומאָלן אויף מעל — ברויט פאַר זייער הונגעריקן ווייב און קינד.

און אָט ווי פּרץ הירשביין באַשרייבט די דאָזיקע דאָרפישע אידיליע:

"... ארום שטוב פורן — א גאַנצער יאַריד. מען קאָן נישט אָפּפּאַרטיקן אַלעמען אויף אַמאָל; בלייבן פויערים וואַרטן, בלייבן ביי אונדז אויף א טאָג, אויף צוויי און אַמאָל אויף דריי. די פויערים האָבן ביי דער מאַמען געקראָגן א גרויסן טשוהונענעם טאָפּ און מען קאָכט פאַרפל פונם שכנס שוין אָפּגעמאָלענעם קאָרן־ווייץ. די פויערים זיצן אינם קליינינקן שטיבעלע, אויף דר'ערד ארום דעם גרויסן טאָפּ, מען שעפּט מיט די הילצערנע לעפל די פאַרפל, מען עסט און מען דערציילט זיך מעשות דערביי. אין שטוב הערשט א זאַטע, רויִקע שלווהדיקייט. דער אַלטער זיידע שמועסט מיט די פויערים". אַזוי אַז ס'האָט זיך געהאַט געדוכט דאָס זיצן איצטער אונטערן דאַך פונם וואַסער־מיל־שטוב ניט קיין צוויי באַזונדערע פעלקער, מיט "נאַש־באָג" און "וואַש באָג", מיין גאָט און דיין גאָט, נאָר ווי זיי וואָלטן איצט אַלע געווען קינדער פון איין שטאַם און פון איין טאַטע־מאַמע ...

זיין שטענדיק שטילער, שוויַיגנדיקער טאַטע ליפּע, אַז אויסגעשמירטער אין מעל, טוט באַלד א כאַפּ מיט זיינע געזונטע, האָרעפּאַשנע הענט דעם שכנס גויישן זעקל־קאָרן מיט אַזאַ פרייד, ווי ס'וואָלט געווען זיין אייגנס, און טראָגט אים אַרויף מיט איילנדיקע טריט איבער די טרעפּ צום זאַשעק, וואָס איבער די גרויסע מיל־שטיינער און שיט עס דעריין אַריין, און די מיל־שטיינער צעמאָלן עס אויף מעל.

אַזוי אַרום איז זיין טאַטע, ליפּע דער מילנער, מיט זיין פּראַצע געוואָרן א שותף, א מיטהעלפער ביים אַרויפברענגען דעם ערשטן, פרישן לאַבן־ברויט אויפן אָרעמען, פויערשן טיש.

אָט די דאָזיקע אינטימע פאַרוואַנדשאַפט צווישן איין אַרבעטס־מענטש און צווייטן, צווישן גוי און ייד, ייד און גוי, און מיט דער ברכה פון דער מאַמע־ערד, האָט דערמעגלעכט דעם באַשאַף פונם שווער־פאַרפּראַצע־וועטן לעבל־ברויט.

אָט דאָס דאָזיקע ליכטיקע בילד, וואָס פּרץ הירשביין האָט דערזען נאָך אין זיין קינדהייט, האָט זיך טיף איינגעקריצט אין זיין נשמה און שוין מער קיינמאָל נישט אָפּגעטראָטן פון זיין אויג. און וואָס עלטער ער איז געוואָרן, איז דאָס דאָזיקע בילד ביי אים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א וויזיע, אין א מין נביאישע אַנטפּלעקונג, אַז ס'דאַרף און עס מוז געשאַפן ווערן אין דער וועלט די דאָזיקע בשותפותדיקייט ביים באַשאַף פונם לאַבן־ברויט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. אַנדערש קאָן עס נישט זיין!

אַט דאָס איז דער ליט־מאַטיוו, וואָס ציט זיך, ווי א רויטער פאָדעם, דורך אַלע זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען. דאָס איז אייגנטלעך נישט קיין נייער מאָטיוו אין אונדזער אַלט־נייער ליטעראַטור; אונדזערע נביאים האָבן נאָך מיט העכער דריי טויזנט יאָר צוריק שוין גערופן צו דער דאָזיקער בשות־פותדיקייט פון מענטשלעכער מי און פראַצע. און אַזוי אויך אַלע אונדזערע שפּעטערדיקע סאָציאַלע קעמפער. נאָר פּרץ הירשביין האָט אויף דעם דאָזיקן מאָטיוו אָנגעטאָן א נייעם קינסטלערישן לבוש.

* * * * *

מיט דער דאָזיקער אַנטפּלעקונג האָט פּרץ הירשביין אָנגעהויבן שפּרייזן איבער שטעט און לענדער, איבער ימען און קאָנטינענטן. אומעטום האָט ער רק געזוכט צו געפינען אַט די דאָזיקע בשותפותדיקע ברויט־פּאַרוואַנדשאַפט. דאָס איז געוואָרן זיין ליטעראַרישער באַרוף, זיין שליחות.

זיין ליטעראַרישע קאַנווע איז איצט געוואָרן די גרויסע וועלט, מיט אירע לענדער און פעלקער און מיט אירע הונגעריקע הונדערטער מיליאָנען מענטשן. ס'האָט אים רק געצויגן צו ווייטע האָריזאָנטן. אָט איז ער געווען אין ווייטן מזרח, אין אינדיע, אין כינע און אין יאַפּאַן, און אָט איז ער שוין אין נאָענטן מזרח, אין ארץ־ישראל און איר אירע שכנישע, אַראַבישע לענדער. ער האָט זיך געשיפט איבער אַלע שבעה ימען, דורכגעשניטן נישט איין דזשאַנגל, געקלעטערט נישט אויף איין באַרג, געוואַנדערט דורך הייסע מדבריות. אומעטום האָט ער רק געזוכט דעם פאַרגעסענעם מענטש, דעם אָרעמען האַלב־נאַקעטן אומבאַרירבאַרן הינדו, דעם פאַרשקלאַפטן כינעזישן קולי, דעם בעדויִן און דעם פאַרהונגערטן אַראַבישן פעלאַך.

און געקומען איז ער צו זיי נישט ווי א טוריסט, וואָס זוכט בלויז עקזאָטישקייט ביים פרעמדן, נאָר ווי אן אייגענער. וואָכן און חדשים געזעסן צווישן זייער מיט, געגעסן מיט זיי אינײנעם זייער אָרעמען שטיקל ברויט און געטרונקען דאָס וואַסער פון זייער ברונעם. זייער צער און עלנט איז געוואָרן זיין צער. ער האָט געזען ווי מענטש רייט אויף מענטש, פאָלק אויף פאָלק. ער האָט באַשריבן זייערע לײדן, זייער פּיין מיט דער זעלביקער וואַרעמקייט ווי ער האָט באַשריבן דעם ווילנער יידישן דלות און דעם שווערן געראַנגל פונם יידישן חלוץ אין ארץ־ישראל.

ער האָט שוין דעמאָלט נאָך געהאַט דערזען ווי דער איינגעשלאָפענער ריז, דער מזרח־מענטש, הייבט אָן ביסלעכווייז זיך צו וועקן פון זיין לאַנגן חוני המעגל שלאָף. ווי נאָר דער דאָזיקער ריז וועט זיך א שטעל טאָן אויף זיינע ריזיקע פיס און געבן א טרייסל מיט זיין שווערן מאַסיוון גוף, וועט דעמאָלט א ציטער טאָן די זיילן פון דער ערד . . .

די דאָזיקע נבואה זיינע, וואָס ער האָט געהאַט פאַרויסגעזאָגט מיט

נאָר א דריי־פיר צענדליק יאָר צוריק, ווערט דאָך איצט מקוים אין אונדזערע היינטיקע טעג . . .

* * * * *

באלד נאָך דער רוסישער אָקטאָבער רעוואָלוציע, האָט פּרץ הירשביין זיך אוועקלאָזן צו די "רויטע פעלדער", אין דעם דעמאָלטדיקן בראשית פון דער קרימער קאָלאָניזאציע, וואס האָט געוואָלט לייזן די שווערע, ביטערע פּראָבלעם פון דער דעקלאסירטער יידישער מאסע — די קרבנות פון דער רעוואָלוציע.

ער איז געקומען אהין, ווי א ברודער צו א ברודער; זיך באזעצט ביים יידישן קאָלאָניסט אין זיין זעמליאנקע, אין זיין ערד־שטיבל, זיך געטיילט מיט אים זיין אָרעמען "פּאיאָק", מיט זיין שטיקל צוגעטיילטן ברויט און ביסל גרינס. ער האָט דעם נייעם יידישן פויער געהאָלפן פירן דעם אקער אויפצו־רייסן דעם נייעם "שוואַרצבראָד".

און, ווער נאָך ווי ער, האָט אזוי הארציק, אינטים געהאט באשריבן אין זיינע צוויי ביכער, "רויטע פעלדער" און "שוואַרצבראָד", דעם שווערן איבערברוך, דעם שווערן ביטערן געראנגל פונם געוועזענעם יידישן סוחר, קרעמער און הענדלער, וואס רייסט מיט ציין און נעגל די נייע פרעמדע ערד, וויל וואס גיכער שלאָגן אין איר וואָרצלען אזוי, אז קיין שום שטורעם־ווינט זאָל אים שוין מער נישט קענען אויסרייסן פון איר מיט. און ווי די שטורעמ־דיקע רעוואָלוציע האָט געוואָלט אים, דעם דעקלאסירטן, פאַרוואַנדלען איבער נאכט אין אן ערד־ארבעטער, ווי ס'איז זיין שכן דער נישט־ייד, דער פויער פון דורות . . .

דאָ, אין דעם רעוואָלוציאָנערן רוסלאנד, און אויפן באָדן פון די "רויטע פעלדער", האָט פּרץ הירשביין געהאָפט צו געפינען דאָס בשותפותדיקע אין דער מענטשלעכער פּראצע, ביים באשאף פון אייגענעם לאָבן־ברויט . . .

ער האָט אויך געהאָפט און געחלומט, אז אויך דאָ, צוזאמען מיטן פאַרזייטן בשותפותדיקן ברויט, וועט זיך אויך צעוואקסן און צעבליען אויף יאָרן לאנג דאָס יידישע וואָרט, די יידישע קולטור, ווי די קולטורן פון די אלע באפרייטע פעלקערשאפטן אין דעם לאנד. אָבער, צום באדויערן, איז עס פאַר פּרץ הירשביינען, ווי פאַר אונדז אלעמען, פאַרבליבן נישט מער ווי חלום . . .

* * * * *

אין 1936 האָט פּרץ הירשביין זיך אוועקגעלאָזן קיין ארץ־ישראל, ווו אונדזערע חלוצים האָבן מיט בשותפותדיקע כוחות זיך גענומען איינבייסן מיט ציין און נעגל אין דער הארטער, וויסטער ערד, כדי צו שאפן פאַר זיך און

פאר קומענדיקע דורות דעם בשותפותדיקן פענעץ־ברויט און מער נישט דארפן לעבן אויפן חסד לאומים.

ער האט אויסגעמאָסטן דאָס לאנד לארכה ולרחבה, פון דן ביז באר שבע. ער האט געזוכט צו דערגרונטעווען זיך צו די נשמות פון אונדזער יוגנט, וואָס האט מיט אזא לייכטקייט גענומען אויף זיך אזא שווערע, גרויסע אחריות — אויפצולעבן אן אלט גלות־פאָלק, אן אלט, וויסט לאנד און אן אלטע שפראך, און דאָס אלץ מיט הוילע הענט. ער האט באוואונדערט זייער אייזערנע עקשנות, זייער גלויבן אז זיי וועלן סוף־כל־סוף בייקומען די אלע שווערע אבני נגף, וואָס ליגן אויף זייער וועג צו גאולה און אויסלייזונג..

ער, דער גרויסער ייד, מיט א גרויס יידיש הארץ, איז געקומען קיין ארץ־ישראל, צו זיינע אָרעמע יונגע ברידער, באוואפנט מיט א סך וויסן און קענטעניש, ווי א וואנדערנדיקער שרייבער איבער לענדער און קאָנטינענטן. ער האט שטודירט דאָס לאנד, איר קלימאט, אירע געוויקסן און אירע אלטע באוווינער. מיט זיין שארפן אָדלער־בליק האט ער ארייננגעדרונגען אין די שטילע פארבאָרגענע אינטריגעס פונם ענגלישן אָקופּאנט. ער האט אויך דערזען ווי אונטער די שווארצע, לאנגע קיטלען פון יעזויטען תלמידים שארפן זיך מעסער אינם צלם . . . א קנויל פון פארוויקלטע פּראָבלעמען אלץ ארום דעם קליינינקן לענדל. און מיט די אלע שווערע פּראָבלעמען טוט זיך עס ראנגלען דער יונגער יידישער חלוץ, כדי צו פארווירקלעכן אונדזער צוויי טויזנט־יאָריקן חלום. איז ווי ווערט מען נישט פארבליפט פון אזא יוגנט־לעבער עקשנות ?

ווען איר לייענט זיין בוך "ארץ־ישראל" ווערט איר ממש פארכאפּט פאר זיין טיפן פּסיכאָלאָגישן אריינבליק און נאָך מער פאר זיינע נביאישע פאָרויסזאָגונגען, וואָס ביז אים האט נאָך קיינער עס נישט דערבליקט. מיט יעדער קאפּיטל אנטפּלעקט זיך פאר אייך נייע בילדער, טיפן, כאראקטערן און געשטאלטן. און דאָס אלץ איז געשריבן אזוי פּאָלקסטימלעך, אזוי פּשוט און קלאָר, מיטן פרץ הירשביין נוסח, אָבער מיט א צאפּלדיק הארץ. און אָט זיינען איניקע פון זיינע כאראקטעריסטישע ארויסזאָגונגען :

"דער ייד גייט אום מיט דעם וואָרט גאולה אויף די ליפּן, מיט דעם וואָרט תחיה אויף די ליפּן; יידישע דערלייזונג גייט איינעם מיט וועלט־דערלייזונג."

ער, דער שיין־גייסט, דער גרויסער מענטשן־קענער, וואָס האט שטענדיק געוויטיקט אויף דער מענטשלעכער פאריאָכונג, האט תמיד געהאט פארבונדן דעם יידישן גורל מיט וועלט־דערלייזונג. ער האט אָבער אויך געגלויבט, אז ס'קאָן נישט זיין קיין וועלט־דערלייזונג אָן דער יידישער דערלייזונג.

און וועגן דעם שווערן, חלוצים־לעבן זאָגט ער :

"מיט די וואָרצלען אויסגעריסן זיך און מיט די וואָרצלען אויף פּלייצע פאַרוואָרפן, גרייט אין מאַרש צום נאָענטן־ווייטן לאַנד, זיך איבערפלאַנצן און איינפלאַנצן".

און פּרץ הירשביין פּרעגט אויף זיין שטייגער :

"וואָס איז דער פאָדעם, וואָס בינדט צונויף די־אָ אומצופרידענע שטיינהאַקער אויף די וועגן, וואָס פירן פון שטאָט צו שטאָט; וואָס איז דער פאָדעם, וואָס בינדט זיי מיט די דאָזיקע וואָס גראָבן די ערד אין זייער אייגענעם פעלד, פאַרשרייענדיק מיט געזאַנג קדחת־פיבער, וואָס פרעסט דאָס לייב"?

און ער ענטפערט :

"אַלע, אַלע בויען זיי א ווּיסט לאַנד. אַלע, אַלע גלויבן זיי, אַז דאָס טרעטן זיי דעם וועג פאַר א געזונט פאָלק, וואָס דאַרף קומען הינטער זיי.

"אין געבונדענע מחנות זיינען די חלוצים געקומען און זיך געטיילט מיטן ביסן ברויט און מיטן טרונק וואַסער. נאָר א ברודער־טיש האָט דעמאָלט געקענט שמידן דעם ווילן אָנצוהייבן א לעבן גאָר אויף דאָס ניי און מאַכן דאָס לאַנד לעבן א ניי, יונג לעבן.

"איצט", זאָגט ער, "בינדט נישט מער די נויט, נאָר גוטער, ברי־דערלעכער ווילן האַלט דעם ברודער־טיש, וואָס איז אויך געוואָרן דער מזבח, וווּ יחיד איז דריי מאָל א טאָג מקריב זיין פערזענלעכן קאַפּריז.

"— ווּ איז דיין ברויט" ? — פרעגט ער א חלוץ. און דער חלוץ ענטפערט :

"— באַקט זיך אין ברודער־אויוון.

"— ווּ איז דיין העמד ?

"— ליגט אינאיינעם מיט די ברידער־העמדער". . .

דאָ זעט איר שאַפט זיך נישט נאָר דער בשותּפותדיקער פּענעץ־ברויט, נאָר אויך די ברידערלעכע היימלאַנד פון פאָלק און פאַרן פאָלק.

נישט איינמאָל דריקט ער אויס שרעק פאַר דער צוקונפט און זאָגט :

"ווען איך הער ווי דער מדבר זינגט אונדז אַנטקעגן, אָבער עס פרייט זיך נישט דאָס פאָלק, וואָס האָט באַדאַרפט אויסשטרעקן א האַנט און בענטשן די אַריבערגעקומענע, כאַפּט עס מיך אַרום אָפּטמאָל א ציטער. ווייל אין ערגעץ האָט אונדזער פאָלק אַזויפיל נישט ריזיקירט ווי דאָ, אין ארץ־ישראל; אין לאַנד פון ישראל — האָבן מיר געטראָפן אין דער רעכטער אויג פון וואָס פאַר א פאָלק איר זאָלט נישט אָנרופן : קריסטלעכע פעלקער, מוכאַמעדאַנישע פעלקער — אַלץ איינס, און געטראָפן אין אויג פון ענגלאַנד גופא — הלוואי זאָל עס די צייט נישט באַווייזן". . .

אזוי האָט געשריבן פּרץ הירשביין, דער שרייבער און דענקער, נאָך מיט א פּאָר צענדליק יאָר צוריק. ער, וואָס האָט פאַרמאָגט די זעלטענע פעיקייט פון קענען אונטערשיידן איין ערד־שיכט פונם צווייטן און אָנווייזן ווו ס'ליגט דאָרט טיף באהאלטן א קוואַל־וואַסער, אזוי אויך האָט ער מיט זיין שאַרפן, קינסטלערישן אויג געקענט אריינדרינגען אין די טונקע־לע לאַבירינטן פון דער נשמה פון יעדן פאָלק באזונדער, ווי איינער פון אונ־זערע גרעסטע פּסיכאָלאָגן.

* * * * *

צווישן איין לענגערער וועלט־נסיעה און דער צווייטער, פלעגט ער זיך אראָפּכאַפּן קיין מערב קאַנאַדע זיך אָפּרוען. ער איז געווען שטאַרק פאַרליבט אין די קאַנאַדער פּרעירים, ווי אין די ארגענטינער פּאַמפּאַס, און נאָך מער אין אירע פאַרכישופטע בערג. אין זיין שטענדיקן באוואונדערן דעם כוח פונם קליינינקן מענטשעלע, פלעגט ער אָפט נעמען פאַר א ביישפּיל דעם קאַנאַדער פּיאָנער, וואָס האָט אין משך פון א קורצער צייט באוויזן צעשפּאַלטן די הימל־הויכע, פעלזיקע בערג, ווו ס'שניידן זיך שוין אדורך די שטאָלענע רעלסן פון די אייזנבאַנען, און ווי דאָס דאָזיקע קליין מענטשעלע האָט זיך געהאַט דער־גרונטעוועט צו די סאַמע טיפענישן פון דער מאַמע־ערד, ווו ס'ליגן באהאלטן אין אירע געדערים אזויפיל נאַטור־אוצרות.

און נישט ווייניקער איז ער געווען באַגייסטערט פאַר אירע באַוווינער, פאַר אירע פאַרשיידענע פעלקערשאַפטן, וואָס האָבן מיט בשותפותדיקע כוחות געקענט באַזיגן די נאַקעטע, וויסטע פּרעירים און זיי פאַרוואַנדלט פאַרן ברויט־שפּייכלער פון דער וועלט.

ער האָט אויך שטאַרק באַוואונדערט די דאָזיקע קלענערע און גרעסערע פעלקערשאַפטן פון קאַנאַדע, וואָס באַמיען זיך, מער ווי אומעטום, צו וועלן אויפהאַלטן זייערע היימישע קולטורן. און אונדזער יידיש פאָלק, וואָס איז שטענדיק דער אוואַנגאַרד, דער פאָרויסגייער ביים אָנהאַלטן זיין אייגנאַרטי־קייט, זיין אַלטע קולטור־ירושה, איז אויך אין דעם לאַנד דער וועג־ווייזער. דער ייד, מיט זיין לאַנג יאָריקער עקשנות און דערפאַרונג פון זיך נישט לאָזן פאַרשלונגען צו ווערן פונם ארום, דערמוטיקט ער זיינע שכנישע עטנישע גרופּן נאָכצוטאָן זיין ביישפּיל. אזוי ארום וועט מיט דער צייט געשאַפן ווערן דער בשותפותדיקער פעלקערלעכער סימפאָנישער אָרקעסטער אויף אַלע געביטן פון מענטשלעכער קולטור, וואָס וועט ווערן א מוסטער פאַרן גאַנצן אַמעריקאַנער קאָנטינענט. אזוי האָט פּרץ הירשביין געגלויבט.

אזוי האָט פּרץ הירשביין מיט זיין אימפּעטיקן וואַנדערן איבער לענדער און קאָנטינענטן געהאַט ארויסגעפירט די יידישע ליטעראַטור אויף די ברייטע שליאַכן פון דער וועלט. און ער האָט געטראָגן דעם חזיון, די וויזיע, אז פּונקט

ווי ס'איז מעגלעך ס'זאָל געשאַפן ווערן די מענטשלעכע פאַרוואַנדשאַפט ביים באַשאַף פונם בשותפותדיקן לאָבן־ברויט, ווייל מיר זיינען דאָך אַלע קינדער פון דער זעלבער גוטער מאַמע־ערד, אַזוי אויך וועט קומען, פריער צי שפּעטער, צו אַ פאַרברידערטער מענטשלעכער קולטור. דאָס איז געווען זיין "אני מאמין", זיין טיפער גלויבן. דאָס איז די ריכט־שנור, וואָס ציט זיך ווי אַ רויטער פאָדעם דורך אַלע זיינע ווערק.

* * * * *

מיר ווילן זיך איצט אָפּשטעלן אויף אַ מאָמענט אויף זיין פיל גרעסערן ווערק, סיי אין איכות און סיי אין כמות. דאָס איז די טרילאָגיע "בבל", וווּ ער מאָלט אויף אַ ברייטער קאַנווע די שווערע גראַנגלען פונם מזרח־אייראָ־פּעישן יידישן אימיגראַנטן דור ביי זיין שלאָגן די ערשטע וואָרצלען אין דער נייער ערד. ער שילדערט אויך פאַר אונז דעם שווערן קולטור־קאַמף סיי פונם יחיד און סיי פונם קאָלעקטיוו, וואָס קלאַמערט זיך מיט די לעצטע כוחות אויפצוהאַלטן דעם אַלטן, היימישן יידישן לעבנס־שטייגער.

ער פרישט אָפּ אין אונדזער זיכרון פון דאָס ניי דעם טרויעריקן, באַרימטן סוועט־שאַפּ מיט אַלע זיינע מענטשלעכע ליידן און יסורים. מיר דערזעען ווידער די פייער־צונגען פון דער שוידערלעכער "טרייענגל־טראַגעדיע", וואָס האָבן פאַרצערט אַזויפיל יונגע אַרבעטער לעבנס. ביז ער קומט צו נעענטער צו אונדזערע היינטיקע טעג, וווּ פאַר אונדזערע אויגן וואַקסט אויס אַ נייע, גייסטיקע טרייענגל־טראַגעדיע: די אַמעריקאַנער אַסימילאַציע, די געמישטע חתונות, וואָס דראָעט צו פאַרצערן אין אירע פלאַמען די נשמות פון אונדזער יונגן דור.

אויך דאָ האָט ער אַרויסגעזאָגט אַזעלכע געדאַנקען, וואָס קלינגען נאָך היינט פאַר אונדז מיט אַ נביאישן טאָן. אויך דאָ, אין זיין טרילאָגיע, האָט ער רק געזוכט די גורלדיקע קולטור־פאַרוואַנדשאַפט צווישן דעם אַלטן און נייעם יידישן דור אין אַמעריקע. ער האָט געגלויבט ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן, אַז דער יונגער דור, שוין דאָ געבוירן און דאָ דערצויגן, וועט ענדלעך קומען צוריק צו זיין יידישן שורש און אונדזער קולטור־המשך וועט חלילה נישט איבערגעריסן ווערן.

און פונקט ווי ער האָט פאַרמאָגט אַזאַ פיין פילנדן חוש פאַר דעם סאַמע שטילסטן, דינסטן מוזיקאַלישן טאָן, אַזוי אויך האָט ער מיט זיין שפּירעוודיקסטן קינסטלערישן אויער געקאָנט אויפכאַפּן דעם ווייטן, שטילן גערויש פון די אָנקומענדע טריט פון דער געשיכטע . . .

* * * * *

מיר טאָרן נישט פאַרבייגיין און זיך נישט אָפּשטעלן אויף גאָר אַ באַזונדערן וויכטיקסטן קאַפּיטל אין פּרץ הירשביינס לעבן און אין זיין ליטע־

ראַרישן שאַפן. דאָס איז זיין געטרייע איבערגעגעבענע לעבנסבאַגלייטערין — די אײדעלע, צאַרטע אסתר שומיאַטשער־הירשביין. אַט דער דאַזיקער וווּנדערלעכער, עקזאָטישער טאָכטער, האָט ער זייער פיל געהאַט צו פאַרדאַנקען אין זיין שטייגן אַלץ העכער אויף זיין ליטעראַרישן לייטער.

זי איז פאַר אים געווען ווי איינע פון יענע חלוציש יידישע טעכטער, וואָס זיצן אונטער דער הייס־גליענדיקער ארץ־ישראל־זון, מיטן שווערן האַמער אין האַנט און האַלט אין איין צעקלאַפּן דעם שווערן שטיין אויף קליינע שטיינדלעך, כדי צו אויסצופלאַסטערן מיט זיי וועגן צו פאַרבינדן איין נייעם ישוב מיטן אַנדערן. אסתר שומיאַטשער האָט אויך אויף זיינע לאַנגע וואַנדערוועגן נישט איינמאָל געדאַרפט מיט שווערן האַמער אין האַנט צעקלאַפּן נישט איין אבן נגף אַזוי, אַז ער זאָל קענען ווייטער שפּאַנען מיט זיין אימפּעט איבער ווייטע לענדער און קאָנטינענטן.

די העכער פאַר צענדליק יאָר, וואָס אים איז באַשערט געווען צו גיין מיט איר באַנאַנד אין לעבן, זיינען פאַר פּרץ הירשביינען געווען די שעפערישסטע יאָרן פון זיין ליטעראַרישער אַרבעט. דאָס איז נאָר דערפאַר וואָס די צאַרטע, פיין־פילנדע אסתר שומיאַטשער איז שטענדיק גרייט געווען איינצופאַסן איר באַלעבאַטישקייט אין א טשעמאָדאַן און מיט־שפּאַנען מיט אים אין דער ווייטער, פרעמדער וועלט, וואָס האָט פאַר אים און פאַר איר גאָרנישט געהאַט צוגעגרייט . . . זי איז תמיד געשטאַנען, ווי א געטרייע מאַמע, ביי זיין וואַנדערנדיקן געצעלט, ביי זיין וואַנדערנדיקן שרייב־טיש און געוואַכט איבער אים און איבער זיין וואָרט־באַשאַף.

און פּונקט ווי ביי זיין טאַטן, ליפע מילנער, איז געשאַפן געוואָרן די מענטשלעכע בשותפותדיקייט ביים אַרויסברענגען דעם שווער פאַרפּראַצעווועטן לעבל־ברויט אויפן טיש פונם אָרעמען פּויער און אויפן טיש פונם אָרעמען יידישן מילנער, אַזוי אויך האָט די דאָזיקע בלוט־פאַרוואַנדשאַפט צווישן אסתר שומיאַטשער און פּרץ הירשביין געהאָלפן שאַפן און אַרויסברענגען דעם אַזוי נערופענעם "לחם הפּנים" אויף אונדזער ליטעראַרישן טיש . . .

פּרץ הירשביין, וואָס האָט געהאַט אָנגעפאַנגען זיינע ערשטע ליטעראַרישע טריט מיטן ליד, און איז באַלד אַריבערגעגאַנגען צו דער דראַמאַטישער נאָוועלע, רייזע באַשרייבונגען, און שפּעטער, צום ליטעראַרישן ראָמאַן, וואָלט מסתמא, ווי א סך אַנדערע שרייבער־דיכטער פון זיין דור, געווען צוריקגעקומען צום ליד. אָבער זינט ער האָט געפונען איז דער ווייטער מערב קאַנאַדע, אין דעם יידישן שטעטל, קאַלגאַרי, זיין באַשערטע אסתר, האָט ער דאָס פעלד פון פּאָעזיע איבערגעלאָזן צו איר.

און נישקשה, ער האָט ב"ה געהאַט אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן. אסתרס גאַנג אין דער פּאָעזיע איז אַן אייגנאַרטיקער, ווי אייגנאַרטיק עס איז

איר פּערזענלעכקייט. זי האָט איר קינסטלערישן וואָרט ביי קיינעם נישט געבאָרגט. דאָס איז אין איר זכות עצמה.

אוודאי איז זי שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון איר גרויסן מאַן, דעם קינסטלער, ווי ער אַליין איז אין זיין יוגנט שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון י. ל. פּרצן און פון ח. נ. ביאַליקן. דאָס איז דער וועג פון יעדן קינסטלער, וואָס גייט נאָכדעם אַוועק מיט זיין אייגענעם טראָט אין דער ליטעראַטור. ביי אסתר שומיאַטשער־הירשביין אין הארצן און אין איר נשמה האָט שוין לאַנג געהאַט געטליעט דער פונק פון שירה, פון פּאָעזיע. און ביי איר ערשטער באַרירונג מיט דער יידישער ליטעראַטור און אונטער דער גייסטיקער השפּעה פון איר מאַן, דעם דיכטער, האָט איר טליענדיקער פונק אין הארצן זיך ערשט צעצונדן. ווי זאָגט דאָרט "דאָס שוועבעלע", אין אליעזר שטיינבארגס משל: "איך אין א רגע האָב געגעבן און גענומען פייער"... היינט צו טאָג פאַרנעמט אסתר שומיאַטשער־הירשביין א גאַנץ וויכטיקן פּלאַץ צווישן אונדזערע אָנגעזעענע יידישע דיכטערינס.

* * * * *

אויף זיין וועג צו זיין אַזוי געראָפענער, היים־שטאָט, קאַלגאַרי, וואָס ליגט צופוסנס פון די וועלט־באַרימטע ראָקי־בערג, פלעגט ער שטענדיק זיך אָפּשטעלן אין וויניפּעג, וואָס איז "אַמאָל" באַטיטלט געוואָרן מיטן נאָמען "ירושלים דקאַנאַדע"... דאָ האָט ער זיך געפילט ווי א בן־בית. דאָ פלעגט ער האַלטן סעריעס לעקציעס איבער ליטעראַטור, איבער וועלט־פּראָבלעמען און זיך אויך געהאַט געטיילט מיט אונדז מיט זיינע רייזע איינדרוקן, און אַזוי אַרום אונדז פאַרבונדן מיט ווייטע יידישע ישובים איבער גאָר דער וועלט.

הגם ער איז נישט געווען באַשאָנקען מיט קיין גרויסן רעדנער־טאַלאַנט, דאָך איז געווען אָנגענעם אים צו הערן ריידן, ווייל מ'האָט שטענדיק געפילט אַז וואָס ער זאָגט קומט פון די טיפענישן פון זיין נשמה. דערפאַר האָט יעדער עפנטלעכער אַרויסטריט זיינער תמיד געהאַט צוגעצויגן א גרויסן עולם. ווייל ווי שוין געזאָגט, איז ער סיי אין זיין אויסזען, און סיי אין זיין געשטאַלט און אין זיין גאַנצן מהות, געלעגן עפּעס אַזויפיל קדושה, אַזויפיל יום־טובדיקייט, וואָס האָט אייך פאַרכאַפּט. ווען נאָר ער האָט זיך געהאַט באַוויזן מיט זיין געשטאַלטנער פיגור און גענומען שפּרייזן מיט זיין ברייטן שפּאַן איבער דער גאַס, פלעגן פאַרבייגייער זיך אָפּשטעלן קוקן און גאַפן. און אין דער זעלבער צייט האָט ער פאַרמאָגט אין זיך אַזויפיל פּשטות און צוגעלאָזנקייט צו יעדן פאָלקס־מענטש, ווי דער דאָזיקער פאָלקס־מענטש וואָלט געווען זיינער א נאָענטער אין דער משפּחה.

א גאָר באַזונדערע חיבה יתירה האָט פּרץ הירשביין אַרויסגעוויזן צום יידישן פאָלקס־לערער. ער פלעגט נישט איינמאָל זאָגן מיט זיין

שטענדיקן נוסח : „מיר שרייבער און דיכטער פילן, אז צווישן אונדז און אייך לערער איז פאראן א גייסטיקע פארוואנדשאפט — דאס איז די בשותּפותדיקייט פון אונדזער אקערן, זייען און פלאנצן דאס יידישע ווארט, די יידישע קולטור אין די הערצער פון אונדזערע קינדער, פון אונדזער צוקונפטיקן דור״. אין דער סביבה פון שול און לערער, פלעגט ער זיך אננעמען מיט מוט און גלויבן און גאר יינגער ווערן.

די אלע, וואס זיינען געקומען מיט אים אין אפטן קאנטאקט, טראגן נאך אלץ אין זיך דאס בילד פון זיין ליכטיקער פערזענלעכקייט. ס׳איז אפט שווער און פיינלעך שלום צו ווערן מיטן געדאנק, אז ער איז שוין מער נישטא צווישן אונדז. ס׳דוכט זיך אפט, אז ער איז גאר נישט אוועק פון אונדז, נאר דאס האט ער זיך צוגעלייגט אביסל זיך אפרוען פון זיינע לאנגע, ווייטע נסיעות איבער דעם גרויסן ערד־קיילעך . . .

אבער אזוי לאנג ווי עס וועט לעבן די יידישע ליטעראטור אין אונדזערע ביידע שפראכן, וועט לעבן אינם פאלקס־געדעכעניש דער גרויסער ייד און דער שיינער ווארט־קינסטלער — פרץ הירשביין.

.1952

מאני לייב

די שנעלע פֿאַנאַנדערבליונג פֿון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמע־ריקע, איז אַן און פֿאַר זיך נישט קיין קלענערער נס ווי דער נס פֿון דעם אויפֿקום פֿון אונדזער גרעסטן יידישן ישוב אויפֿן היגן קאָנטינענט. ביי אַנדערע, גרעסערע פֿעלקער, וואָס האָבן געפֿירט אַ נאָרמאַל לעבן, אויף זייער אייגענער ערד, האָט דער דאָזיקער פּראָצעס געדויערט הונדערטער יאָרן ביז ס'איז אויפֿגעקומען ביי זיי אַ ליטעראַטור. אָבער אונדזער פֿאָלק, דאָס אַזוי געראָפֿענע עמא פּזיזא, האָט עס באַוויזן צו שאַפֿן אין אַ קורצער צייט, אין משך פֿון בלויז עטלעכע צענדליק יאָר, כמעט ווי פֿאַר אונדזערע אויגן.

די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע איז, ווי דער מעשה בראשית באַשאַף, אויפֿגעקומען פֿון כאַאָס, פֿון אַ תוהו ובוהו. דער ערשטער יידישער אימיגראַנטן־דור פֿון מזרח־אייראָפּע, אין די 80סער יאָרן פֿונם 19טן יאָר־הונדערט, האָט נאָך בכלל נישט געהאַט פֿאַרמאָגט קיין שום ליטעראַרישע טראַדיציע. ער האָט זיך געהאַט דערצויגן בלויז אויף אַ רעליגיעזער ליטע־ראַטור פֿון חדר, בית־מדרש און ישיבה. פּלוצלונג איז ער אויסגעריסן געוואָרן מיט די וואָרצלען פֿון זיין אַלטן, שטעטלדיקן יידישן לעבנס־שטייגער און איז אַריינגעפֿאַלן אין אַ נייער, פֿרעמדער קולטור, אין דער שטורעם און דראַנג עפּאָכע פֿון דער גרויסער, שטאַטישער אַמעריקאַנער אינדוסטריע, וואָס האָט געהאַלטן אין איין צעמאָלן צווישן אירע שווערע מילשטיינער נישט איין סדר־העולם מיט אַלטע, איינגעפֿונדעוועטע טראַדיציעס.

און דאָ קומט דער גרויסער נס פֿון אונדזער יידישער ליטעראַטור: די גרויסע מאַסע יידישע אימיגראַנטן, וואָס איז על פּי רוב דאָ פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַפּערעיטאָרס, אין דעם טרויעריק־באַרימטן סוועט־שאַפּ, האָט באַלד געגומען אַרויסגעבן פֿון זיך אַ רייע שרייבער און דיכטער, ווי דוד עדלשטאַט, יוסף באָווּשאָווער, מאָרים ווינטשעווסקי, מאָרים ראָזנפֿעלד, ז. ליבין, לעאָן קאָברין א״א, וואָס האָבן מיט זייער ליד, מיט זייער דערציילונג, געגעבן אויסדרוק צו דעם ים טרערן און שוויים פֿון זייערע אָרעמע, אומ־גליקלעכע ברידער און שוועסטער — אימיגראַנטן — די קרבנות פֿון דער דעמאָלטדיקער שרעקלעכער, מענטשלעכער עקספּלואַטאַציע.

איז אין דער דאָזיקער סביבה פֿון די פֿינצטערע סוועט־שעפּער, אין די חושכדיקע, פֿייכטע טענעמענט־הייזער, וווּ עס האָט געהערשט נויט און,

דחקות, איז באלד אוועקגעלייגט געוואָרן דער יסוד פאַר דער שפּעטער־דיקער מאָדערנער, יידישער ליטעראַטור.

* * * * *

ערשט מיטן אָנקום פון דער גרופּע "יונגע" שרייבער און דיכטער, האָט די יידישע ליטעראַטור, באַזונדערס די יידישע פּאָעזיע, זיך געהאַט פאַרנומען אויף גאָר א ברייטן שליאַך, גענומען איינפירן נייע פאָרמען, נייע אידייען: זיך געשטעלט מיטן פּנים צום יחיד, צו איינצעלנעם מענטש, מיט זיינע איבערלעבונגען, שטימונגען און געראַנגלען. יעדער דיכטער איז געקומען מיט זיין אייגענעם "איבישן" ליד. דאָס איז געווען די פּעריאָדע פון זינגען לשם זינגען; מייסטערן, פיילן און פּוצן דאָס וואָרט בלויז צוליב דער שיינקייט פונם וואָרט.

אָבער מיטן וווקס פונם יידישן לעבן אויף דער נייער ערד, איז דער קינסטלער געצוווּנגען געוואָרן זיך ארויסצורייסן פון זיינע ענגע דלד אמות, פון זיין אייגענעם "אָנובישן" מאָטיוו און זיך נעמען פאַרן פאָלקס־מאָטיוו. און נאָך לאַנגע זוכענישן און געראַנגלענישן האָט די דאָזיקע גרופּע "יונגע", ווי זיי האָבן זיך דעמאָלט גערופן, דערהויבן דאָס דאָזיקע יידישע וואָרט צו דער סאַמע העכסטער קינסטלערישער מדרגה, און מיט זייערע קינסטלע־רישע ווערק געהאָלפן פורעמען אונדזער קולטורעל־גייסטיקן יידישן לעבן אויף דער נייער ערד. און צווישן דער דאָזיקער פּלעיאַדע יידישע וואָרט־קינסטלער, האָט דער דיכטער מאַני־לייב פאַרנומען זייער א חשובן פּלאַץ.

* * * * *

די אַנטפּלעקונג מאַני־לייב, פאַר דער יידישער דיכטונג אין אַמעריקע, איז אויך א גרויסער נס: דער יונגער לעבנסלוסטיקער מאַני־לייב האָט אויף דער נייער פרעמדער ערד זיך געהאַט דערפילט עלנט און פאַרלאָרן. ווען איך לייענט זיינע ערשטע לידער, וואָס זיינען אין 1918 אַרויס אין בוך־פאָרם, באַפאַלט אייך א טרויער. ער האַלט זיך אין איין קלאָגן:

"איך בין עלנט אויף דער וועלט
"מיך פון הונגער און קעלט.

ער האַלט זיך אין איין ראַיען אינם טראַגישן גורל פונם דיכטערס עלנט, פונם דיכטערס פאַרלאָרענע נשמה אין דער גרויסער שטאָט פון שטאָל און אייזן. נישט איינמאָל דערגייט זיין ליד ממש צו יאוש, צו אַפּאַטיע און צו האָפנונגלאָזיקייט.

"ארום מיר ברוינט און קאָכט א מעכטיק לעבן; ס'ראַשט און עס זידט א מענטשן־ים. העל־באַלויכטענע באַנען ברילן, ווי שלאַנגען פליענדיק דורך דעכער אין דער הויך, און אונטן ראַיען זיך אין ראַש ליכט און רויך, טראַמוויען, פורן, מענטשן און אויטאָמאָבילן, און דיינע אויגן זיינען קאַלט

און אויסגעלאַשן. זיי פירן דיך אין דעם ראש פון די גאַסן אום, נאָר פרעמד איז דיר די וועלט וואָס רינגלט דיך ארום. דו הערסט אַ פרעמדן, אומבאַ־קאַנטן לשון, דו הערסט דאָס פרעמדע לעבן רעדט, נאָר שטום די ליפּן דיינע זיינען — שטום און געשלאָסן".

אזוי גייט ליד נאָך ליד.

דאַכט זיך, וואָס קאָן נאָך זיין שענער פון אָט דעם פאַרכאַפּנדיקן בילד, ווען דו זעסט ווי אין דער גרויסער שטאָט ניו־יאָרק טוען זיך ביינאַכט אין מיליאָנען פענצטער, מיליאָנען לאָמפּן־ליכט צעשפּילן? אָבער ער זעט עס נישט. אין זיינע אויגן וויינט דער הארבסט, וויינט און קלאָגט די עלנטע, פינצטערע נאַכט. אזוי בלייבט ער תמיד פאַרזונקען אין זיינע טרויעריקע, פינצטערע נאַכט־שטימונגען. אפילו דער העל־צעלויכטענער טאָג איז אויך נישט זיין פריינד. נישט איינמאָל הערן מיר אים אויסשרייען מיט פאַר־צווייפלונג: "קיינער קומט נישט צו מיין שוועל! נישטאָ אפילו ווער זאָל כאָטש אַ שליידער טאָן אין שויב צו דיר אַ שטיין!"

נו, האָט ער פאַר כעס געכאַפּט און פאַרהאַנגען מיט אַ טונקעלן פאַרהאַנג זיין פענצטער, טיר און לאַדן, פאַרהאַקט, און דערקלערט אַ ברוגז דער וועלט אזוי, אז ס'האָט געדראָט אַ געפאַר, אז דער שפּעטערדיקער גרויס־געוואָרענער קינסטלער זאָל שוין אזוי אויף שטענדיק בלייבן זיצן פאַר אונדז אונטער פאַרהאַנגענע פענצטער . . .

און די ביטערע איראָניע איז, וואָס נישט איין יידישער דיכטער איז שיר נישט דערשטיקט געוואָרן פון עלנט און אומעט דווקא אין דער גרעסטער יידישער קהילה, אין דער יידישער ניו־יאָרק רבתי . . .

אוואדע איז יעדער דיכטער, יעדער שעפערישער קינסטלער, וועמען דער גורל האָט באַשטימט צו גראָבן און צו דערגרונטעווען זיך צו דעם מיסטעריעזן וואָרט־באַשאַף, שוין פאַרמשפּט צו עלנט, צו אָפּריכטן "חצות" אויף זיינע איינזאַמע, אומרויקע, צעריסענע נעכט. אזוי איז שוין דער גורל פונם איש הרוח, פונם בעל החזיון.

אָבער דער אמתער, גאָט־געבענטשטער קינסטלער, דאַרף זיך קענען געבן אַ שטעל, אַ כאַפּ טאָן דעם אומעט ביי דער טשופּרינע, צערייסן דעם טרויער נעץ־געוועב ארום זיין נשמה, און געפינען פרייד און מנוחה אין זיין יצירה, ווען די דאָזיקע יצירה טראָגט אין זיך גרויסע ווערטן און עולמות אריין.

אָבער אזעלכע לידער וואָס דריקן אויס בלויז דעם אייגענעם טרויער, מעגן זיי זיין ווי שיין באַקליידעט און באַפּוצט, זיינען פאַרגענגלעך; זיי זיינען נישט מער ווי די שיינע פיל־קאָלירנדיקע שמעטערלינגען, וואָס מיטן ערשטן בלאָז פונם קאַלטן הארבסט, פאַרשווינדן זיי ווי דער קיקיון דיונה. על כל

פנים מיט יידישן לעבן, מיט יידישער קונסט האָבן זיי קיין שום שייכות נישט; זיי זיינען פרעמד דער יידישער טראַדיציע, וואָס האָט אונדז שוין לאַנג געלערנט, אַז דאָרט וווּ עס הערשט עצבות, טרויער, יאוש, קאָן נישט רוען דער רוח־הקודש, וואָס איז דער רוח החיים, די טרייב־קראַפט צו גייס־טיקער שעפערישקייט און צו אמתער יצירה.

* * * * *

ענדלעך, נאָך לאַנגע זוכענישן, גראַנגלען און גילגולים, האָט זיך דער יונגער דיכטער מאני־לייב זיך געפונען און זיך אַנטפּלעקט פאַר אונדז אין זיין אמת־קינסטלערישער געשטאַלט.

דאָס איז געשען, ווי מיר שטעלן זיך פאָר, אין אַ ווינטערדיקער נאַכט, ווען אין קוימען האָט אַזוי וואָיענדיק געקלאָגט דער ווינט, איז דער דיכטער זיך געזעסן ביי זיין וואַרעמען אויוועלע, געקוקט מיט זיינע טרויעריקע אויגן אויף די צעגליטע קוילן און בעת מעשה פילאָזאָפירט זיינע אומעטיקע מחשבות וועגן זיין און תכלית פון זיין עלנטן, שרייבערישן לעבן. האָט פּלוצלונג זיך אַנטפּלעקט פאַר אים אונדזער אַלטער — אייביק־נייער, יידישער קוואַל פון דער יידישער לעגענדע, פון דער יידישער באַלאַדע, פונם יידישן פאָלקס־מאָטיוו.

* * * * *

דער קינסטלערישער מאני לייב איז, ווי אַ דאַרשטיקער, באַלד צו־געפאַלן צו אָט דעם יידישן קוואַל, צו אָט דעם אָנגעזאַמלטן פאָלקס־אוצר, און גענומען שעפּן פון אים גאַנצע הויפנס, ביז ער איז אַזש פאַרכלינעט געוואָרן. פון זיין קינסטלערישער פּען האָט באַלד גענומען פליסן איין פאָלקס־מאָטיוו נאָכן אַנדערן, איין פאָלקס־מעשה נאָך דער צווייטער. ס'איז גענוג בלויז צו דערמאָנען אַ טייל פון זיי, ואלה הם: "דאָס ליד פון ברויט", "דריי מלאכים", "דער פרעמדער", "דער שלאָף", "די נויט", "גזלנים", "בלימעלעך און קרענצעלעך", און די שענסטע, די פאַרכאַפּנדיקסטע צווישן זיי, — די קינ־דער מעשה "יינגל צינגל כוואַט", און צענדליקער אַנדערע, וואָס זיינען זיך באַלד געהאַט צעגאַנגען אין צענדליקער אויפלאַגעס איז אַמעריקע, פּוילן, וואַרשע, ווילנע. און יידישע מאָלער־קינסטלער, ווי מאַרק שאַגאַל און אַנדע־רע, האָבן צו זיי געשאַפן כל־ערליי בילדער און אילוסטראַציעס.

און דאָס אַלץ איז געשריבן אַזוי פּשוט, אַזוי אינטים, מיטן אמתן שפּילעוודיקן, פאָלקסטימלעכן יידיש. מיטן זעלטן־שיינעם, צאַפּלדיקן ריטם און גראַם. אויף אַלע זיינע קינדער־מעשהלעך ליגן אויסגעגאָסן אַלע זיבן חנען, זיינען אַזוי פאָלקסטימלעך, באַזעלט מיט יידישן הומאָר, מיט יידישער פאָלקס־חכמה, פאַרשפּונען און פאַרוועבט אפילו מיט יידישן מוסר־השכל, מיט יידישן לעבנס־שטייגער אַזוי, אַז זיי פאַרכאַפּן ממש יונג און אַלט, ווייל ס'איז אמתע קונסט, געשעפּט פונם אייגענעם יידישן קוואַל.

ווען איר לייענט זיין גרעסערע קינדער־מעשה "ייִנגל צינגל כוואַט", דערזעט איר באַלד פאַר זיך דאָס גאַנצע שטעטל, מיט אירע שטיבלעך, מיט אירע ענגע געסלעך, מיטן מאַרק און באַרג, ווי ייִדן שמייען אום און לויפן, דינגען, קויפן און פאַרקויפן. און אָט יעמוד די חברה ייִדישע קונדסים, וואָס מאַכן קונצן, הילכן, קוויטשען! און אָט קומט דער אָסיען מיט זיינע רעגנס און פאַרטרינקט דאָס גאַנצע שטעטל מיט אַ גדיכטער, קלעפּיקער בלאָטע. גאַנץ שטעטל איז ווי אין אַ קלעם, פאַרטרויערט און פאַרקלאָגט. נישטאָ קיין מאַרק, קיין יאַריד; נישטאָ מיט וואָס שבת צו מאַכן, אַלץ צוליב דער פאַרשאָלטענער בלאָטע.

דער איינציקער וואָס שרעקט זיך נישט, איז דער וווּנדערבאַרער שטיפער "ייִנגל צינגל כוואַט", כאָטש ער שטייט שוין אַליין ביזן האַלדז אין בלאָטע. עס באַווייזט זיך פּלוצלונג דער גוטער פריץ, דער פאַרשטעלטער אליהו הנביא, שענקט אים אַזאַ מין כישוף־רינגעלע. כאַפּט באַלד דער מזיק ייִנגל צינגל אָט דעם כישוף־רינגעלע, גיט מיט אים זיבן מאָל אַ דריי און עס הייבט באַלד אָן פאַלן אַ שניי און ראַטעוועט אַרויס דאָס גאַנצע שטעטל פון דער טיפער בלאָטע. און אויב איר ווילט, איז דאָס אויך אַ סימבאָלישע מעשה: אונדזערע "ייִנגלעך צינגלעך" האָבן דאָך נישט איינמאָל אונדז גע־פּרוווט אַרויסצורייסן און אונדז אַרויסצוראַטעווען פון דער פאַרזונקענער, שטעטלשער בלאָטע . . .

און אָט איז אַ צווייטע באַלאַדע, אַ צווייטע פאָלקס־מעשה, "דער פרעמדער". אין אַ קאַלטער, פינצטערער נאַכט, גייט דער פרעמדער מיט אַ טאָרבע אויף די הענט. שאַרט ער, האַרט זיך ביי די ווענט. ער קלאַפּט אָן אין אַ פּאַלאַץ־טיר. ער בעט מיט רחמנות אַ שטיקל ברויט און נישט מער. אָבער דער רייכער, בייזער באַלעבאָס, טרייבט אים אַוועק, פאַרהאַקט הינטער אים די טיר.

גייט אַזוי דער פרעמדער אַ הונגעריקער, אַ מידער, ביז ער דערזעט פון דער ווייטנס אַן אָרעם, פינצטער שטיבל שטיין. לאָזט ער זיך צום שטיבל גיין. קלאַפּט ער אָן, עפנט מען פאַר אים ברייט די טיר. נעמט באַלד דער פרעמדער אָפּצאַלן דעם אָרעמען, גוטינקן, מכנים אורח מיט אַל־דאָס גוטס. מניה וביה צינדט דער לאָמפּ אַליין זיך אָן און דער אויוון הייצט מיט האַלץ אַליין זיך איין, און עס ווערט אַליין דער טיש פול מיט טעלער, פלייש און פיש, און מיט חלות און מיט ברויט, ווי אויף יום־טוב צוגעגרייט.

און דאָס אַלץ האָט דער אַלטיטשקער, גוטער אליהו הנביא, "דער פרעמדער", צוגענומען פונם פּאַלאַץ, פונם רייכן באַלעבאָס, דעם אכזר, און עס אַריבערגעבראַכט צום אָרעמאַן אין שטיבעלע.

ווי איר זעט, פאַרמאָגט אויך די דאָזיקע מעשה אַ מוסר־השכל, אַ רעליגיעזן מאָטיוו פון שכר ועונש. אַ פּשוטע פאָלקס־מעשה ווי אַ סך

אנדערע הונדערטער מעשות פון אָט דעם מין. אָבער דער קינסטלער מאַני לייב האָט אויף איר אַרויפגעצויגן זיין קינסטלערישן לבוש, וואָס פאַרכאַפּט מיט איר ריטם און גראַם, און מיט איר מוזיקאַלישן טאָן. אַזוי זיינען אַלע זיינע באַלאַדעס און אַלע זיינע פאָלקס־מאָטיוון, וואָס ער האָט פאַרוואַנדלט אין היינט־צייטיקע. ווען איר לייענט זיי, קריגט איר דאָס געפיל ווי איר וואָלט איצט געזעסן אין דער אַלטער היים, ביי דער וואַרעמער לעזשאַנקע, און איר הערט זיך צו מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם ווי די מאַמע אייערע דער־ציילט אייך איין מעשה נאָך דער אַנדערער.

פון אָט די אַלע פאָלקס־מאָטיוון איז דער שענסטער מאַני לייבישער קראַנץ "בלימעלעך און קרענצעלעך", וואָס דער צאַרטער דיכטער האָט אַריינגעבראַכט אין דעם פיל־קאָלירנדן בוקעט־בלומען פון אונדזער מאָדער־נער, יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע.

און ווי גיך דער דיכטער מאַני לייב האָט מיט זיין קינסטלערישער פען זיך געהאַט צוגערירט צום יערת דבש פון דער יידישער פאָלקס־לעגענדע האָט זיך, ווי מיט אַ כּישוף־שפּרוך, באַלד אָפּגעטאָן פון איס זיין איינגעגע־סענער אומעט. מיר האָבן באַלד דערזען פאַר זיך אינגאַנצן אַן אַנדער מאַני לייב, וואָס איז גאָר נישט ענלעך אויפן פריערדיקן מאַני לייב. דער שפּע־טערדיקער מאַני לייב איז גאָר אַ ייִנגערער, אַ שפּרודלדיקער, אַזאַ פרײלעכער, וואָס האָט אַליין אויך הנאה אַ לאַך צו טאָן און אַ שטיף צו טאָן, ווי עס פּאַסט פאַר אַ "יינגל צינגל כוואַט". . .

יאָ, נאָך לאַנגע בלאָנדזשעניש, האָט מאַני לייב געהאַט געפונען זיין אמת׳ן, ליטעראַרישן, קינסטלערישן וועג, וואָס ציט און שלענגלט זיך צום יידישן קוואַל, צום יידישן שורש. ערשט דעמאָלט האָט ער געפונען זיין תיקון, זיין גייסטיקע מנוחה. דאָס איז די גרויסע פרייד פון יצירה, פון גרויסער שעפערישקייט, ווען דיכטער־קינסטלער דערהערט אין זיך דעם קול דממה דקה: כי טוב! . . עס איז גוט! . .

אָט מיט דעם באַגלייט פון "כי טוב" איז מאַני לייב שוין געגאַנגען אַלץ ווייטער אין דער ליטעראַטור, אַ משך פון העכער דריי צענדליק יאָר, ביז דער טויט האָט אים צוגענומען פון אונדז.

ער האָט פאַרפאַסט ממש הונדערטער לידער און סאָנעטן, וואָס האָבן זיך געהאַט געדרוקט אין דער יידישער פּרעסע, אין פאַרשיידענע זשורנאַלן און פּעריאָדישע אויסגאַבן איבער גאָר דער וועלט. ערשט אויף זיין קראַנקן בעט אין דעם ליבערטי סאַנאַטאָריום פונם אַרבעטער רינג, האָט ער גענומען מאַכן אַ "כינוס", אַן אָפּקלייב פון זיין צעזייטן און צעשפּרייטן גייסטיקן פאַרמעגן. אָבער, ווי שוין געזאָגט, האָט אים דער טויט פאַרכאַפּט. מיר ווילן אָבער האָפן און גלייבן, אַז עס וועלן זיך געפינען יחידי סגולה, וועמען

ס'איז ליב און טייער געווען מאַני לייבס לידער און פּאָעמעס, וואָס וועלן זיינע צונויפגעזאַמלטע ווערק אָפּדרוקן אין א בוך פאָרם. ערשט דעמאָלט וועט די יידישע ליטעראַרישע וועלט דערזען די גרויסע, הערלעכע, גייס־טיקע ירושה פון איינעם פון אונדזערע גרעסטע דיכטער און וואָרט־קינסטלער.

* * * * *

דער יידישער פאָלקס־לערער, איבער גאָר דער וועלט, איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט באַלד אַנטדעקט דעם גרויסן, קינסטלערישן, דער־ציערישן ווערט פון מאַני לייבס מעשות און באַלאַדן, און מיט פרייד זיי באַלד אַריינגעבראַכט אין דער יידישער פאָלקס־שול.

מאַני לייב, ווי זיין עלטערער חבר, אברהם רייזען, איז באַלד געוואָרן א תושב, א בן־בית אין דער יידישער פאָלקס־שול. כמעט אין אַלע אונדזערע שול־כרעסטאָמאַטיעס פאַרנעמט ער דעם אויבנאָן. עס איז כמעט נישטאָ קיין איין שול־יום־טוב, אַז אונדזערע קינדער זאָלן נישט דעקלאַמירן און אויסשפּילן זיין פאָלקס־מעשות, וואָס אין קינדערשן מויל באַקומען זיי ערשט דעם אמתן, יידישן חן, דעם אמתן, יידישן טעם.

ס'האָט זיך געשאַפן א חוט־המשולש פון אונדזערע דריי קנינים: יידישער פאָלק־דיכטער, יידישער פאָלק־לערער און יידישער פאָלק־שול, וואָס האָבן זיך איינע די אַנדערע דערגענצט, איינע די אַנדערע געשטאַרקט.

און פּונקט ווי אין זיין מעשה "דער פרעמדער", וואָס האָט אין א קאַלטער, פינצטערער נאַכט זיך געשאַרט ביי פרעמדע ווענט, ביי פרעמדע טירן, געזוכט אביסעלע רו, א וואַרעמען געלעגער, האָט ער עס נישט געקענט געפינען אין דעם רייכן פּאַלאַץ, נאָר געפונען האָט ער עס אינם אָרעמען שטיבל, אַזוי אויך האָט דער יידישער פאָלקס־לערער, ווי דער אָרעמער גוטער מכנים־אורח, באַלד אויפגעפּראַלט פאַרן דיכטער די טיר פון דער אָרעמער יידישער שול, און מיט פרייד אַריינגעפירט אים אין שטוב, אַוועקגעזעצט אים אויבנאָן ביים טיש, וואָס איז געווען געדעקט מיט "ליד פון ברויט", אויסגעקנאָטן און אויסגעבאַקן מיט מאַמע־יידיש, באַווירצט מיט שמעקעדיקן קימל פון מאַני לייבס ריטם, גראַם און וואָרט־שפּיל.

צו אַזא זכות, צו אַזא וואַרעמען "הכנסת אורחים" אין דער יידישער שול, האָבן ביי אונדז זוכה געווען בלויז געציילטע יידישע דיכטער און צווישן זיי — מאַני לייב.

* * * * *

דער יידישער פאָלקס־לערער פילט דעריבער א סך מער דעם ווייטיק, די גרויסע פאָלקס־אבידה מיט מאַני לייבס אַוועקגיין פון אונדז. אָבער מיר האָבן איין טרייסט־וואָרט זיך צו זאָגן: מיט אַן ערך דריי־פיר צענדליק יאָר צוריק האָט דער דעמאָלטדיקער יונגער עלנטער דיכטער, אין זיין פאַרצווייפ־לונג, זיך געהאַט געפרעגט:

"זאג, אומגליקלעכער, ווער וועט זיך ווייזן אויף דיין שוועל; זאג, אומגליקלעכער, וועט כאטש זיין ווער ס'זאל א שליידער טאן אין שויב צו דיר א שטיין?"

ניין, דיכטער! אין דיין שויב האט מען קיין שטיין נישט געשליידערט! נאר פון אונטער דיין פענצטער האבן קינדער בכל תפוצות ישראל, מיט קינדערשער פרייד געהאט אויסגעזונגען דיין ליד, דיין פארכישופט מעשהלע. און מיט גרוים ליבשאפט האבן זיי געטראגן דיין נאמען מאני לייב אויף זייערע ליפן.

דער יידישער פאלקס־אינטעליגענט, ווו ער זאל נישט זיין, וועט זיכער האלטן און מקיים זיין די צוואה וואס דער דיכטער האט מיט געבעט אונדז אנגעזאגט אין זיין ליד "צו געדענקען" :

"פון שטויב האט גאט מיך אויפגעהויבן
"און מיך דערהויבן איבער אייך
"אז איך זאל אייך כבוד לויבן,
"אז איך זאל גרויסן אייער נאמען,
"אז ווען איך וועל נישט זיין מיט אייך —
"זאל זיין מיט אייך מיין נאמען. אמן.

יא, אזוי לאנג ווי אונדזער מאמע — יידיש, וועט לעבן, וועלן מיר טייער האלטן די דאזיקע צוואה דיינע. יידישע קינדער וועלן נאך ווייטער זיך פרייען מיט דיין ליד, מיט דיין שיינער פאלקס־מעשה. און ווען דו, מייסטער פונם יידישן ליד, ביסט שוין מער נישטא מיט אונדז, וועט נאך אלץ דיין נאמען, דיין ליד זיין מיט אונדז!

צו זיינע שלושים, נאוועמבער, 1953.

דוד איגנאטאָוו

זיין טעמאטיק איז אזוי פארשיידנארטיק, ווי ער איז אייגנארטיק אין זיין גאנג אין דער ליטעראטור. אָט האָט ער אונדז געגעבן א בוך מיטן נאָמען "איז קעסלגרוב", וווּ ער האָט געשילדערט די חבלי־לידה, די שווערע געראנגלען פונם ערשטן דור יידישע אימיגראנטן; און אָט איז ער געקומען מיט א ניי ווערק "דאָס פארבאָרגענע ליכט", וואָס איז געבויט אויף די וואונדערלעכע מעשות פון ר' נחמן בראצלאווער; באלד האָט נאָכגעפאָלגט א פאנטאסטיש בוך "וואונדער פונם אלטן פראג"; פון דאָרט איז ער אוועק אזש צום "גיבור", צו דער ביבלישער מעשה יפתח און זיין טאָכטער; און אָט האָט ער זיך א קער געטאָן צו דער יידיש־סאָציאליסטישער אימיגראציע פונם סוף 19־טן י"ה, און אונדז מזכה געווען מיט א וואונדערלעכער טרילאָגיע "אויף ווייטע וועגן", וואָס ער האָט געהאט באטראכט מיט רעכט, פאר זיין קרוין־ווערק; און צום סוף פון זיינע טעג, האָט ער ווידער א שפאָן געטאָן צום ווייטן עבר, צו דער שופטים־עפּאָכע, און אונדז באשאָנקען מיט א צווייטן שופט־גיבור "גדעון", אין א פּאָעטישער פאָרם.

אזוי האָט ער זיך געוואָרפן פון איין טעמע צו דער צווייטער. ער האָט נאָך נישט געהאט באוויזן אויסצולאָזן פון זיך איין טעמע, איין קינסט־לערישע פּראָבלעם, און ס'האָט שוין אָנגעיאָגט אין אים א צווייטע, א דריטע טעמע און געמאָנט ביי אים א תיקון.

אָבער נאָכן איבערלייענען כסדר זיינע ווערק, דערשפּירט מען, אז ס'איז פאראן צווישן זיי א געוויסע, קינסטלערישע, אידייעשע פארבינדונג; איין ווערק איז ווי א המשך צום צווייטן. ווארום מיט די זעלבע דראמאטישע פּראָבלעמען מיט וועלכע ס'האָט זיך געהאט געראנגלט זיין ביבלישער העלד "גדעון", מיט העבער דריי טויזנט יאָר צוריק, — דער געראנגל צווישן ייד און גוי, צווישן גאָט יעהאָוואַ, ווי ער קומט שפּעטער צום אויסדרוק פון די נביאים, און דעם געצנדינערישן קולט פון מענטש־גאָט, אזוי אויך שפּעטער, אין אונדזער צייט, האָט זיך געראנגלט, כמעט מיט די זעלבע פּראָבלעמען, נאָר מיט אנדערע פאָרמען און מיטלען, זיין הויפּט־העלד, דער עקשנותדיקער סאָציאליסט בערמאן, אין זיין טרילאָגיע "אויף ווייטע וועגן", ווייל דער קאמף צווישן מאכט און גערעכטיקייט, איז אן אלטער און א היינטיקער. און בידוע, איז קונסט נישט געבונדן צו צייט, צו אָרט, און רעכנט זיך נישט מיטן סדר פונם כראָנאָלאָגישן געשיכטלעכן גאנג. אמתע קונסט, וואָס

גיט אויסדרוק צו מענטשלעכע גערانגלען פאר צדק און יושר, איז שטענדיק אקטועל; איר השפעה, איר ווירקונג, וויים נישט פון קיין גרעניצן; זי בויערט טיף אין דער אייביקייט, ווי איגנאטאָוו זאָגט : "דורות זוכן נישט אומזיסט, דורות מיען זיך פאר עפעס, דורות טראכטן, דורות זוכן, דורות שאצן איבער און טראכטן פונדאסניי"...

דער קינסטלער איגנאטאָוו האלט, אז ס'איז בכלל נישט פאראן אזוינס ווי א פארענדיקטע מעשה. "אז אפגעשלאסן בוך, זאָגט זיין העלד בערמאַן, איז טויט, ווארום די טראַגעדיע פון דער קריסטלעכער וועלט איז, וואס זי האלט זיך מיט א נארישער עקשנות אויף א פארענדיקטער מעשה"...

און לויט דוד איגנאטאָוס פילאָזאָפישן קוק אויף דער וועלט, איז די גאנצע וועלט א מעשה, וואס האט זיך נאך נישט דערציילט — דאס זיינען מעשות וואס וויקלען זיך ארום דעם ליכט פון דער וועלט. — דאס ליכט פון דער וועלט — איז די מעשה פון דער וועלט, נאר אין יעדן דור דערציילט זיך די מעשה אויף אן אנדער שטייגער, אבער אלץ די זעלבע מעשה, ווי דאס איז שוין ביי אונדז לאנג געזאָגט געוואָרן : "פושט צורה ולובש צורה" — יעדער דור מיט זיין נוסח און שטייגער, נאר געבויט און געטורעמט אויפן זעלבן פאלקס־בנין.

דאס איז אויך אייגנטלעך דער יידיש־רעליגיעזער פילאָזאָפישער געדאנק, וואס דריקט זיך אוים אינם "המחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית". ווארים די מעשה־בראשית איז דאך אויך א מעשה, וואס דערציילט זיך יעדער טאג און בלייבט נאך אלץ נישט אויסדערציילט...

* * * * *

דוד איגנאטאָוו ציט זיין קינסטלערישע יניקה פון אונדזער אלטער ליטעראטור, פון תנ"ך, פון דער אגדה, מדרש, פון זיין מאמעס "צאינה וראינה", פון זיין טאטנס שבת־יום־טובדיקע חסידישע ניגונים. נאך מער איז ער באווירקט געוואָרן פון דער פארכאפנדער פאלקסטימלעכער חסידישער ליטעראטור. נאך אלס קינד, האט ער געשלונגען די "סיפורי נפלאות" פון בעל שם, פון די וואונדערלעכע מעשות פון ר' נחמן בראצלאווער א"א. דאס איז געווען די גייסטיקע שפייז פאר זיין קינדערשער נשמה. וואס פאר א בוך זיינם איר זאלט נישט לייענען, צי "דאס פארבאָרגענע ליכט", צי די "מעשות פון אלטן פראג" אָדער אפילו זיין לעצט ווערק "גדעון", דערפילט מען באלד די גרויסע השפעה, וואס די אלטע ליטעראטור האט געהאט אויף אים.

ער האט אויך אפילו געהאט איבערגענומען די שפראך, דעם נוסח פון דער חסידישער מעשה, וואס איז תמיד באווירצט מיט פסוקים פון תורה, מיט ווערטלעך פון מדרש, פון אגדה און פון "זוהר", און מיט איר גאנצן שבת יום־טובדיקן לשון און אפטמאל אפילו מיט איר מוסר־השכל. ער האט נאר אנגעטאן אויף דער דאזיקער מעשה א נייעם, קינסטלערישן לבוש.

דוד איגנאטאָוו האַלט, אַז די יידישע ליטעראַטור האָט אַ מיסיע, אַ הייליקע שליחות דורכצופירן: פּונקט ווי דער בעש"ט האָט געלערנט, אַז מיטן כוח פון דער תפלה שבלב און מיטן כוח פון הייליקער נגינה, קאָן דער מענטש דערלאַנגען אַזש צום כסא הכבוד, אַזוי אויך דאַרף די יידישע ליטעראַטור תמיד אויפהויבן די מענטשלעכע נשמה פון איר געפאַלנקייט, פון איר גראָער וואָכעדיקייט. דאָס איז די שליחות פונם קינסטלערישן וואָרט; דאָס איז דער כוח וואָס שטעקט אין דער קינסטלערישער מעשה, ווי ער זאָגט:

"מעשות פון פאָלק זיינען דעם פאָלקס טרעפּ צו גאָט און צו דער ריינער געטלעכקייט".

דאָס איז איינער פון זיינע ליטעראַרישע אני מאמינס.

* * * * *

דער דאָזיקער געדאַנק, ווי שיין און ווי יידישלעך ער זאָל נישט זיין, איז שוין אָבער נישט קיין נייער. פּרץ האָט עס שוין געהאַט געזאָגט וועגן דער נאַציאָנאַלער שליחות פון אונדזער יידישער ליטעראַטור. דאָס איז דאָך אויך דער זין פון אונדזער טראַדיציאָנעלן תורה־לערנען ביי יידן. **די פראַגע** באַשטייט נאָר: וואָס איז דוד איגנאַטאָווס אייגנאַרטיקער אידייען־גאַנג אין זיין ליטעראַרישן שאַפן, און וואָס איז ער אויסן מחדש צו זיין? מיר וועלן פּרובירן געבן אונדזער ענטפער:

אין זיין בוך "צווישן צוויי זונען", טוט ער זיך אַ זאָג אויף זיין שטייגער אַזוי:

"אַ מעשה פון איינעם, וועמען מ'האָט געשענקט אַ גאָלדענע זון. האָט ער די גאָלדענע זון אַ שליידער געטאָן אָן דר'ערד. די זון איז זיך אין שטיקלעך צעפלויגן. איצט גייט ער אַרום זיין גאַנץ לעבן און זוכט די זון, און קלייבט שטיקלעך זון, און ווו נאָר ער קערט זיך און ווו נאָר ער ווענדט זיך, זעט ער פאַר זיך אין שטיקלעך זיין זון, זיין גאָלדענע זון".

אָט די דאָזיקע קורצינקע, סימבאָלישע מעשהלע, גיט אונדז דעם שליסל אריינצובליקן אין דעם לפני ולפנים פון זיין ליטעראַרישן שאַפן. דוד איגנאַטאָוו וויל זיך דערגרונטעווען צו די הויפּט־סיבות פון דער טראַגעדיע פון אונדזער פריערדיקן און היינטיקן דור, וואָס האָט אַדורכגעלעבט אַזעלכע שווערע, טיפע נשמה אויפטרייסלונגען, ווי קיין דור פאַר אים. דער דור פון דער השכלה איז געבליבן שטעקן אינם עבר, ביי דער ביבל. ער האָט נישט געזען דאָס צאַפּלדיקע, יידישע לעבן מיט אַלע זיינע געראַנגלען. דער אַזוי־גערופענער סאָציאַליסטישער דור, ווי דער יורש פון דער השכלה, האָט באַלד אָפּגעהאַקט מיטן עבר פון פאָלק און גלייך געוואָלט אַריינשפּרינגען אינם עתיד, אינם אויסגעחלומטן "באחרית הימים" — אינם רעוואָלוציאָנערן־סאָציאַליזם.

דער צד השווה שבהן איז, וואָס ביידע האָבן געהאַט אָפּגעטרייסלט פון זיך אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיטן העראַישן גלויבן, מיט דער טראַדיציע, מיטן יידישן לעבנס־שטייגער, פאַר וועלכע דורות־יידן זיינען נישט איינמאָל געהאַט געגאַנגען דורכן "סטראַי", דורך אַלערליי עקידהס. דער יידיש־סאָציאַליסטישער דור האָט מיט זיין צו האַסטיקן שפּרונג צעבראָכן די גאָל־דענע זון איבער זיין הימל, ווי ס'זאָגט דאָרט זיין הויפּט־העלד בערמאַן, אין "אויף ווייטע וועגן" : "היינטיקע מענטשן זיינען פּלוצלונג אַנטלאָפן פונם אַלטן קוואַל, ווי עס אַנטלויפן אַמאָל פּלוצלונג צעשראָקענע ציגן פון אַ לויטערן קוואַל, וואָס זיי האָבן דערגרייכט דורך מי און דאָרשט"...

דער סך־הכל איז : דער דאָזיקער דור גייט אַרום אַ פאַרווירטער, אַן אויסגעריסענער מיט די וואָרצלען פון זיין אייגענעם באָדן. וו נאָר ער קערט זיך און ווו נאָר ער ווענדט זיך, זעט ער רק פאַר זיך אין שטיקלעך זיין זון, זיין גאָלדענע זון, וואָס ער האָט בידים אַליין געהאַט צעבראָכן . . .

וויל דעריבער דער קינסטלער, איגנאַטאָוו, צונויפנעמען די שטיקער ברוכטיילן פון דער זון און זיי צוריק צונויפשמעלצן אין איין גרויס ליכט — דאָס ליכט פון אמת, דאָס ליכט פון צדק און יושר, וואָס ליגט צעשטראָלט איבער אונדזער אַלטער און אייביק נייער ליטעראַטור. און דערפאַר האַלט ער אין איין זוכן, ווי דער טויכער אויפן באָדן פון ים, דאָס אויסשטראַלנדיקע ליכט, וואָס דורות יידן האָבן געצונדן, אָנהייבנדיק פון תורת משה, פון די נביאים, פון די קעמפער פאַר גערעכטיקייט, ביז צו אונדזערע היינטיקע טעג, ווייל זיי זיינען חד הוא, איין גאַנצעס, פון איין מקור געגומען.

מיט דעם טאַקע דערקלערט זיך, וואָס דאָס וואָרט "ליכט", "ליכט" גייט קיינמאָל נישט אַראָפּ פון איגנאַטאָווס ליפּן, ווי ער וואָלט כסדר אַרומ־געגאַנגען מיט אַן אָנגעצונדענעם לאָמטערן אין האַנט און געזוכט — ליכט, ליכט.

אָבער כדי דאָס צו דערגרייכן, מוז מען גיין אַפריער אַנטפּלעקן און אָנצינדן דעם "אור הגנוז", דאָס באַהאַלטענע ליכט, וואָס ליגט אין דעם מענטשן גופא, ווייל "נר ה' נשמת אָדם" — די נשמה פונם מענטשן איז אַ חלק אלוה ממעל, אַן אויסשטראַלונג פון גאָט. אָבער די דאָזיקע געטלעכע אויסשטראַלונג קען מען זיך דערוואָרבן נאָר דורך שווער האָרעווען מיט דער נשמה, זיך מוסר נפש זיין, זיך מקריב זיין, איינשטעלן און ריזיקירן. בערמאַן, זיין הויפּט־העלד, גלויבט אין די פּאָטענציעלע גייסטיקע כוחות וואָס ליגן אין דעם מענטשן. מ'דאַרף נאָר נישט מיד ווערן פון גיין צו אים מיט גלויבן, מיט עקשנות, אים וועקן און רופן ביז ער וועט פאַרנעמען דיין רוף, דעמאָלט וועט ער, דער מענטש, אַליין דערזען זיין אייגענע געטלעכע אויסשטראַלונג — ליכט !

אַוואַדע איז דאָס דאָזיקע גיין פאַרבונדן מיט שווערע נסיונות, מיט

שווערע גראַנגלען און ביטערע אַנטוישונגען. וואָרום שוין נישט איין גאָט־זוכער און נישט איין משיח־ברענגער איז געגאַנגען אויף אָט דעם שווערן דערנער־וועג און איז נכשל געוואָרן. אָבער דער אמתער קעמפער, דער אמתער סאָציאַליסט, ווי דער יידישער נביא פון אמאָל, דערשרעקט זיך נישט פאַר די דאָזיקע שטרויכלונגען. ער גייט און פאַלט, און הייבט זיך אויף און גייט ווייטער. אַפילו ווען מען טראָגט אים מיט אייזערנע הענט צו דער עקידה, פאַרלירט ער אַלץ נישט זיין גלויבן. ווייל דער גראַנגל, דער קאַמף פאַר אויסלייזונג און באַפרייונג, טראָגט שוין אויך אין זיך ניצחון: — די אויס־לייזונג פון דיין אייגענער נשמה . . .

* * * * *

איצט, ווען מיר האָבן שוין געפונען אַזוי צו זאָגן, דעם "צויבער־שליסל" צום ספר־איגנאַטאָוו, וועלן מיר נעמען שפּאַנען, מיט קפיצת־הדרך, איבער די בלעטער פון זיין "אויף ווייטע וועגן", וואָס מיר באַטראַכטן פאַר דעם וויכטיקסטן ווערק צווישן אַלע זיינע שאַפונגען.

דער קינסטלער פירט אונדז אַוועק צוריק צו די 80ער יאָרן פונם פאַריקן י"ה, צו דער אַזוי גערופענער שטורעם און דראַנג עפּאָכע, ווען ס'איז אויסגעבראָכן די צאַרישע פּאָגראָמען און ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער שטראָם פון דער מזרח־אייראָפּעישער עמיגראַציע קיין אַמעריקע. מיט דעם דאָזיקן שטראָם זיינען אויך פאַרטראָגן געוואָרן צום אַמעריקאַנער ברעג רעשטלעך, הייפעלעך יידישע און רוסישע רעוואָלוציאָנערן, אייניקע פון זיי אַנטלאָפענע פון די רוסישע טורמעס און פון סיבירער קאַטאָרגעס.

און ווי שווער ס'איז געווען פאַר דער מאַסע יידישע אימיגראַנטן צו קענען זיך צופּאַסן צום נייעם, פרעמדן אַרום, איז נאָך שווערער און פיינלעכער געווען פאַר די דאָזיקע רוסיפיצירטע אינטעליגענטן, — די אָפּ־געריסענע פון די יידישע וואָרצלען. זיי זיינען די ערשטע צייט געווען אינ־גאַנצן פאַרלאָרן און צעטומלט.

ביסלעכווייז האָבן זיי זיך איינע די אַנדערע געפונען, געשאַפן פאַר זיך אַ קליינינקן קרייז, וווּ זיי האָבן זייער בענקשאַפט צו דער "מאַטושקאַ ראָסיאַ", צו דער רעוואָלוציע, פאַרוואַנדלט אין הפקרות, געפראַוועט ווילדע הוליאַנקעס, אויפן שטייגער פון די דעמאָלטדיקע רוסישע סאַנינישע קלובן, מיט גאַנצן נהיליזם, וואָס איז געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער צייט. די דאָזיקע הוליאַנקעס, מיט די פרייע ליבעס און אָרגיעס, זיינען געוואָרן אַ קולט, אַ מין רעליגיעזער ספּאָזם פאַר אַ צייט.

דער צענטער פון אָט דעם קרייז האָט זיך געפונען ביי די פיינמאַנס אין הויז. די פרוי פאַניע פיינמאַן, אַ פאַרקאָכטע, רוסישע סאָציאַליסטקע, האָט ווי אַ סאַלאָן־דאַמע, געגעבן דעם טאָן. זי איז געווען זעלטן שיין, מיט אַ כישוף־שמייכל אויף די ליפּן. זי איז אויך געווען אַ פיינע זינגערין און

א גוטע דעקלאמאטאָריז פון רוסישע לידער. דער מאַן אירער, אויך א סאָ־ציאַליסט, איז געווען א פּיאַנאָ־לערער. דאָס האָט געגעבן די פיינמאַנס א מעגלעכקייט אָנצוהאַלטן אייניקע באקוועמע צימערן, וואָס פאַר יענער צייט איז עס פאַררעכנט געוואָרן שיר נישט ווי א לוקסוס־היים.

צו אָט דעם קרייז האָט אויך געהערט דער קליינגעוויקסיקער לעאָן גאַבריעל, א טענאָר־זינגער, מיט שאַרפע גראָע אויגן, א גרויסער ציניקער, א שטאַרק־אַסימילירטער ייד און א שונא ישראל. זיין שנאה צו יידן און צו יידישקייט, האָט ער איינגעוויקלט אינם מאַנטל פון סאָציאַליזם: ער האָט געהאַלטן, אַז די "נאַראָדנאַיא וואָליא", די רוסישע רעוואָלוציאָנערע פּויערים פּאַרטיי, דאַרף אויפרייצן דאָס רוסישע פאָלק צו מאַכן פּאָגראָמען אויף יידן. דאָס וואָלט געהאָלפן צו אָרגאַניזירן מיליאָנען פּויערים איבערן לאַנד פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע.

דער דאָזיקער גאַבריעל, דער מכלומרשטער רעוואָלוציאָנער, האָט געפּרעדיקט און פּראַקטיצירט די פריהייט פון געשלעכט. ער פלעגט טאַקע נישט איינמאָל זאָגן מיט א ציניש שמייכעלע: "פאַר דער אידיאָטישער מענטשהייט איז געגעבן געוואָרן נאָר איין גוטע זאַך, און דאָס איז: דער פּלאָדן, ווייב און געזאַנג". ביי די אמתע, ערלעכע סאָציאַליסטן אין די אויגן, האָט ער אויסגעקוקט א טייוול, א ציניקער. און פאַר די רוסישע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן איז ער אויך געווען אַן אַנטי־קריסט . . . דערפאַר אָבער, ביי די פרויען פונם סאָציאַליסטישן קרייז, איז ער פאַררעכנט געווען פאַרן העכסטן רעוואָלוציאָנער. ער האָט אויסגעאיבט אויף זיי זיין חוצפּהדיקע, דעמאָנישע קראַפט, באַזונדערס אויף דער אויבנדערמאָנטער, שיינער זינגערין, פאַניע פיינמאַן.

די פרוי פיינמאַן איז בטבע געווען ריין און אומשולדיק. נאָר איר גרויסע פאַרערונג און ליבשאַפט צו דער רוסישער רעוואָלוציע איז געווען אַזוי גרויס, אַז זי האָט געהאַלטן פאַר איר העכסטן גליק צו קענען דינען מיט איר שיינעם קערפּער דער רוסישער רעוואָלוציע. דערפאַר האָט זי פאַר א געוויסער צייט געלעבט מיטן אַנטלאָפענעם רעוואָלוציאָנער גאַבריעלן, ווי מאַן און ווייב. נישט חלילה באַהאַלטענערהייט — אַזוינס וואָלט נישט געפּאַסט פאַר אַן אינטעליגענטער סאָציאַליסטקע — נאָר אָפענערהייט, ביי איר אין הויז, פאַר די אויגן פונם רעוואָלוציאָנערן קרייז און פאַר די אויגן פון איר נאַאיוון מאַן דעם מוזיקער, וואָס זיין ליבע צו זיין ווייב איז געווען אַזוי גרויס, אַז איר גליק איז אויך געווען זיין גליק . . .

צו דעם דאָזיקן ענגן קרייז האָבן אויך אָנגעהערט אייניקע געוועזענע מיטגלידער פון די רוסישע "ביבלישע ברידערשאַפטן", וועלכע די צאַרישע רעגירונג האָט געהאַט פאַרפאָלגט נישט ווייניקער ווי די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען. דער אָנגעזעענסטער צווישן זיי איז געווען דער רום שאַליאַפּניקאָוו.

שאליאפּניקאָוו האָט אָפּגעשטאַמט פונם פּריצים־שטאַם. געווען איז ער אַ גאַנץ געבילדעטער מענטש. האָט שטאַרק ליב געהאַט ליטעראַטור, פּאָעזיע און מוזיק. פון באַרוף אַן ערשט־קלאַסיקער אַרכיטעקט. און ווען ס׳פלעגט אים אָפּט באַפאַלן די נאָגנדע בענקשאַפט צו זיין "מאַטושקאַ ראָסיאַ", פלעגט ער זיך באַלד כאַפּן פאַרן ביטערן טראָפּן, אָנהייבן דעקלאַמירן פּושקינעס אויפן קול און דערביי גיסן בעד מיט טרערן, שפּילן פּיאַנאָ אָדער גאָר זאָגן — תהלים.

צווישן אים און גאַבריעלן איז קיין גרויסע ליבשאַפט נישט געווען. זיי ביידע זיינען געווען פון צוויי באַזונדערע וועלטן: שאַליאַפּניקאָוו איז געווען אַ דענקער, אַ פּאָעט, אַ מוזיקער; דער ייד גאַבריעל איז געווען אַ דעגענעראַט, אַן עגאָיסט, אַ חוצפּהניק און אַ גאָט־לעסטערער; פאַר שאַליאַפּ־ניקאָוון איז די ערד געווען אַ מוטער, וואָס שפּייזט אַלעמען; פאַר גאַבריעלן איז די גאַנצע וועלט באַשטאַנען פונם פּלאַדן, ווייז און ווייב.

שאַליאַפּניקאָוו האָט געזען ווי די דאָזיקע סאָציאַליסטישע גרופּע ווערט מיט יעדן טאָג אַלץ מער און מער דעגענערירט, האָט ער אָנגעהויבן טענהן, זיך בעטן, אַז זייער "רוסישע קאָמונע" זאָל פאַרלאָזן די זינדיקע שטאָט, ניו־יאָרק, און גיין באַזעצן זיך אויף דער ערד. וואָרים אַ גאַנצער מענטש, האָט ער געטענהט, "דאַרף תמיד נויגן זיין אויער צו דער מאַמע־ערד און צו דעם הימל, ווייל די ערד זינגט, דער הימל זינגט, די טייכן ריידן, די בערג און די וועלדער טראָגן אָטעם און בויענדן געדאַנק".

ווען זיין גרויסע בענקשאַפט צו זיינע רוסישע פעלדער און וועלדער איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ גרעסער און פיינלעכער אַזוי, אַז ער האָט גענומען איינהאַרן, האָבן זיינע פריינט פונם סאָציאַליסטישן קרייז, צונויפ־גענומען געלט און אים געקויפט אַ פאַרם. דאָ האָט ער זיך געפונען. ווען נאָר ס׳פלעגט אים באַפאַלן די נאָגנדע בענקשאַפט צו זיין "מוטערל" רוס־לאַנד, פלעגט ער זיך צוטוליען צו זיינע בהמות, זיי קושן און האַלדזן . . .

ס׳איז אים אָבער שווער געווען אַליין אָנצוגיין מיט זיין באַלעבאַ־טישקייט — איז אים באַלד געקומען צו הילף די שיינע יידישע טאָכטער, אַניוטקאַ, אַ יונג מיידל, וואָס איז געקומען נישט לאַנג צוריק פון רוסלאַנד מיט אַ נישט־געזעצלעך קינד פון אַ רוסישן אָפיצער. דאָס דאָזיקע קינד האָט זי אַ נאָמען געגעבן — פערדינאַנד לאַסאַל, וואָס איז געווען דער באַרימטער יידיש־דייטשישער סאָציאַליסטישער פירער . . .

צו דער דאָזיקער אַניוטקאַ האָבן זיך אַלע געהאַט באַצויגן מיט גרויס דרך־ארץ. ערשטנס, איז זי אַליין געווען אַ פייערדיקע רעוואָלוציאָ־נערקע; צווייטנס, איז זי אַ געוועזענע געליבטע פון אַ רוסישן אָפיצער — און אַלץ וואָס איז געקומען פון רוסלאַנד איז אין זייערע אויגן שוין געווען וויכטיק און הייליק; און דריטנס, האָט זי אַ קינד, וואָס איז די פרוכט פון

"פרייע ליבע" און דערצו נאָך טראָגט עס דאָך דעם נאָמען פון אזא וועלט־באַרימטן רעוואָלוציאָנער, ווי פערדינאַנד לאַסאַל . . . און זי אַליין, באַלד ווי זי איז געקומען קיין אַמעריקע, האָט זי גענומען מקריב זיין איר קערפּער פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע: זי איז אַוועק צו שאַליאַפּניקאָוון אויפן פאַרם — אַוועק צו אַ צווייטן גרויסן רוס. אהין אויפן פאַרם פלעגן איצט אָפט קומען צו גאַסט די מיטגלידער פונם סאָציאַליסטישן קרייז. און דאָרטן, אויפן שויס פון דער נאַטור, האָט מען ערשט גענומען פּראַווען דעם קולט פון "פרייע ליבע", ווו די פייערדיקע רעוואָלוציאָנערקע, אַניוטקאַ, האָט געגעבן דעם טאָן...

* * * * *

מיר וועלן איצט פאָרשטעלן פאַר אייך אַ צווייטע פיגור מיטן נאָמען פרענקל, וואָס איז אַנטלאָפן פון דער סיבירער קאַטאָרגע און געקומען קיין אַמעריקע אַביסל שפּעטער.

ער האָט געפּרוווט אַקטיוויזירן אָט דעם קרייז, וואָס ער האָט אַ נאָמען געגעבן "די אָפּגעריסענע בלעטער". ער האָט געגרינדעט די ערשטע סאָציאַליסטישע וואָכנבלאַט מיטן נאָמען "דאָס ליכט", און איז געוואָרן איר רעדאַקטאָר. ער האָט געשריבן אַרטיקלען, געהאַלטן אָפט רעדעס פאַר די אַרבעטער אין די סוועט־שעפּער וועגן גרינדן יוניאַנס, און דער עיקר גערופן די אַרבעטער־מאַסן צו באַקעמפן די "פינצטערע רעאַקציע" — די יידישע רעליגיע, אָרגאַניזירט די ערשטע טרויעריק־באַרימטע יום־כיפור־באַלער און דווקא אַנטקעגן שולן און בתי מדרשים. ער איז אויך געווען אַ שטאַרקער אָנהענגער פון דער הייליקייט פון "פרייער ליבע", כאָטש ער אַליין האָט אין איר קיין אַנטייל נישט גענומען, ווייל בטבע איז ער געווען אַן עכט־מאָראַלישער מענטש און אַן ערנסטער סאָציאַליסט. דאָך האָט ער עס באַטראַכט פאַר זיין רעוואָלוציאָנערן חוב צו האַלטן פייערדיקע סאָציאַליסטישע דרשות וועגן דער הייליקייט פון פרייער ליבע, וואָס האָבן שטענדיק צוגעצויגן אַ גרויסן אַרבעטער עולם.

איגנאַטאָוו שילדערט אים אַלס אַ קאָמיש־טראַגישע פיגור, אַ שוואַכלינג, אַ פשרה־מאַכנדיקער סאָציאַליסטישער פירער. ער האָט פאַרקוקט, אָדער נישט דערזען, די אַלע געמיינהייטן פון זיינע חברים, ווי דער דר. מינדלין, די צוויי שותפים פאַבריקאַנטן בערנשטיין און קאַלמאַנאָוויטש, די מכלומרשטע רעוואָלוציאָנערן און נאָך אַזעלכע. ער האָט מיט זיך אויך פאַרשטעלט און באַשיצט דעם ציניקער גאַבריעלן, וואָס האָט קאָמאַנדעוועט, ווי אַ טייוול, הינטער זיין רוקן. ער האָט געשוויגן אַפילו ווען דער זעלבער גאַבריעל האָט מיט זיין אייגענער ווייב געפּראַוועט "פרייע ליבע"; און מיט אַ העכער צענדליק יאָר שפּעטער, האָט ער פאַרפירט זיין אייגן און איינציקע טאָכטער, זינאַ, וואָס האָט געבאָרן פון אים אַ קינד און ער האָט אַפילו צו דעם קיין טאַטע נישט געוואָלט זיין. אויך דאָס האָט פרענקל פאַרשווינגן, כאָטש דאָס האָט אים שטאַרק וויי געטאָן.

דאָ איז כדאַי איבערצוגעבן אַ פּאָר סצענקעלעך, וואָס שטעלן ארוים דעם דאָזיקן פרענקל אין זיין אמתן ליכט און וואַרפן אויך אַ שיין אויף דער דעמאָלטדיקער כאַאָטישער צייט.

איינמאָל אין אַ שפּעטן אָוונט, קומט פרענקל אהיים — צו זיך אין באָרדינג־צימערל און טרעפט דאָרט זיצן אַ וויינענדיקע מיטל־יאָריקע יידענע. ער בלייבט שטיין אַ דערשראָקענער. די יידענע ווענדט זיך צו אים מיט אַ פארשטיקטער שטימע:

"— דאָס זייט איר דער מיסטער פרענקל, וואָס מען זאָגט פון סיביר געקומען?

"— יאָ, — ענטפערט פרענקל מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ.

"און די אומגליקלעכע יידענע דערציילט אים פון איר בראָך, ווי זיין פריינד גאַבריעל, דער זינגער, האָט פארפירט איר בת־יחידקעלע, צוגעזאָגט איר מיטצונעמען קיין דייטשלאַנד, וווּ ער וועט אַרויסטרעטן אַלס גרויסער, בארימטער אָפּערע זינגער, און איצט לאָזט ער זי איבער מיט אַ פּיצל קינד. על כן בעט זי אים, אַז ער, מר. פרענקל, זאָל זיך איינשטעלן פאר איר, זען ראַטעווען איר פאַראומגליקלעכטע טאָכטער. די יידענע צעוויינט זיך אויפן קול.

דעם גוטן, איידעלן פרענקל נעמט ארום אַ רחמנות אויף דער אומגליקלעכער, צעבראָכענער מוטער. אָבער באַלד דערמאָנט ער זיך, אַז ער איז דאָך אַ רעוואָלוציאָנער, איז אָנשטאָט איר צו זאָגן אַ טרייסט־וואָרט, טוט ער זיך אַ שטעל אוועק פאר איר און הייבט אָן האַלטן איינע פון זיינע באַליבסטע רעדעס וועגן דעם גרויסן מענטשלעכן אידעאַל — פון פרייער ליבע . . . "פרייע ליבע, רופט ער אויס מיט פּאַטאָס, איז אַ געזעץ פון דער נאַטור!" ער נעמט באַלד ברענגען פאר איר כלערליי ראיות פון חיות און פיש, פון מאַלפּעס און פון בלומען, פון ביימער, פון האָן מיט הינער, אַלץ כדי צו באַווייזן דער יידענע, אַז ליבע איז נישט מער ווי אַ נאַטירלעכער טרייב־קראַפט פון געשלעכט. און ביי פרייע מענטשן דאַרף אָט די דאָזיקע קראַפט נישט זיין ווייניקער פריי ווי ביי פלאַנצן און ווי ביי חיות און עופות".

און וואָס מער ער האָט גערעדט, אַלץ מער האָט ער זיך צעוואָרעמט, ווי ער וואָלט איצט נישט געשטאַנען פאר אַ גאָטספאָרכטיקער יידענע, נאָר פאר אַ גרויסן ארבעטער־עולם. און צום סוף האָט ער פארענדיקט מיט רעוואָלוציאָנערן פייער: "הייראַט איז נאַריש און אָפּגעלעבט! מענטשן טאָרן זיך נישט לאָזן איינשפּאַנען אין שטייגן פון הייראַט! הייראַט איז אַ ליגן, איז אַ פארשוועכונג פון אמתער ליבע, איז אַן איבערבלייבעניש פון אַלטע, פארשקלאַפטע צייטן!"

די אומגליקלעכע יידענע, וואָס האָט די גאַנצע צייט פון זיין רעדע אים אָנגעקוקט מיט ווילדע, צעשראָקענע אויגן, איז אויפגעשפּרונגען מיט צאָרן:

„— אלע בייזע, וויסטע חלומות אויף אייערע קעפּ און אייערע הענט און פּיס! האָסטו געהערט אזוינס, מען רעדט צו אים ווי צו א מענטש; מ׳בעט זיך ביי אים ווי ביי א גזלן, מ׳דערציילט אים, אז פון מיין טאָכטער צאַפּט זיך בלוט פון הארצן און ער שפּרעכט מיר אָפּ א גוט אויג, גזלן, מערדער וואָס איר זייט! איר, איר האָט דאָך מיר אומגליקלעך געמאכט מיין קינד! אָט די גאנצע אומגליקלעכע תורה פון פרייע ליבע האָט זי דאָך פון אייך געלערנט. זי האָט דאָך מיר דאָס אליין דערציילט וועגן אייך!"

דער גוטער פרענקל איז געבליבן שטיין פאר דער בייזער, צארנדיקער יידענע אַן אומבאהאָלפענער. ענדלעך האָט ער זיך ווידער אָנגענומען מיט מוט און געזאָגט:

„— איך ווייס, אז אייך טוט וויי, און אויף אייער טאָכטער איז א רחמנות. דאָס איז דערפאר וואָס זי איז נאָך נישט גענוג פאַרגעשריטן, ליידט זי. אָבער מיין ליבע פרוי, איר דאַרפט וויסן, אַז א נייע וועלט קומט אָן, מיר בויען זי און . . . אז מען האקט האָלץ פאלן שפּענער . . . איר פארשטייט?!

"דאָ האָט די יידענע געגעבן א שפּרונג אויף פון בענקל, ווי א שלאנג וואָלט זי א בים געטאָן און גענומען שרייען:

„— וואָסער האָלץ, וואָסערע שפּענער?! איר זייט משוגע צי חסר דעה?! איך רעד דאָך צו אייך די גאנצע צייט פון מיין איינציק קינד, פון מיין צירעלען! ווייי איז מיר, ווינד איז מיר! וואָס טוט מען? גזלנים, רוצחים, גיט מיר אַן עצה! וואָלט איר כאָטש אליין געהאַט קינדער, וואָלט איר אפשר געקענט הערן וואָס אַן אומגליקלעכע מאַמע רעדט צו אייך. אזוי האָט איר דאָך גאָר קיין הארץ נישט!

„— פארוואָס מיינט איר אזוי? איך האָב אויך א קינד, איך בין אויך א טאַטע. איך האָב אינדערהיים, אין רוסלאנד, א מיידעלע וואָס דאַרף שוין אלט זיין איבער א יאָר, און פונדעסטוועגן האָט דאָס נישט צו טאָן מיט מיינע געדאנקען.

"די יידענע האָט באלד גענומען ריידן צו אים אויף דו:

„— וואָס, דו ביסט יאָ א טאַטע און פונדעסטוועגן רעדסטו ווי א משוגענער און ווילסט מיר גאָר נישט העלפן, האַ? טאָ זאָל דיר גאָט געבן אזא וויסטן און פינצטערן סוף פון דיין טאָכטער, ווי איך האָב איצט פון מיינער!"

די קללה פון דער יידענע איז טאקע מקוים געוואָרן, ווי דאָס דער־ציילט אונדז שפּעטער דער שרייבער אין א צווייטער סצענקע:

"מיט א קארגע פּאָר צענדליק יאָר שפּעטער, ווען דער זעלבער דעמאָן גאַבריעל, וואָס האָט זיך געהאַט צוריק אומגעקערט פון דייטשלאנד, און

וואָס איז שוין געווען איבערגעזעטיקט מיט דער ליבע פון די אויבנדערמאָנטע רעוואָלוציאָנערע מאַמעס, און האָט איצט דערזען זייערע שיינע, אויסגעוואקסענע טעכטער, האָט ער זיי באלד געגומען אריינציען אין זיין נעץ פון פרייער ליבע. די ערשטע אריינצופאלן אונטער זיין היפּנאָז, איז געווען פרענקלס איין־און־איינציקע טאָכטער, זינא, אַן אינטעליגענט מיידל, א באוווסטזיניקע סאָציאַליסטקע. ווען ער האָט איר גערופן צו זיך אין האָטעל איז זי גערן געגאַנגען מיט אים.

"אירע סאָציאַליסטישע טאַטע־מאַמע האָבן די גאַנצע נאַכט פאַרבראַכט אין א פינצטערן קאַשמאַר. ערשט מיט טאָג גלייך, ווען זינא איז געקומען אהיים אַן אויסגעמאַטערטע און א צופרידענע, איז די ערשטע צוגעלאָפן צו איר איר מאַמע, די געוועזענע געליבטע פונם זעלבן גאַבריעל, און מיט שרעק אין די אויגן אויסגעשריען שוין גאָר נישט ווי א פאַרגעשריטענע מאַמע:

"— ווו ביסטו געווען די גאַנצע נאַכט ? !

"— מיט גאַבריעלן אין האָטעל. — האָט זינא געענטפערט און נישט פאַרשטאַנען דער מאַמעס שרעק . . .

"די מאַמע איז פאַרגליווערט געוואָרן, אָנגעהויבן בייסן די פינגער און זיך צעשריען, ווי א פאַרווונדעטע חיה :

"— זינא ! זינא ! ! !

"אויף איר יאָמערלעכן געוויין האָט זיך אויפגעכאַפּט דער טאַטע פרענקל פון זיין דרעמלענדיקן קאַשמאַר. פּלוצלונג איז פאַר זיינע אויגן אויסגעוואַקסן עפּעס א מאָדנע, לאַכנדיקע יידענע, וואָס איז באלד ווי איבערגעגאַנגען אין א ווילדן געשריי :

"— וואָס דו ביסט א טאַטע ? און פונדעסטוועגן רעדסטו צו מיר ווי א משוגענער און ווילסט מיר גאָר נישט העלפן ? ! טאָ זאָל דיר גאָט געבן אזא פינצטערן סוף פון דיין טאָכטער, ווי איך האָב פון מיינער!"

יאָ, די קללה פון דער יידענע איז מקוים געוואָרן.

* * * * *

מיט די דאָזיקע עטלעכע טיפּן און כאַראַקטערן וואָס מיר האָבן געפּרווט אויף א סקיצע־מעסיקן אופן פאַרצושטעלן, האָבן מיר געוואָלט, מער ווייניקער, געבן דעם הינטער־גרונט, וואָס האָט מיט זיך געהאַט פאַרגעשטעלט אָט יענער אזוי גערופענער סאָציאַליסטישער קרייז, אָדער ווי ער האָט זיך גערופן "די אָפּגעריסענע בלעטער", וואָס איז געווען דער פאַרגייער פאַר די שפּעטערדיקע סאָציאַליסטישע באוועגונגען אויף דער אמעריקאַנער יידישער גאַס.

איגנאַטאָוו איז אָבער נים אויסן געווען זיי צו פאַרדאַמען אלס

פארדאָרבענע, אוממאָראַלישע מענטשן. ער גייט צו צו זיי קודם־כל ווי א קינסט־לער, ווי א פסיכאָלאָג. ער באטראכט די "אָפּגעריסענע בלעטער" מיט זייערע "פרייע־ליבע" נישט פאר דער הויפּט־סיבה, נאָר ווי א תולדה, ווי א פועל יוצא פון אלגעמיינעם כאָאָס, פון דער שטורעם און דראנג עפּאָכע אין וועלכער די דאָ־זיקע מענטשן האָבן געלעבט. דאָס איז דער דור, וואָס האָט גענומען זיין גאָלדענע זון און זי א שליידער געטאָן צו דר'ערד, און איצט גייט ער ארום אין גיא צלמות, אינם פינצטערן טאָל, און זוכט די שטיקלעך ברוכטיילן פון דער זון וואָס ער האָט אליין בידים צעבראָכן. דאָס איז דער דור וואָס האָט געהאט איבער־געריסן מיטן יידישן הערלישן גלויבן, מיט דער טראַדיציאָנעלער יידישקייט, וואָס האָט געהאלטן אין איין איינפירן שטרענגע נאָרמען, געזעצן, כדי צו קאָנטראָלירן די חיהשע אינסטינקטן אינם מענטשן. צעשמעטערט מען דער דאָזיקער מאָראַלישער דאמבע, ווערט די מענטשהייט דעמאָלט פארוואנדלט אין אָפּגעריסענע בלעטער וואָס טראָגן זיך אויפן פנים פונם צעשטורעמטן ים.

אָבער פונקט ווי נאָך יעדער שטורעם־אויסברוך שיינט באלד צוריק אויף די זון, אזוי אויך וועט פריער צי שפּעטער קומען א סוף צו אָט דעם כאָאָס אין דער מענטשלעכער געזעלשאפט. פּלוצלונג דערזען מיר ווי אויף דער האלב־טונקעלער בינע, ווו ס'שפּילט זיך אָפּ די טראגעדיע פון אן אָפּגעיי־ענדן דור, בליצט אויף א העל־צעלויכטענער רעפלעקטאָר און עס דערשיינט באלד אויף דער סצענע די שיינע, ריינע, ליכטיקע פערזענלעכקייט — בערמאַן.

בערמאַן איז דער אָנזאָג אז ס'קומט אָן א נייער דור, און דער סוף פונם דור פון די שוואָד־גלויביקע, פון די פרענקלס, פון די גאבריעלס און זייערס גלייכן; דער סוף פון די אלע ציניקער, אָפּלאכער און לעסטערער פון אלע מענטשלעכע הייליקייטן. אָבער, ווי דער שטייגער, ווייל דער אלטער דור אזוי גיך נישט אראָפּגיין פון דער ארענע. עס ברעכט אויס א קאַמף, ווייל "דורות ראנגלען זיך אפילו ווען זיי באגעגענען זיך אויף פונקטן ווו זיי קומען זיך צונויף". בערמאַן אָבער דערשרעקט זיך נישט פאר דעם. ער נעמט אויף דעם קאמף מיט פרייד, ווייל ער פארמאָגט א שטארקן, פעסטן גלויבן אין זיין שליחות.

* * * * *

בערמאַן איז געקומען קיין אמעריקע א באלאָדענער מיט א סך וויסן און יידישער קולטור, וואָס ער האָט אריינגעזאפּט אין זיין נשמה נאָך פון זיין קינדהייט און פון זיין טאטן דעם שטאָט־מגיד. ער האָט פארמאָגט אן עלוישן קאָפּ, געוואוקסן א גאון. נאָך אלס יונג בחורל האָט ער שוין געהאט סמיכה אויף רבנות. פלעגט אויפשטיין איינער מיט זיין פאָטער צו חצות, פאסטן תעניתים, זיך טובלען, טראכטן פון עלית־נשמה, חלומען פון ביאת־המשיח. זיין ייִנגליש פנים האָט געשיינט מיט אן עקשנותדיקן ליכט פון איינעם וואָס איז שטענדיק פארנומען מיט ראמען פאר זיך א וועג צו ערגעץ

ווייטע און ליכטיקע וועלטן. דאָס דאַזיקע עלוישע יינגל האָט אין בית־מדרש שוין געהאלטן אין איבערשטייגן זיין פאָטער מיט זיינע דרשות. די מאַמע זיינע האָט זיך דערפאַר שטארק געשראָקן צוליב עין־הרע . . . און זיין פאָטער האָט מורא געהאט זיך צוהערן צו זיינע דרשות דאָס הארץ זאָל אים חלילה נישט פּלאַצן פאַר גרויס נחת . . .

פּלוצלונג נעמט דער געצערטלטער בן־יחיד, דער עלוי, ווארפט אוועק די תורה הקדושה און גיט זיך איבער מיט לייב און לעבן דער רעוואָלוציע. דאָס איז געווען פאַר אים אזא איבערברוך, וואָס האָט געפאָדערט אזא נשמה הערגאָיזם און אזא מסירת־נפשדיקן קרבן. דאָס איז אויך געווען ווי אַן אַטענטאַט אויף טאַטע־מאַמע און אויף זיך אליין.

אָבער דער יונגער בערמאַן האָט זיין גאָלדענע זון נישט צעבראָכן. ער האָט נאָר די חיצוניות אוועקגעוואָרפן, די פאות און דעם ארבע כנפות. אָבער דעם גאַנצן אינהאַלט, די פולע אָנגעלאָדנקייט מיט יידישן גלויבן, מיט יידישן נשמה־ליכט פון טויזנטער יאָרן, האָט ער איינגעהאלטן און אין זיין נייעם סאָציאַליזם־גלויבן אריינגעטאָן. די טיפע הייליקע אמתן פון די נביאים, פון הלכה, אגדה און קבלה האָבן געשפּייזט זיין מוח, זיין הארץ און זיינע רייד. ער איז געבליבן דער זעלבער ייד, א ייד פון הערגאָישן גלויבן, וואָס פילט, אז די פריערדיקע דורות האָבן אויך נישט געהאָרעוועט אומזיסט.

דער דאָזיקער יונגער בערמאַן, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג צוריק געהאט באַגייסטערט מיט זיינע פלאַמיקע דרשות דעם בית־מדרשדיקן עולם, האָט מיטן זעלביקן פייער איצט געהאַלטן זיינע סאָציאַליסטישע רעדעס, באַווירצט מיט ביישפּילן פון אגדה און מדרש, פאַר דער רעוואָלוציאָנערער ארבעטער באַוועגונג אין רוסלאַנד. ביז מ'האָט אים אַרעסטירט און פאַרשיקט קיין סיביר. ער איז אַנטלאָפן פון עטאַפּ, און נאָך לאַנגע גילגולים אָנגע־קומען קיין אַמעריקע.

ער איז נישט אוועק צו די אינטעליגענטן, שרייבער און רעדנער, ווי פּרענקל, נאָר זיך געשטעלט ארבעטן אין א שאַפּ, ביי דאַמען־היט. ער האָט זיך באַלד גענומען צו אָרגאַניזירן די ארבעטער אין א יוניאָן. ער האָט גע־שריבן אין פרענקלס צייטונג, "דאָס ליכט", ארטיקלען, אויפרופן, פּראָ־קלאַמאַציעס צו די ארבעטער און עס אליין פאַרטיילט. ער האָט געהאלטן רעדעס, גערופן צום קאַמף, צו א סטרייק. אים צו הילף איז געקומען די פריילין ליזא פעלדמאַן, וואָס האָט געארבעט אינם זעלבן שאַפּ. זי איז געווען אַן אינטעליגענט מיידל. ביינאַכט איז זי געגאַנגען אין קאַלעדזש, שטודירט מעדיצין, און געווען א פריערדיקע רעוואָלוציאָנערקע.

איינמאָל האָבן די סאָציאַליסטן־אַנאַרכיסטן, וואָס האָבן זיך געהאט גערופן די "ריטער פון ארבעט" און שוין געפּרוווט שאַפן די ערשטע יוניאָנס, אים איינגעלאַדן צו א באַנקעט אין א רייכן האָטעל, ווו ס'האָבן געזאָלט אויפ־

טרעטן א פּאָר שטאַרקע פירער פון די ענגלישע יוניאָנס. דער רעוואָלוציאָנער בערמאַן, דערזעענדיק דעם רייכן גלאַנץ, האָט זיך געגעבן א שטעל אויף און זיך צעברילט, ווי דער נביא עמוס אין שומרון :

"אייערע ברידער־אַרבעטער וואַלגערן זיך איצט אין שמוץ, שלאָפן צו עטלעכע אין אן ענגן פאַרשטיקטן צימער, און איר האָט זיך דאָ פאַרקליבן אין א רייכן פּרעס־פּאַלאַץ און הוליעט און עסט געפּרעגלטע עופות און פאַר־טרינקט מיט וויין ?! הערינג מיט ברויט וואָלט געווען קאַרג פאַר אייך ?! איך האָב געמיינט אַז מיר וועלן זיך צוזאַמענקומען ווי אַרבעטער מיט אַר־בעטער. מיר זיינען זיך אָבער צוזאַמענגעקומען ווי פלישתים איבער א געבונדענעם שמשון !"

בערמאַן האָט, מיט זיינע פלוצלונגדיקע, פייערדיקע רייד, צעשטערט די דאָזיקע סעודה. און דערפאַר האָט אים דער פּרענקל־סאָציאַליסטישער קרייז א נאָמען געגעבן "דער ווילדער מענטש".

אָט דער ווילדער מענטש — בערמאַן, האָט טאַקע באַלד באַוויזן וואָס פאַר א כוח ער פאַרמאָגט. מיט משלים און מיט מעשות פון מדרש און אגדה, און מיט פלאַמיקע פּאָעטישע בילדער, ווי זיין טאַטע, דער באַרימטער שטאָט־מגיד, האָט ער געצונדן די הערצער און די פאַנטאַזיע פון זיינע הונדערטער צוהערער. ער האָט נישט גערעדט וועגן א הוספה פון עטלעכע סענט, נאָר וועגן דעם אמת און יושר, וועגן דעם גרויסן יום־טוב, וואָס וועט אַרויס־וואַקסן פון די אַלע קאַמפן, וואָס וועלן זיך אינגיכן צעשפּרייטן פון פאַך צו פאַך פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד. ער האָט צום ערשטן מאָל געוואָרפן דעם געדאַנק וועגן אינדוסטריעלע יוניאָנס איבער גאָר דער וועלט.

און איינמאָל, ריידנדיק אויף א גאַס־ווינקל, האָט ער זיין רעדע פאַר־ענדיקט מיט די ווערטער :

"ווי א ווייסער פויגל וועט זיך דער אמת פאַר אייך אויפהויבן און מיט וויים פאַנאַנדערגעשפּרייטע פליגל וועט ער שוועבן איבער אייערע קעפּ ! ווי א ווייסער פויגל איז דער אמת!"

גראָד צופעליק איז פאַרבייגעגאַנגען א יונג, שיין מיידל, האָט אויפ־געכאַפּט די ווערטער און זיך שטאַרק פאַרוואונדערט : ווי קומען אַזעלכע שיינע רייד צו אַזא פּראָסטן אַרבעטער, אַן אָפּגעריסענעם, א צעשויבערטן ? די ווערטער און דער אופן ווי ער האָט עס אַרויסגערעדט, האָבן א צינד געטאָן איר האַרץ און נשמה. און שוין נישט אויפגעהערט זיי צו חזרן פאַר זיך : "ווי א ווייסער פויגל איז דער אמת". . .

דאָס איז געווען די שיינע, ריינע, ליכטיקע, גערטרוד, די טאָכטער פון די אויבן דערמאָנטע פיינמאַנס, וואָס האָט זיך געהאַט אויפגעהאָדעוועט אין דעם סאַמע "הייליקן טעמפּל" פון פרייער ליבע. אָבער זי איז פון דעם

אלעמען נישט באַרירט געוואָרן. זי האָט געשאַפן אַרום זיך אַזאַ מין גייסטיקן עיגול אַזוי, אַז די טומאה פון איר היים זאָל איבער איר קיין שליטה נישט האָבן. זי האָט זיך איינגעשלאָסן אין איר ווינקל, אין דער וועלט פון ביכער און מוזיק. זי איז טאַקע געווען אַן עכט־באַגאַבטע פּיאַנאָ־לערערין. איר מאַמעס אוכאַזשאָרן און געליבטע זיינען איר געווען שטאַרק דערווידער. באַזונדערס האָט זי געהאַסט דעם גאַטלאַזן, דעם ציניקער גאַבריעל, כאָטש ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גרויסן אָפּערע־זינגער.

אָט די דאָזיקע זעלטן־שיינע גערטרוד, מיט איר נאָך זעלטענעם שטאַרקן כאַראַקטער, האָט מיט זיך פּערזאָניפיצירט די העכסטע מאָראַלישע שיינקייט און ריינקייט, אין קעגנזאַץ צו טאַטע־מאַמעס סביבה און צו דעם גאַנצן ווילדן, הפקרדיקן אַרום. וועגן איר האָט שפּעטער בערמאַן זיך געהאַט אויסגעדריקט אַזוי : "טויזנטער דורות האָבן זיך אפשר געדאַרפט לייטערן און רייניקן ביז ס'איז אַזאַ ליכטיקע כלה, אַזאַ שטאַנדהאַפטיקע, אַזאַ דער־האַלטנדיקע ריינקייט געבוירן געוואָרן".

ס'האָט לאַנג נישט געדויערט ווי דער גורל האָט זיי ביידן צונויפ־געפירט אויף אַ גרויסער, אַרבעטער־פייערונג, וווּ זי האָט געדאַרפט אויפ־טרעטן אינם מוזיקאַלישן פּראָגראַם און באַגלייטן אויף דער פּיאַנאָ איר מאַמען, דער שיינער זינגערין. די גרויסע ליכט, וואָס האָט פון איר אַרויסגע־שטראַלט, האָט אים פאַרכאַפּט.

זיין רעדע פאַר דעם גרויסן אַרבעטער־עולם איז היינט געווען די שענסטע, די פלאַמיקסטע. ער האָט געפילט, אַז ווען ער רופט זיי איצט אין קאַמף, אויף די באַריקאַדן, וואָלטן זיי געלאָפן מיט פרייד, מיט התלהבות. ער האָט דערשפּירט ווי די דאָזיקע ליכטיקע מיידל־געשטאַלט טרעט נישט אָפּ פון זיינע אויגן. ער האָט געשעפּטשעט צו זיך : "עפּעס אַזאַ מאָדנע, הויכע, מיט אַזוינע שרעקלעך־גרויסע, שוואַרצע אויגן האָט עפּעס אַזאַ מין ליכטיקן, האַלבן שמייכל אויף די פולע ליפּן, אַ שמייכל וואָס צעשמייכלט זיך ווי אַ בליץ, וואָס הערט נישט אויף. זי איז אַ טונקעלע, און דאָך עפּעס ווי אַ ליכטיקע, עפּעס אַזאַ מאָדנע, נאָענטע און אַזאַ שרעקלעך־ווייטע".

זי האָט אים אויך דערקענט. דאָס איז דאָך דער זעלבער מענטש, וואָס זי האָט געהערט אַנומלטן ריידן אויף דער גאַס ! דאָס האָט ער דאָך דעמאָלט אַזוי שיין פאַרענדיקט זיין רעדע מיט די ווערטער : "ווי אַ ווייסער פויגל איז דער אמת"! זי איז געוואָרן אַזוי צעטומלט, אַזוי צעטראָגן, אַז די פינגער אירע זיינען פאַרשטאַרט געוואָרן ביים שפּילן די פּיאַנאָ. און ס'האָט זיך באַלד צעצונדן אַ הייסע, פלאַמיקע ליבע צווישן אָט דער יונגער, ליכטי־קער גערטרוד מיט דעם אויסטערלישן "ראָשען סאָשעליסט" — בערמאַן.

* * * * *

נאָך דער פייערלעכער אַרבעטער־פאַרזאַמלונג, איז בערמאַן אהיימ־

געגאנגען מיט זינגענדיקע טריט. ס'האָט זיך אים געהאַט אויסגעדוכט ווי א שלאַנקע פרויען־געשטאַלט מיט שטילע, גרויסע אויגן, גייט מיט מיט אים, ווי א באַשיצנדיק ליכט. זי איז מיט אים און ארום אים.

ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער פון זיין צימערל. דער הימל איז געווען באַזעצט מיט גרויסע, ליכטיקע שטערן. "אך ס'אַרא שיינע, אויס־טערלישע נאַכט!" — האָט ער אויסגערופן א באַגייסטערטער. מיטאַמאָל האָט זיך געגומען רייסן פון אים זיין טאַטנס א דרשה, וואָס איז פלוצלונג געקומען צו אים ווי א ליכטיקע זעונג:

"כיצד מרקדין לפני הכלה? ווי זאָל מען טאַנצן, ווי זאָל מען זינגען פאַר א כלה?

"די בית הלל זאָגן: מ'זאָל טאַנצן, מ'זאָל זינגען: כלה כמו שהיא — די כלה איז ווי זי איז. און די בית שמאי זאָגן: מ'זאָל טאַנצן און זינגען: כלה נאה וחסידה — לויטער, צויבער איז די כלה, ריין און נישט באַפלעקט".

— דער חתן איז ווער? — בערמאַן. און די כלה איז ווער? — די רעוואָלוציע, צו וועלכער ער איז מיט ליב און לעבן פאַרקנסט געוואָרן. די רעוואָלוציע, פאַר וועלכער ער איז גרייט צו גיין אפילו דורכן "סטראַי", האָט איצט אָנגענומען פאַר אים די רעאַלע געשטאַלט פון אָט דער ליכטיקער מיידל, וואָס האָט אים באַגלייט אהיים און וואָס געפינט זיך איצט איז אים און ארום אים. יאָ, די מיידל־רעוואָלוציע איז זיין באַשערטע כלה, זיין זיווג!

און באַלד שיינט אויף פאַר אים א נייע זעונג, און ער פרעגט זיך: ס'שטייט דאָך אָבער געשריבן: קשה זיווגו של אָדם כקריעת ים־סוף? וועט דאָך זיין זיווג־גאַנג צו דער רעוואָלוציע זיין א שווערער? ים'ען וועט מען דאָך אפריער דאַרפן פאַר איר שפּאַלטן! וועט ער עס קאָנען? וועט ער האָבן גענוג כוחות צו קאָנען ביישטיין די אלע שווערע נסיונות און מכשולים? באַלד אנטפּלעקט זיך פאַר אים דאָס גרויסע, פאַרכאַפּנדיקע בילד פון יציאת־מצרים. ער דערזעט ווי די בני ישראל שטייען ביים ים. דער ים וויל זיך נישט שפּאַלטן. די מיצרים יאָגן זיך הינטער זיי. דאָס פאָלק איז פאַרצווייפלט. פלוצלונג שרייט אויס דער יונגער נחשון בן עמינדב: "איידער קנעכטשאַפט, בעסער אין ים אריין!" און ער שפּרינגט אריין דער ערשטער אין ים, און ציט דאָס פאָלק נאָך זיך. און ווען זיי זיינען שוין געווען ביזן האַלדז אין וואַסער, האָט דער ים זיך געשפּאַלטן! און אויך ער, בערמאַן, וועט דעם ים שפּאַלטן און צו זיין באַשערטער כלה־רעוואָלוציע אריבערשפּרייזן!

ער בלייבט שטיין א פאַרציטערטער. ווי קומען צו אים זיין טאַטנס דרשות? ווי נאָר ער שטעלט זיך אוועק ריידן פאַר אַן עולם ארבעטער, וועגן קלאַסנקאַמף, וועגן רעוואָלוציע, רייסן זיך פון אים שטענדיק ארויס זיין טאַטנס דרשות?! זיין טאַטנס ליכטיקע געשטאַלט פאַרפאָלגט אים כסדר

אויף שריט און טריט, ווי ער, דער טאטע זיינער, וואָלט געפירט פאַר אים דין וחשבון אויף אַלע זיינע מעשים ?

בערמאַן איז אָבער צופרידן פון דעם. וואָרים אייגנטלעך האָט ער דאָך מיט זיין טאַטן, מיט זיין טאַטנס גייסטיקער, הערלישער יידישקייט נישט איבערגעריסן. עס איז דאָ המשך ! מ'קאָן פון פאַרגאַנגענע דורות נישט אַנטלויפן — זיי לויפן מיט איינעם מיט אונדז. מ'דאַרף נאָר צוגעבן צו זיי אַ נייעם זין, אַ נייע פאָרם, מיט אַ פּראָגראַם פון מצוות מעשיות, וואָס מ'דאַרף מקיים זיין נישט אין סימבאָלן, נאָר אין לעבן גופא. דאָס איז דער סינטעז צווישן דעם יידישן רעליגיעזן אוניווערסאַליזם מיטן אַלוועלטלעכן סאָציאַליזם. וואָס דאַרף שטעלן דעם טראָפּ אויפן יחיד, אויפן איינצלנעם מענטשן און פונעם יחיד צום כלל, ווי דאָס ווערט אויסגעדריקט דורך די רייד פון אונדזערע נביאים.

אין דעם איז איגנאַטאָוום הויפּט־העלד, בערמאַן, דער פאַרגייער פון מנחם באַריישאַס "דער גייער". נח מאַרקאַן, באַריישאַס הויפּט־העלד, וואָס איז מיט זיין עקשנותדיקן גלויבן געגאַנגען זוכן דעם אמת, דעם מענטש אין דעם מענטשן, האָט אויך געהאַט צו הילף זיין "מגיד", זיין פּאַרוּים־זאָגער אינם געשטאַלט פון "שלום", וואָס איז תמיד געשטאַנען ביי זיין זייט, ווי דער שומר איבער זיין געווינס. אַזוי אויך איז איגנאַטאָוום גייער — בערמאַן, — איז זיין טאַטע דער מגיד געוואָרן פאַר אים זיין פיר־זאָגער, זיין שומר פון זיינע מעשים, כאָטש ער איז פון זיין טאַטן אַנטלאָפן. אין אַלע זיינע שווערע נסיונות, אין אַלע זיינע פיינלעכע נשמה־געראַנגלען, פלעגט זיך צו אים באַלד אַנטפּלעקן זיין טאַטנס ליכטיקע געשטאַלט, די געשטאַלט פון אַ שטאַרק גלויביקן יידן, און אים געגעבן אַ צייכן צו גיין ווייטער, ווייטער.

אויך איגנאַטאָוו־בערמאַן האָט גענומען דעם זעלבן מאמר פון "זוהר" פאַר זיין מאָטאָ, ווי דאָס האָט גענומען מנחם באַריישאַ פאַר זיין "גייער".

דער "זוהר" זאָגט : "אַז דער חילוק פון אַ מענטשן ביז אַ מלאך איז אין דעם, וואָס אַ מלאך איז בבחינת עומד. דער מלאך שטייט שטענדיק אויף איין מדרגה. דער מענטש אָבער איז אין דער בחינה פון אַ "הולך". דער מענטש דאַרף שטענדיק גיין פון איין מדרגה צו אַ צווייטער, און דאָס איז דער סאַמע תמצית פון לעבן".

איגנאַטאָווס "גייער" — בערמאַן, איז אויך געגאַנגען אַלץ ווייטער און ווייטער, און איז קיינמאָל נישט מיד געוואָרן צו זוכן דעם "אור הגנוז" — דאָס באַהאַלטענע ליכט אינם מענטשן. ער האָט אים קודם כל געזוכט ביי זיך; אַליין זיך געלייטערט, אַליין זיך גערייניקט פון אַלע זיינע ספקות

דורך אלערליי שווערע נסיונות זיינע. ערשט ווען ער האָט זיך געהאַט דער־פילט אַן אויסגעלייטערטער, אַן אויסגעפּרוווטער, האָט ער מיט זיין שטאַרק דערוואָרבענעם כוח פונם גלויבן געגומען אַנטפּלעקן דאָס דאַזיקע ליכט פאַר אַנדערע. דאָס דאַזיקע ליכט, וואָס איגנאַטאָוו האַלט אין איין באַטאָנען, איז די שווערע פאַרפּראַצעווועטע קולטור־ירושה פון דורות ידישקייט, וואָס גייט קיינמאָל ניט פאַרלאָרן, ווי ער דריקט זיך נישט איינמאָל אויס: "ס'זיינען פאַראַן דורות מיט ליכטיקע אָנהייבן און דורות מיט גרויסע דערגרייכונגען. סודותדיק זיינען די וועגן פון דורות, אָבער אַ געזעץ און אַ זין איז אין זיי פאַראַנען, ווי עס איז דאָ אַ געזעץ אין דעם ליכט פון דער זון".

* * * * *

מיר קומען איצט צו די סאַמע געשעענישן און צו די דראַמאַטישסטע האַנדלונגען אין דעם דאַזיקן ראָמאַן "אויף ווייטע וועגן", וואָס הייבן אָן לויפן ווי מיט אַ קינאָמאַטאָגראַפישער שנעלקייט.

עס ברעכט אויס דער ערשטער סטרייק אין דעם שאַפּ ווו בערמאַן האָט געאַרבעט און וואָס ער האָט אָרגאַניזירט. די באַסעס בערנשטיין און קאַלמאַנאָוויטש, די אַזוי גערופענע סאָציאַליסטן, האָבן אָנגעשטעלט סקעבס, גע־דונגען גענגסטערס, וואָס האָבן געשלאָגן און געממיתט די סטרייקערס אויף דער פּיקעט־ליין. בערמאַן, דער אָנפירער פונם סטרייק, איז אַזוי צעשלאָגן געוואָרן, אַז קוים אַ לעבעדיקן האָט מען אים אויפגעהויבן פון דר'ערד. דער סטרייק איז פאַרלאָרן געגאַנגען. בערמאַן איז געווען שטאַרק פאַרצווייפלט, נישט אַזוי וואָס דער סטרייק איז צעבראָכן געוואָרן, נאָר דער עיקר, וואָס אַ מענטש, בצלם אלוקים, האָט געקאָנט אויפהויבן זיין האַנט קעגן אַ צווייטן מענטשן, וואָס האָט אים נאָך קיינמאָל נישט געזען און נישט געקענט. אין זיינע אויערן האָט נישט אויפגעהערט צו ברענען דאָס געשריי פונם אַמע־ריקאַנער שלעגער: "טכויר, גיי דיר צוריק קיין רוסלאַנד!"

אָט דעם דאַזיקן געשריי האָט ער דאָך שוין נישט איינמאָל געהאַט געהערט דאָרטן, אין רוסלאַנד, פונם רוסישן פּויערים־פאָלק, פונם רוסישן אַרבעטער: "בעי זשידאָוו!" בלוטיקע פּאָגראָמען אויף זיין יידישן פאָלק? און איצט, דאָ, אין דער פרייער אַמעריקע, הערט ער ווידער דאָס געשריי: "גיי דיר צוריק קיין רוסלאַנד?!" איז דאָס דער שכר, די באַלוינונג פאַר זיין גיין אויף דעם מזבח, אַליין פאַרברענט צו ווערן און נאָך מיטשלעפּן אייגענע טאַטע־מאַמע, אייגענעם יידיש לעבן?! עפּעס דאַרף דאָ קלאָר ווערן? פאַר־וואָס זאָל איין ברודער שלאָגן זיין צווייטן ברודער? איז דאָס נישט אַמאָל די אייביקע, פאַרשאָלטענע "קין און הבל" דראַמע? אפשר, האָט ער ווייטער געטראַכט, זאָל ער זיך אויפהויבן, אַנטלויפן פון דאַנען, ערגעץ אין דער וועלט אַריין? אפשר זאָל ער גאָר לויפן אין דער ווייטער וועסט? אפשר, דאָרט,

ווו ס'ליגט נאָך אויסגעגאָסן דער שטילער "בראשית" אויפן גאַנצן ארום, וועט אים קלאָרער ווערן.

די ספקות האָבן אים געפייניקט. א שווערער געראַנגל איז אין אים אָנגעגאַנגען : צי זאָל ער אנטלויפן, צי נישט ? ער איז אָבער נישט אנט־לאָפן. אנדערע כוחות, אויסער אים, האָבן אים צוריקגעהאלטן. און אפשר האָט די ליכטיקע געשטאַלט, גערטרוד, וואָס איז פאר אים געוואָרן די געשטאַלט פון זיין מיידל־רעוואָלוציע, נישט דערלאָזט, אז ער זאָל אנטלויפן פון זיך. זי איז פאר אים איצט געוואָרן א שיצנדע ליכט אין דעם פינצטערן לאַבירינט פון זיינע נשמה־געראַנגלען. ער איז גיך געקומען צו זיך פון זיינע פיזישע און מאָראלישע קלעפּ, און מיט נאָך מער אימפּעט זיך באלד צוריק אריינגעוואָרפן אין דער רעוואָלוציאָנערער ארבעט.

* * * * *

בערמאַן איז איינגעלאַדן געוואָרן צו פרענקלען דעם רעדאַקטאָר, צו פייערן זיין טאָכטערס געבורטסטאָג. ער איז געקומען אהין צוזאמען מיט פריילין ליזא פעלדמאַן, וואָס איז געווען א פייערדיקע רעוואָלוציאָנערקע, און האָט געארבעט מיט אים אינאיינעם אינם זעלבן שאַפּ און אים געהאָלפן צו אָרגאַניזירן די יוניע. צו דער דאָזיקער פייערונג איז געקומען כמעט דער גאַנצער סאָציאַליסטישער קרייז, די פיינמאַנס מיט זייער טאָכטער, גערטרוד, און אויך דער ציניקער לעאָן גאַבריעל, וואָס האָט שוין געהאַט באַוויזן אריינצוכאַפּן, ווי א שפּין, אין זיין ליבע־נעץ דער איידעלער זינא, פרענקלס בת־יחידקעלע, וואָס האָט אונטער איר הארצן שוין געטראָגן די פרוכט פון זיין "פרייער ליבע". . .

פּלוצלונג האָט זיך געגעבן א פּראַל אויף די טיר. ס'זיינען אריינגעקומען מיט ראש און געפּילדער די צוויי שותפים־פאַבריקאַנטן, בערנשטיין און קאַלמאַנאָוויטש, באַלאָדן מיט שווערע פּעקלעך מתנות, און מיט א קו־שעריי, אויפן עכט־רוסישן שטייגער, זיך ארויפגעוואָרפן אפריער אויף דער אימעניניצע זינען און באלד אויף אירע טאַטע־מאַמע.

בערמאַן און זיין באַגלייטערין, ליזא פעלדמאַן, זיינען געבליבן שטיין ווי געפּלעפטע : סטייטש, ווי קומען אהער צום רעדאַקטאָר פון דער סאָציאַליסטישער צייטונג "דאָס ליכט", די דאָזיקע בלוטיקע קאַפּיטאַליסטן, וואָס האָבן געהאַט אָנגעשטעלט געננגסטערס, געשלאָגן און געממיתט די ארבעטער מיט דער גרעסטער אכזריות, צעבראָכן דעם סטרייק אין זייער שאַפּ ? דאָס איז דאָך שרעקלעך ! דאָס איז אמתער פאַרראַט !

די אינטעליגענטע און פייערדיקע רעוואָלוציאָנערקע, ליזא פעלדמאַן, האָט באלד א זאָג געטאָן מיט צאָרן צו בערמאַנען אז זיי זאָלן אוועקגיין. און זעענדיק ווי בערמאַן צעגערט, האָט זי מיט כעס געגעבן א זעץ מיט דער

טיר און איז אנטלאָפן. דער עקשנותדיקער בערמאַן איז געבליבן, ווי ער וואָלט מורא געהאַט איבערצולאָזן אַליין אין דער דאָזיקער סביבה זיין צניעותדיקע מיידל־רעוואָלוציע — גערטרוד.

אָבער פּלוצלונג, גאָר אומגעריכט, האָט ער געקראָגן נאָך אַ שרעק־לעכערן קלאַפּ, וואָס האָט שיר נישט אוועקגעריסן אינגאַנצן דעם באָדן פון אונטער זיינע פיס: ער איז צוגעגאַנגען צו זיין געליבטער גערטרודן און געוואָלט אָנהייבן מיט איר עפּעס ריידן, האָט זי, צוליב איר גרויסער איפּער־זוכט אויף דער אומבאַקאַנטער מיס פעלדמאַן, מיט וועלכער ער איז געקומען אינאיינעם צו דער פּאַרטי, גענומען אים שליידערן אין פּנים ברענענדיקע ווערטער:

— דו ביסט אַ פּראָסטער אַרבעטער! ביסט אַ נידעריקער מענטש! דו ביסט אַ פּויער! דו האָסט נישט קיין טאַקט און קיין געוויסן! וואָס ביסטו געקומען אַהער מיטן דאָזיקן מיידל?!

בערמאַן האָט שוין געהאַט פאַרדראָסן וואָס ער איז גלייך נישט אוועק מיט דער פריילין ליזאַ פעלדמאַן. ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און איז ווייטער פאַרבליבן, ווייל, ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָט ער דאָ נאָך געהאַט דורכצופירן אַ געוויסע מיסיע.

דער עולם האָט זיך אויסגעזעצט אַרום דעם רייך־געדעקטן טיש. מ'האָט געמאַכט לחיים, געווונטשן דער אימעניניצע אַ פריילעכן געבורטס־טאָג. דער עולם איז געוואָרן בגילופנדיק. דער גאַטלאָזער און ציניקער גאַבריעל האָט באַלד אָנגעהויבן שפּילן אויף זיין שטייגער, דעם טייוול. ער האָט גענומען אָפּלצעוועז און אָפּחוזקן פון אַלע הייליקייטן פון יידישער עטיק, פון יידישער מוזיק און פון שאַליאַפּניקאָווס תהלים זאָגן. דאָס האָט ער געטאָן מיט דער כוונה וואָס מער ווי צו טאָן דעם אידעאַליסט בערמאַן. דער דאָזיקער אויסוווּרף, ווי נאָר ער האָט זיך געהאַט באַגעגנט מיטן צניעותדיקן, ערלעכן בערמאַן, האָט באַלד דערפילט עפּעס אַ געהיימע שרעק פאַר אים. ס'האָט אים אויך שטאַרק געקרענקט וואָס די אויסטערלישע, שיינע גערטרוד, וויזט אַרויס צו דעם דאָזיקן בערמאַן אַ ליבשאַפט. איז מיט זיין ליצנות טרייבן און מיט זיין איזדיעקעוועען זיך איבער אים, האָט ער אים געוואָלט דערני־דעריקן. און אין דער זעלבער צייט פאַרשרייען אין זיך זיין שרעק־קאָמפּלעקס וואָס אָט דער דאָזיקער "ווילדער" בערמאַן רופט אַרויס אין אים.

בערמאַן אָבער האָט אויף אַלע זיינע ציניש חכמהלעך נישט גע־ענטפערט. ערשט ווען דער שד גאַבריעל איז פאַרשטומט געוואָרן, האָט בערמאַן גענומען ריידן שטיל, רויק, באַזאַכט, ווי זיין טבע איז געווען בעת ער איז געזעסן אין אַ מסיבה.

דער שמועס האָט זיך גראָד געדרייט אַרום דעם יום־טוב סוכות.

פרענקל, דער רעדאַקטאָר פון דער סאָציאַליסטישער צייטונג "דאָס ליכט", האָט שטאַרק באַדויערט וואָס היינט צו טאָג געפינען זיך נאָך אַזעלכע פּינצ־טערלינגען אויף דער ניו־יאָרקער יידישער איסט־סייד, וואָס האָבן אויפגע־שטעלט סוכות, מיט סכך, ווי אין די קליינע שטעטלעך אין דער אַלטער היים.

האָט בערמאַן מיט קלוגע רייד גענומען באַווייזן, אַז ס'איז יאָ פאַראַן אַ זין און אַ חכמה אין דער אַלטער יידישער טראַדיציע. און גראָד איז דער דאָ־זיקער סוכה זעט ער אַ שטיק סאָציאַליזם: וואָרום דער גאַנצער אומגליק פון דער וועלט איז וואָס מענטשן מיינען, אַז זיי וועלן געפינען רו און זיכער־קייט אין זייערע געמויערטע הייזער, פּאַלאַצן וואָס זיי בויען אויפן חשבון פון אַנדערע. אָבער דער סימבאָל פון סוכה טראָגט איז זיך באַשיידנקייט; דאָס איז אַ לעבן פון זיין נאָענט צו דער נאַטור; מיטן פּנים צום דרויסן אַרויס; דאָס איז אַ לעבן וואָס זוכט נישט צו בויען גליק אויפן חשבון פון אַנדערע; און דער צודעק פון סכך איז נאָר דעמאָלט אַ כשרער, ווען דורך אים, דורכן סכך, שיינען אַריין ביינאַכט די שטערן, ווייל אַ מענטש דאַרף שטענדיק שטרעבן צו עפּעס העכערס, צום הימל, צום "דע מה למעלה ממך", צו העכערע ווערטן.

די פאַרזאַמלטע סאָציאַליסטישע כאַליאַסטרע, האָט אים באַלד גענומען פאַרשרייען, פאַרטומלען און אויסלאַכן. אָבער בערמאַן איז געבליבן שטיין פעסט אויף זיין פּאָזיציע, מיט זיין שטאַרקן גלויבן אין זיין אמת.

די שיינע, ריינע, ליכטיקע גערטרוד, איז די גאַנצע צייט געזעסן אַנט־קעגן אים, געשלונגען זיינע רייד, געקוקט אויף אים ווי אויף אַ הייליקן. אָבער אין דער זעלבער צייט האָט אין איר נישט אויפגעהערט צו נאָגן דער וואָרעם פון אייפערזוכט. פאַרוואָס איז ער געקומען אַהער צו דער פּאַרטי מיט אָט יענעם מיידל, ליזאַ פעלדמאַן? ווי קומט עס, אַז אַזאַ הייליקער, אַזאַ ריינער, זאָל האָבן נאָך אַ געליבטע?

זי האָט זיך אַוועקגעריסן פון טיש, אַריין צו איר חברטע זינען אין פינצטערן צימער, אַ פאַל געטאָן אויפן בעט, איינגעגראָבן דאָס פּנים אין קישן און געוויינט. דער דעגענעראַט גאַבריעל, וואָס האָט לעצטנס שוין אויך אָנגעהויבן צו לויערן אויף דער דאָזיקער שיינער, צניעותדיקער גערטרוד, האָט באַלד זיך אויך אַריינגעשליכט אינם פינצטערן צימער און ווי אַ טיגער זיך אַרויפגעוואָרפן אויף איר. גערטרוד האָט געוואָלט שרייען, רופן הילף, האָט ער אַרויפגעלייגט זיין שטאַרקע האַנט אויף איר מויל. זי האָט אים געביסן מיט די ציין. זי האָט זיך געראַנגלט מיט אים מיט אַלע אירע כוחות. זי האָט ווי ס'איז באַפרייט איין האַנט און באַלד די צווייטע, האָט אָנגעכאַפּט זיין קאַרק און אירע מאַניקירטע, שאַרף־פאַרשפּיצטע נעגל האָבן זיך ווילד איינגעגעסן אין זיין האַלדז. ער האָט דערפילט אַ שאַרפן ווייטיק און בלוט

אויפן האלדז. ער איז אויפגעשפרונגען אויף גיך, ארויסגעכאפּט זיין טאשנ־
טיכל עס צוגעלייגט צום בלוטנדיקן האלדז און מיט קללות און מיט פרעכע
זידל־ווערטער ארויסגעלאָפן פון צימער.

דער זינדיקער גאבריעל, דער באצווינגער פון פרויען און דער צעשטע־
רער פון אלע מאָראלישע צאמען, איז צום ערשטן מאָל באזיגט געוואָרן פון
א יונגער, צניעותיקער פרוי. דאָס איז געווען דער אָנהייב פון זיין ירידה.
ער האָט געקראָגן זיין פארדינטע שטראָף, ווי ס'האָבן אינגיכן געקראָגן זייע־
שטראָף די אלע אנדערע מיטגלידער פון אָט דעם הפקרדיקן סאָציאליסטישן
קרייז.

גאבריעל האָט זיך ארייגעכאפּט אין וואש־צימער, וו ער האָט בא־
וויזן אָפּצוואשן די בלוט־פלעקן פון זיין האלדז. ער איז צוריקגעקומען צום
טיש, וו ס'זיינען אָנגעגאנגען די דיסקוסיעס ווי פריער, ווי קיין זאך וואָלט
נישט געשען. ער האָט געכאפּט און ארייגעגאָסן אין זיך נאָך עטלעכע
גלעזלעך בראָנפן, כדי צו פארטרינקען זיין פארדראָס, זיין ביטערניש און זיין
נידערלאגע, וואָס ער האָט ערשט געהאט. און באלד האָט ער נאָך מיט מער
ברוטאלן ציניזם אָנגעהויבן אָפּצוחוזקן, אָפּצושפּעטן פון בערמאנען, אָנרופנ־
דיק אים : דער דומער אייזל־קאָפּ.

באלד האָט זיך אויך באוויזן גערטרוד מיט גרויסע, צעשראָקענע
אויפגעריסענע אויגן און מיט צעקנייטשטע קליידער. אלע האָבן באלד דער־
שפּירט, אז עפּעס איז דאָרט אין צימער געהאט פאָרגעקומען צווישן איר און
גאבריעלן. עס איז מיטאמאָל אנטשטאנען אן אויסערגעוויינלעכע שטילקייט.
בערמאנען האָט ארומגעכאפּט אן עקל צו אָט דעם קרייז, צו פרענקלען דעם
רעדאקטאָר, וואָס פארשטעלט אלץ און אלעמען מיט זיינע פּלייצעס, צו
די באָסעס בערנשטיין און קאלמאנאָוויטש, וואָס זיצן איצט מיט אים ביי
איין טיש, און נאָכמער צו אָט דעם טייוול גאבריעלן און אויך א שטארקן
כעס אויף גערטרודן. ער האָט זיך געפרעגט : ווי קומט ער אינגאנצן אהער ?
איך וועל נאָך אפשר אויך דארפן ווערן איינער פון דער משפּחה ? . .

ער האָט זיך האסטיק געגעבן א שטעל אויף און דערביי פארגעסן אָפּ־
צולאָזן דעם הילצערנעם פוס פונם קיילעכדיקן טיש, וואָס ער האָט געהאלטן
אונטן אין זיינע הענט אזוי, אז דער פול אָנגעשטעלטער טיש, מיט די גלעזער
און מיט די פלעשער און דאָס גאנצע געשיר האָט מיטאמאָל גענומען שפּרינ־
גען פאלן און בראזגען. דער עולם איז אויפגעשפרונגען מיט א מענערישן
געשריי און מיט א ווייבערישן קוויטשען. די שוואנגערדיקע פריילין זינא,
פרענקלס טאָכטער, איז אוועקגעפאלן אין חלשות.

די דאָזיקע סצענקע מיטן איבערגעקערטן טיש, איז נישט קיין צופעליקע.
עס האָט א זין, א געדאנק. עס דינט אונדז ווי א סימבאָל, ווי אן אָנזאָג :

אז דער אמתער רעוואָלוציאָנער, בערמאַן, מיט זיין פּייערדיקן גלויבן, האָט דאָ נישט נאָר איבערגעקערט דעם טיש, נאָר אויך דעם גאַנצן שטייגער פון אָט דעם ערשטן סאָציאַליסטישן דור אין אַמעריקע, מיט זיינע "פריִיע ליבעס", מיט זיינע שרייענדיקע יום־כיפור־בעלער און מיט זיין גאַנצן אַפּאָרטוניזם. ער האָט מיט דעם זיי געוויזן: זעט, ווי די האַנט שרייבט שוין אויף דער וואַנט! — איר וועט אַלע מוזן אַרונטערגיין פון דער סצענע! עס קומט די שטראָף פאַר אַלע אייערע מעשים! און די שטראָף האָט טאַקע לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן אויף זיך.

שפּעט ביינאַכט, ווען גערטרוד איז אַהיים געקומען מיט אירע טאַטע־מאַמע פון זינאָס פּאַרטי, איז זי צוגעקומען צו איר טאַטן און געזאָגט שטרענג, ווי אַ באַפעל:

— איך וויל, אַז דו זאָלסט גאַבריעלן אַרויסוואַרפן פון הויז!

די מאַמע אירע, די שיינע פאַניע פיינמאַן, האָט זיך אויש אַ צאַפּל געטאָן: וואָס הייסט? איר געליבטן רעוואָלוציאָנער גאַבריעלן, וועמען זי האָט געדינט מיט איר ליב ווי צו אַן אָפּגאָט, אַרויסוואַרפן?!

גערטרוד האָט נישט געענטפערט דער מוטער און ווידער געזאָגט שאַרף צום פאָטער:

— דו זאָלסט אים אַרויסוואַרפן פון הויז! ער איז אַ שמוציקער מענטש!

אויף מאָרגן אינדערפרי, ווען דער שמוציקער גאַבריעל האָט אַריבער־געשפּאַנט דעם שוועל פון די פיינמאַנס, האָט דער הויכער, שטאַרקער פיינ־מאַן אים אַ כאַפּ געטאָן, אַ הויב געטאָן אים אין דער לופטן און מיטן גאַנצן כוח אים אַראָפּגעשליידערט פון אַלע טרעפּ. פון דעם דאָזיקן אומגעריכטן, שווערן פאַל איז ער ערשט געקומען צו זיך אין שפּיטאָל.

דאָס איז געווען די שווערסטע שטראָף פאַר דעם שווער־פאַרזינדיקטן גאַבריעלן. און באַלד, אינם זעלבן טאָג איז געקומען די שטראָף פאַר די אַנדערע.

בערמאַן און ליזאַ פעלדמאַן זיינען אינם זעלבן פרימאָרגן געקומען צו לויפן צו דער אַרבעטער־בירזשע אויסגיסן זייער ביטער האַרץ אויף זייער סאָציאַליסטישן רעדאַקטאָר פּרענקל, וואָס ווי זיי האָבן אויסגעפונען, חברט זיך מיט זייערע אונטערדריקער, מיט די באַסעס בערנשטיין און קאַלמאַנאָ־וויטש, די מכלומרשטע סאָציאַליסטן.

— מען באַשווינדלט אייך! מען פאַרראַט אייך! אייער רעדאַקטאָר טרינקט וויין, האַלדזט זיך און קושט זיך מיט אייערע באַסעס, די גענגסטער־דינגער! — האָט בערמאַן געדונערט.

ליזא פעלדמאן, די פייערדיקע רעוואָלוציאָנערקע, האָט פאַרענדיקט דאָס וואָס בערמאַן האָט נאָך נישט געהאַט דערערדט. ס'איז געוואָרן אַ שטורעם. די אַרבעטער־מאַסע האָט מיט צאָרן און האַס זיך באַלד אַוועקגע־לאָזן צו דער רעדאַקציע "דאָס ליכט" און מיט שטיינער צעשמעטערט די פענצטער און אַלץ מיט אַנאַנדער.

די סאָציאַליסטישע צייטונג איז איבערגעגאַנגען אין נייע הענט, צו דעם סטודענט בראַווערמאַן, פרענקלס געטרייער תּלמיד, וואָס האָט אויפן חשבון פון די אַרבעטער, זיך געריסן צו מאַכן פאַר זיך אַ לאָיער־קאַריערע. ווויליס, דער אַרבעטער און האַלב־גענגסטער איז געוואָרן דער פירער איבער דער יוניאָן. ער האָט איבערגענומען די זעלבע מעטאָדן פון זיינע באָסעס — ער האָט אויך געדונגען גענגסטערס צו שלאָגן די סקעבס.

דאָס איז געווען פרענקלס שטראָף, און די שטראָף פון אַט דעם גאַנצן הפקרדיקן סאָציאַליסטישן קרייז.

אָבער דאָ שטעלט זיך אויך די פראַגע: איז דאָס אויך נישט געווען בערמאַנס ירידה? איז דען נישט זיין גאַנצער קאַמף אַ פאַרלאָרענער? אויף דעם קומט דער ענטפער: ניין! זיין קרבן, זיין בלוט, זיין הארץ, זיין צאָרן און זיין גלויבן זיינען אַריינגעקנאָטן אין דעם פונדאַמענט פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג. אָן די דאָזיקע קרבנות, פון אַט די דאָזיקע גלויביקע, קעמפנדע בערמאַנס, וואָלט דער פונדאַמענט זיך נישט געהאַלטן און די גאַנצע געביידע וואָלט צוזאַמענגעפאַלן.

* * * * *

נאָך די אַלע שטורעמדיקע איבערלעבונגען, איז משך פון אַזאַ קורצער צייט אין זיין לעבן, האָט בערמאַן ווידער גענומען מאַכן מיט זיך אַ דין וחשבון: צי איז ער נישט אַמאָל איינער פון די וואָס ווילן דוחק זיין דעם קץ? צי איז ער בכלל ראוי פאַר דעם? ער קען דאָך אפילו נאָך נישט גענוג דאָס לאַנד וווּ ער וויל ברענגען די רעוואָלוציע? יאָ, ער וועט מוזן גיין אַפּריער זיך באַקענען מיט דעם דאָזיקן נייעם לאַנד, זיך אַנזויגן מיט איר לופט, זיך איינפלאַנצן אין איר ערד. דערביי דורכמאַכן נייע, שווערע נסיונות, נייע שווערע געראַנגלען. ער וועט גיין ווערן אַ פּיאָנער, אַ פאַרמער! דאָרטן, אויפן שויס פון דער נאַטור, וועט ער זיך פונדאַסניי רייניקן, זיך ליטערן, זיך אָננעמען מיט נייע, גייסטיקע כּוחות, אַט ווי אונדזערע אַמאָליקע גרויסע מענטשן, איידער זיי זיינען נתגלה געוואָרן, פלעגן זיי גיין אַפּריכטן גלות, וווּ מ'קאָן ווערן נעענטער צו גאָט.

בערמאַן איז אַוועק אין דער ווייטער וועסט. און מיט דעם פאַנגט זיך אָן דאָס דריטע בוך פון איגנאַטאָווס טרילאָגיע "אויף ווייטע וועגן".

ער איז געפֿאָרן מיט באַנען. נאָכדעם געגאַנגען צופֿוס אַ גאַנצן טאָג. ביז ער האָט זיך געפֿונען אין סאַמע האַרץ פֿון דער פּרעירי. ער איז געווען הונגעריק און דאָרשטיק. זיינע פֿיס האָבן זיך שוין געבראָכן. פּלוצלונג האָט ער דערהערט פֿונדערווייטנס דאָס בילן פֿון אַ הונט. ער האָט זיך דערפֿרייט. פֿאַרט געקומען צו אַ מענטשלעכן ישוב. מיטאַמאָל האָט ער דערהערט אַ שרעקלעכן, דונערנדיקן אויסגעשריי:

— העי "דער" שטעל זיך אָפּ דאָרט!

בערמאַן האָט גענומען גיין איינגעהאַלטן און זיך אָנגעשטרענגט צו זען דעם וואָס שרייט.

— העי, דו טייוול! אויב דו מאַכסט נאָך איין טראָט שיס איך גלייך אין דיר!

ס'האָט זיך באַלד דערהערט אַ קנאַל איבער זיין קאָפּ. בערמאַן האָט דערזען פֿונדערווייטנס אַ מענטשן מיט אַ רוישערדיקער ביקס.

— פֿאַרוואָס? — האָט בערמאַן אויסגעשריען אַ פּאַרציטערטער.

— מיר ווילן דאָ נישט קיין טרעמפּס!

— איך בין נישט קיין טרעמפּ. איך זוך אַרבעט!

— ווער, צום טייוול, דאַרף דיך דאָ, דו פֿאַרדאַמטער טרעמפּ!

דערביי איז אַרויס אַ פֿרוי פֿון הויז, האָט עפּעס האַסטיק אַ שליידער געטאָן צו בערמאַנען און אויסגעשריען:

— דאָ האָסטו אַ שטיקל ברויט!

דאָס שטיק ברויט האָט זיך אַ קאַטשע געטאָן אַן דער בלאָטיקער ערד און געבליבן ליגן פֿאַר בערמאַנס פֿיס. בערמאַן איז געבליבן שטיין אַן אויסגעשעפּטער, אַ באַליידיקטער און אויף טויט אַ צעשראָקענער. ער האָט זיך גענומען בעטן:

— גוטע מענטשן . . . איך . . .

אָבער דער גוי האָט אים נישט געלאָזט ריידן און מיט אַ גיפֿטיקן כעס, גענומען שרייען:

— פֿאַרוואָס האָסטו נישט אויפֿגעהויבן פֿון דר'ערד דאָס ברויט?! פֿאַרפֿוילטער טרעמפּ, פֿאַרוואָס האָסטו באַליידיקט גאָטס ברויט?!

און גלייך זיך אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף בערמאַנען מיט די פֿויסטן און אים גענומען זעצן מיט די פֿיס אין בויך. בערמאַן האָט אַ פֿאַל געטאָן צו דער ערד אַ צונויפֿגעדרייטער ווי אַ בייגל.

און דער גוי האָט נאָך אַלץ נישט אָפּגעלאָזט, געקלאַפּט אים מיט די פֿיס ווו נאָר ער האָט געטראָפֿן און געצישעט ווי אַ שלאַנג:

— שוין זאָלסטו אוועק פון דאַנען ! די מינוט ! ווען נישט שיס איך ! דו הינטישע פעל ! ברויט וועסטו זיך לאָזן וואַלגערן אין שמוץ ! קיין גאָט איז האַרצן האָט עס נישט !

בערמאַן האָט אָנגעהויבן קריכן אויף אַלע פיר. און ווען דער וועיטיק אין בויך האָט אים אַביסל אָפּגעלאָזן, האָט ער זיך געשטאַרקט, צונויפגענומען זיינע לעצטע כוחות, זיך אויפגעהויבן און גענומען גיין, לויפן, ווו נאָר די אויגן האָבן געטראָגן.

דאָס איז שוין נישט דאָס ערשטע מאָל ווי בערמאַן ווערט שרעקלעך געשלאָגן ביים אויספירן זיין שליחות. אָבער זיינע יסורים און ליידן האָבן זיך ערשט פונדאַסניי אָנגעהויבן :

ער האָט זיך דערזען אַליין אויף אַ פלאַכער, קאַלטער פרעירי. ער איז אַליין אין אַ ליידיקער נאַכט. די נאַכט איז שוואַרץ. בערמאַן ווייס נישט ווו רעכטס און ווו לינקס. נאָר אָט הערן זיך קוויטשענדיקע, גרילצנדיקע געשרייען פון ווילדע פרעירי־הינטלעך. די קוויטשענדיקע געשרייען עסן זיך אים איין, דערגרייכן ביז צו זיין צערודערטן, צעצונדענעם מאַרך, און ווי פיאַווקעס נעמען זיי זויגן דעם מאַרך פון די ביינער. די ווילדע פרעירי־הינטלעך האָבן מיטאַמאָל גענומען וויינען ווי פאַרלאָזענע קינדער. זיי ליגן איין וועלטן מיט זייערע געשרייען. וואָס האָבן זיי צו אים ? ! וואָס ווילן זיי פון מיר ? !

בערמאַן האָט עס שוין מער נישט געקענט אויסהאַלטן און האָט זיך צעוויינט אײַנײַנעם מיט די וויינענדיקע פרעירי־הינטלעך.

אַ שרעקלעכע קעלט איז אים באַפאַלן. אַ קאַלטער ווינט האָט זיך פלוצלונג דורכגעטראָגן. די פיס זיינען אים געוואָרן מיד און שווער אונטערן פלוצלונגדיקן פרילינג פראָסט. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דר'ערד און האָט גלייך געמוזט אויפשפרינגען פון פייכטקייט און קעלט. די קעלט האָט דורכגענומען אַלע זיינע אברים. דאָס שרייען פון די פרעירי הינטלעך האָט גענומען קומען פון אַלע זייטן, רייסן אוים שטיקער לופט, ברעכן אוים לעבער אין דער נאַכט.

פלוצלונג האָט עפּעס אַ שפרונג געטאָן גלייך אויף אים. פונקען האָבן אים ווי אַ פלי געטאָן פון די אויגן. וואָס איז דאָס ? אַ פרעירי־הינטל ? דאָס האָבן זיי זיך אַזוי אַ גאַנצע נאַכט צונויפגענומען אין אַ רינג אַלץ נעענטער צו אים און איצט נעמען זיי אים באַפאַלן ! און אָט איז נאָך איינס אַזוי אַ שפרונג געטאָן אויף אים מיט אַ שטילן פישטש און נאָכדעם נאָך און נאָך. עס פרירן אים פון דעם די האָר אויפן קאָפּ. דאָס האָבן בערמאַנען אַזוי גענומען באַפאַלן די צו פרי־געקומענע פייגל און פייגעלעך, וואָס זיינען אומדערוואַרט פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער פלוצלונגדיקער קאַלטער נאַכט און פראָסט.

די פייגל האָבן געגומען קריכן אונטער זיין אָרבל, אונטער זיינע פּאָכ־וועס און אין זיין בוזעם, אויף זיין קאָפּ, אויפן האַלדז אַזוי, אַז זיין גאַנצער קערפּער איז באַדעקט געוואָרן מיט פייגל, וואָס האָבן זיך געקלאַמערט, זיך געטוליעט איינס צום אַנדערן, צו אים און אין אים. אייניקע האָבן שוין קיין כוח נישט געהאַט זיך צו האַלטן אויף אים, האָבן זיי אַרויסגעלאָזט אַ שוואַכן פּישטש און זייגען אַראָפּגעפאַלן צו דר׳ערד ווי שטיינדלעך.

ווען די גרויסע, סוף־חודשדיקע לבנה האָט דורכגעריסן די פינצ־טערניש און מיטאַמאָל אַנטפּלעקט די פּרעירי־ערד, וואָס איז געווען מיט אַ ווייסן פראָסט באַדעקט, איז שוין בערמאַן געשטאַנען מיט אַ גראָען קאָפּ, ווי דער אומגעריכטער ווייסער פרילינג־פראָסט . . .

* * * * *

די דאָזיקע שרעקלעכע נאַכט אין דער פּרעירי, מיט אַלע אירע גרויל־ן און קאָשמאַרן, איז אַן און פאַר זיך אַן עכט קינסטלערישע אַנטפּלעקונג, אַ וואונדערלעכער שעדעווער, וואָס אַזאַ האָבן מיר ביז איצט נאָך נישט געהאַט אין אונדזער ליטעראַטור. נאָר אַזאַ טיף־פילנדיקער קינסטלער, ווי איגנאַ־טאָוו, האָט עס געקענט אַרויסברענגען. ער איז געגליכן צו אַ שטראָמיקן טייך, וואָס אין זיין אימפּעטיקן גאַנג כאַפּט ער אַריין אין זיך פיל אַנדערע ריטש־קעלעך און טייכלעך, און שווימט מיט זיי אַוועק איינייגעם אין זיין גע־שלענגלטן וועג. אַזוי אויך איז דער קינסטלער איגנאַטאָוו: אין זיין קינסט־לערישן שפּאַנענדן וועג, כאַפּט ער אַריין פיל זייטיקע בילדער, אויפטרייס־לענדיקע דראַמאַטישע סצענעס, וואָס גיסן זיך אַריין אין זיין גרויסן קינסט־לערישן שטראָמיקן טייך און גייען אָפּט אַריבער זיינע ברעגן.

* * * * *

אין דער דאָזיקער קאַלטער, פינצטערער פּרעירי־נאַכט, בעת בערמאַן האָט זיך געראַנגלט צווישן לעבן און טויט, צווישן וואָר און חלום, האָט זיין צעגליטע נשמה באַקומען נייע זעונגען, נייע אַנטפּלעקונגען, וואָס האָבן אים אי געשראָקן און אי אַנגעלאָדן מיט נייעם פרישן גלויבן.

פּלוצלונג האָט זיך צו אים באַוויזן זיין טאַטע, דער שטאָט־מגיד, דער שומר פון זיין געוויסן, איינגעהילט אין אַ טלית. אָט האָט זיך אים געדאַכט ווי ער הערט זיין מאַמעס געבראָכענעם קול און בעט זיך ביי אים: "קינד מיינס, גיי נישט, פאָלג מיך און גיי נישט אין בית־מדרש צו האַלטן דרשות פאַרן עולם! מ׳וועט דיך חלילה נאָך געבן אַ "גוט אויג" ! . .

ער מאַכט צו די אויגן. ער זינקט. ס׳ווערט אים אַזוי וואַרעם. ער זעט זיך ווי ער פירט אַ סטרייק. סטרייקער־קעמפער קומען אָן פון אַלע זייטן, פון אַלע גאַסן. זיי מאַרשירן. ער פירט זיי מחנות, מחנות גאַנצע.

און אַט פּלוצלונג דערזעט ער זיין גערטרוד, זיין ווייסער, ליכטיקער פויגל! ער טוט זי א כאַפּ אויף די הענט — זעט א ווונדער! דער קוואַל פון ווייסן צפון־ליכט איז אין זיינע הענט!

און אַט שפּרינגט אויף אנטקעגן אים א גרויסער, שוואַרצער הונט מיט א מענטשישן פּנים! דאָס איז דער גאַטלאַזער גאבריעל! ער לאַכט דער הונט מיט גאבריעלס ציינישן געלעכטער!...

און אַט אַנטפּלעקט זיך פאַר אים א גרויס, ליכטיקע געשטעלט, מיט א גרויסער, ליכטיקער באָרד! דאָס איז גאָט! מורמלען זיינע ליפּן. אַזוי האָט ער זיך, אין זיין קינדהייט, געהאַט פאַרגעשטעלט די געשטאַלט פון גאָט, און אַזוי האָט ער אים איצט ווידער דערזען איבער דעם הימל פון דער פּרעירי־נאַכט.

אַט די פּלוצלונגדיקע זעאונג — גאָט, אין א מענטשלעכן געשטאַלט, האָט אים שוין גאָרנישט אַפּגעלאַזט. דאָס איז פאַר אים געווען עפּעס א מין נבואה, א צייכן, אז ער דאַרף גיין צוריק צום אַלטן יידישן קוואַל, שעפּן פון דאָרטן פרישן יידישע ליכט, און עס ברענגען ווייטער פאַר דער וועלט.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון דער פייכטער ערד א געשטאַרקטער. ער האָט גענומען גיין מיט האַסטיקע טריט און מיט פרייד געטראָגן אין זיך דעם נייעם געדאַנק, די נייע אנטפּלעקונג, וואָס איז צו אים געקומען אַזוי פּלוצ־לונג. זיינע ליפּן האָבן געשעפּטשעט:

"דאָס אומגליק פון דער וועלט איז, וואָס יעדער איינער זעט גאָט אין אן אנדער געשטאַלט. ווי באַלד אַזוי, פאַרפעלט דער נאָמען גאָט זיין צוועק. דער "אחדות הבורא" האָט קיין אחדות נישט געבראַכט, ווייל דאָס וואָרט "גאָט" ברענגט מיט זיך פאָרמע, געץ און נאָך אַזעלכע משונהדיקע געשטאַל־טן. דער גוי, דער פאַרמער, וואָס האָט זיך געהאַט אָנגענומען די קריוודע פון זיין גאָט, איז מיט זיין ביקס אין דער האַנט געווען גרייט צו דערשיסן א צווייטן מענטשן וואָס זעט גאָט אין אן אנדער געשטאַלט. איבער אַט דעם געצנדינערישן גאָט באַגריף, קאָן זיך די מענטשהייט נישט באַפרייען פון אירע צאַמען, פון אירע פאַראורטיילן.

עס כאַפּט אים אַרום א גרויס פרייד. ער האָט איצט דערפילט, אז ער האָט איצט באַקומען א נייע שליחות: געבן א נייעם זין, א נייעם געדאַנק וועגן גאָט וואָס זאָל העלפן ברענגען דער וועלט צו דער אמתער דערקענטעניש פון אחדות הבורא, און ממילא צו דער אחדות פונם גאַנצן מענטשלעכן קאָלעקטיוו. ערשט דעמאָלט וועט קאָנען צושטאַנד קומען די גאולה, דער אויסגעחלומטער סאָציאַליזם...

ער שפּאַנט צוריק קיין ניו־יאָרק. עס טראָגט אים אהין דער נייער, ליכטיקער געדאַנק, וואָס האָט זיך צו אים געהאַט אַנטפּלעקט אין דער קאַלטער,

שוואַרצער פּרעירי־נאַכט. און ווי אַ ליכטיקער פויגל וועט זיך אויפהויבן אָט דער ליכטיקער געדאַנק זיינער און וועט נעמען שוועבן הויך, איבער אַלע־מענטש קעפּ.

* * * * *

אויפן וועג קיין ניו־יאָרק, איז בערמאַנען איינגעפאַלן אָפּצוטרעטן אויף אַ ווייל אויפן פאַרם פונעם אַמאָליקן רוסישן רעוואָלוציאָנער־אַנאַרכיסט שאַליאַפּניקאָוו, וועגן וועלכן ער האָט געהערט זאָגן האָט לעצטנס זיך שטאַרק גענומען צום תהלים.

עס איז שוין געווען אָוונט. בערמאַן האָט דאָרט געטראָפן פרענקלען און נאָך אַנדערע מיטגלידער פונעם סאָציאַליסטישן קלוב "די אַראָפּגעפאַלענע בלעטער". זיי זיינען אַלע געקומען צו שאַליאַפּניקאָוון מיט דער פּריצייטיקער בשורה, אַז לויט ווי עס שרייבן די ענגלישע צייטונגען, איז אין רוסלאַנד אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע.

ליזאַ, פרענקלס טאָכטער, וואָס איז שוין פון פריער געהאַט געקומען צו שאַליאַפּניקאָוון אויפן פאַרם זיך צו דערהאָלן פון איר קינפּעט — די פרוכט פון גאַבריעלס פריער ליבע, איז באַלד, שטיל, צוגעלאָפן צום טעלעפאָן, אָפּגערופן "לאָנג דיסטנס" גערטרודן, אָנגעזאָגט איר די פרייליכע נייעס, אַז בערמאַן האָט זיך פּלוצלונג אָפּגעזוכט.

גערטרוד, וואָס האָט זיך גראָד געפונען אַליין אין שטוב, איז באַלד געלאָפן צו כאַפּן דעם לעצטן צוג צו דער פאַרם. ביי דער טיר האָט זי זיך אָנגעשטויסן אָן גאַבריעלן, וואָס איז דעם טאָג געהאַט אַרויס פון שפּיטאָל, נאָכדעם ווען איר פאָטער, פיינמאַן, האָט אים געהאַט אַראָפּגעוואָרפן פון די טרעפּ. און נישט האָבנדיק ווו איבערצונעכטיקן די ערשטע נאַכט, האָט ער פאַרבויגן זיין שטאָלץ און איז געקומען צו די פיינמאַנס זוכן אַ דאַך איבער זיין קאָפּ. און זעענדיק ווי גערטרוד יאָגט זיך מיט שטורעם צו דער באַן, איז ער אויך מיטגעלאָפן מיט איר.

ביים אַריינקומען צו שאַליאַפּניקאָוון אין הויז, האָט גאַבריעל, דער שטענדיקער פרויען־יעגער, געהאַלטן זיין האַנט אַרום גערטרודס טאַליע. גערטרוד, וואָס איז געווען אַזוי שטאַרק איבערגעוועלטיקט פון פרייד מיט בערמאַנס פּלוצלונגדיקן קומען צוריק, האָט עס אפילו נישט באַמערקט. בערמאַנען אָבער האָט עס אַ שניט געטאָן ווי מיט אַ מעסער איבערן האַרצן, — ווער ווייס, האָט אים אַ בליץ געטאָן אין מוח — ווי ווייט עס האַלט שוין ביי זיי? . .

גערטרוד, ווי זי וואָלט געכאַפּט בערמאַנס ווייטיקדיקן געדאַנק, האָט האַסטיק אַראָפּגעשליידערט פון זיך גאַבריעלס האַנט.

דער שמועס, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן צוליב די ניי־אריינ־געקומענע, האָט מען באַלד ווידער גענומען פאָרזעצן. בערמאַן האָט ווידער, אויף זיין שטייגער, גענומען באַווייזן מיט פסוקים פון תנ״ך און מיט מימראס פון אגדה און מדרש, אז ס'איז נישט אמת, וואָס די צייטונגען שרייבן, אז אין רוסלאַנד איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע, ווייל נישט דער מענטש און נישט דאָס פאָלק איז נאָך נישט ראוי דערצו. — ווייל . . . מיסטעריעז רעגירן איבערן מענטשן אָז זיין ווילן . . . און נאָך אזעלכע ענלעכע געדאַנקען.

דער געשלאָגענער גאַבריעל, דערהערנדיק בערמאַנס מיסטישע רייד, האָט צוריק באַקומען זיין אַמאָליקע חוצפה און זיך צעלאַכט אויף זיין גוט־באַקאַנטן, טייוולאַנישן געלעכטער:

— כאַ־כאַ־כאַ, ווידער דער אייזל־קאָפּ בערמאַן מיט זיינע אַלטע דומהייטן!

בערמאַן האָט זיך באַלד דערמאָנט אָן דעם שוואַרצן הונט מיט גאַבריעלס פּנים, וואָס האָט זיך געהאַט געוואָרפן אויף אים אין יענער שוואַרצער פרעירי־נאַכט. דאָס איז איצט פאַר אים געווען אַ נייער סימן, אַז די אַלע זאַכן, וואָס האָבן זיך צו אים געהאַט באַוויזן אין יענער פינצטערער נאַכט, נעמען אָן רעאַלע פאָרמען. דער דאָזיקער דעמאָן גאַבריעל איז איצט נאָכאַמאָל דערשינען פאַר אים אין דער געשטאַלט פונם שטן המשחית, מיט וועלכן ס'וועט אים נאָך אויסקומען נישט איינמאָל זיך צו ראַנגלען אויף זיין נייעם, שווערן וועג. פון זיינע אויגן איז אויך נישט אָפּגעשטאַנען דאָס שניידנדיקע בילד ווי דער דאָזיקער טייוול גאַבריעל האָט געהאַלטן זיין האַנט אויף גערטרודס טאַליע. ער האָט איז דעם געזען אַ גרויסע פאַרשוועכונג קעגן זיין ליכטיקן ווייסן מלאך — גערטרוד . . .

ער האָט זיך דערפילט ווי איז אַ קלעם. אַלץ אַרום האָט אים גע־שטיקט. און ווי שרעקלעך מיד ער איז נישט געווען, האָט ער זיך ראַפּטאָם געגעבן אַ שטעל אויף און איז אַנטלאָפן אין מיטן נאַכט.

גערטרוד איז אים נאָכגעלאָפן און צו אים געשריען און זיך געבעטן, אַז ער זאָל זיך אומקערן. אָבער בערמאַן איז ווי איינגעשלונגען געוואָרן אין דער נאַכטיקער פינצטערניש. פרענקל איז איר געלאָפן זוכן און איר געפונען ליגנדיק אַ דערשעפּטע אין מיטן פעלד. ער האָט זי צוריק געבראַכט אַהיים, קיין ניו־יאָרק.

גערטרוד, וואָס האָט געליבט בערמאַנען מיט אַ הייליקן, צניעותדיקן פייער, האָט געפילט, אַז גאַבריעלס האַנט האָט גורם געווען צו בערמאַנס אַנטלויפן פון איר. איז ווי נאָר זי איז געקומען צוריק אַהיים, האָט זי זיך פאַרשלאָסן אין איר צימער, געכאַפּט אַ מעסער און איינגעשניטן אין זיך

א טיפע וווּנד, דאָרט וווּ דער טריפֿענער גאַבריעל האָט געהאַלטן זיין האַנט אויף איר טאַליע, כדי דאָס בלוט אירס זאָל אָפּוואַשן פֿון איר דעם שמוץ און די טומאה פֿון גאַבריעלס האַנט . . .

* * * * *

א מנהג איז דעמאָלט געווען ביי די יידן אין בראַנזוויל, אַז יעדער נייער קוואַרטאַל האָט זיך געהאַט אָנגעהויבן אַפּריער מיט א נייעם אויסגע־בויטן בית־מדרש. יידישע ריעל עסטייטניקעס פֿלעגן זייער גערן אוועק־שענקען אומזיסטע פֿלעצער פֿאַר נייע בתי־מדרשים. נישט איינמאָל פֿלעגט א פּיפּיקער ריעל עסטייטניק דינגען א רב׳ל, אוועקשטעלן אים מיט א פּויק אויספּויקן די פּריילעכע נייעס, אַז מען גייט דאָ באַלד בויען א נייעם בית־מדרש, דעריבער, יידן, לויפֿט, קויפֿט די ליידיקע ״לאָטס״.

איז איינמאָל, אויף אזא ליידיקן פּלאַץ, פּונקט אַנטקעגן דער בראַנז־ווילער הויפּט־קוואַרטיר פֿונם קלוב פֿון דער ״רוסישער רעוואָלוציע״, ווו מ׳פֿלעגט דאָרט פּראַוועון די טרויעריק־באַרימטע יום־כּיפּור־בעלער, און דער־פֿאַר פֿלעגן דאָרט נישט איינמאָל אויסברעכן געשלעגערייען צווישן די סאָ־ציאַליסטן־אפּיקורסים מיט די פֿרומע יידן, האָט מען דערזען שטיין א יונגן רב מיט א פּויק. דער עולם אַרום אים איז מיט יעדער מינוט געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער. וואָרים זינט בראַנזוויל עקזיסטירט האָט מען נאָך נישט געהאַט געהערט אזא פּלאַמיקע דרשה פֿון א יונגן רב. אפילו די רע־וואָלוציאָנערן־אפּיקורסים פֿונם שכנישן קלוב, ווי וויליק, פֿרענקל, גאַבריעל און אַנדערע, זיינען אויך געקומען צו לויפֿן אָנקוקן אָט דעם בייז־וווּנדער.

דער יונגער רב איז געווען — בערמאַן. ער האָט גערעדט, ווי זיין שטייגער איז געווען, מיט האַרץ, מיט פֿייער, געמישט מיט פּסוקים פֿון דער תורה, מיט מאמרים פֿון חז״ל, באַווירצט מיט מדרש, אגדה און זוהר.

דער עולם איז געשטאַנען מיט פֿאַררייסענע קעפּ, מיט אָפֿענע מיילער און זיך געקוויקט. ביז ער איז געקומען צו זיין נייעם געדאַנק, אַז די מעשה פֿון דער וועלט האָט זיך אינגאַנצן נאָך ניט דערציילט; די מעשה פֿון דער וועלט דערציילט זיך אין יעדער דור אויף אַן אַנדער שטייגער, אָבער אַלץ די זעלביקע מעשה. דעריבער, — האָט ער אויפֿגעהויבן זיין קול נאָך העכער — נישט דורך טלית און תפילין און בתי מדרשים, נאָר אויף א נייעם שטייגער זאָל די מעשה זיך דערציילן: דער פֿרייער הימל זאָל אייער בית־מדרש זיין, און די מעשים פֿון אייערע הענט זאָלן אייערע תפילות זיין, און פֿראַוועון עבודה זאָלט איר לעבעדיקן לעבן. די מעשה פֿון דער וועלט דערציילט זיך איצט דורך יוניאָנס, דורך סטרייקס, דורכן בויענדן, קעמפֿערישן סאָציאַליזם אין רוסלאַנד איבער גאָר דער וועלט ! און עס איז א געצנדינערייי צו זאָגן גאָט — מ׳דאַרף דעם נאָמען גאָט פֿאַרבייטן אויף זאָגן : ״דאָס אמתע ליכט פֿון דער וועלט!״

— יידן, וואָס טוט זיך דאָ ? ! — האָט פּלוצלונג זיך צעשריען אַן

עלטערער ייד, וואָס איז געשטאַנען גאַר נאָענט צו אים, — אפּיקורוס! משומד! מיסיאָנער!

ער האָט דער ערשטער אָפּגעלאָזן בערמאַנען א פייערדיקן פּאטש. באלד האָבן צענדליקער זיך ארויפגעוואָרפן אויף בערמאַנען און אים גענומען שלאָגן מכת רצח. אלטע יידן, יונגע יידן, האָבן אים געפּאטשט און אים געבוכצעט אין די זייטן, אין בויך. זיי האָבן אים צעבראָכן די ריפּן, אָפּגעשלאָגן די לונגען, אויסגעקלאפּט די ציין און שיר נישט ארויסגעריסן די אויגן. ווען נישט די עטלעכע עלטערע און יינגערע סאָציאליסטן, וואָלטן זיי אים אינגאנצן דערהרגעט. קוים א לעבעדיקן האָבן זיי אים אויפגעהויבן פון דר'ערד און אים אוועקגעפירט אין שפּיטאָל, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען פון זיין פּרעזידענט, דעם פילאַנטראָפּ — בערנשטיין, דער רייכער פאבריקאַנט, דער געוועזענער סאָציאליסט, וועמעס גערונגענע גענגסטערס האָבן נישט לאַנג צוריק געהאט צעשלאָגן דעם זעלבן בערמאַן, פאר זיין אָנפירן א סטרייק אין זיין שאַפּ.

די שיינע, ליכטיקע גערטרוד, וואָס איז געווען קראַנק אויף א בלוט־פארגיפטונג, צוליב איר טיפן מעסער־שניט אין איר זייט, וואָס זי אליין האָט אויף זיך געמאכט, און בשום אופן נישט געוואָלט גיין זיך קורירן אין דעם בארימטן שפּיטאָל אויפן נאָמען בערנשטיין, אָבער ווי גיך זי האָט דערהערט, אז איר געליבטן בערמאַן, האָט מען געבראכט אהין א שטארק צעשלאָגענעם, איז זי באלד געקומען צו לויפן צו אים. זי איז געזעסן איבער אים דורך די טעג און דורך די נעכט, בעת ער איז געלעגן אין א באוווסטלאָזן צושטאנד, שוועבנדיק צווישן לעבן און טויט.

בערמאַן, דער נייער נביא־קעמפער, האָט, צווישן זיינע טויט און לעבן האַלוציניאַציעס געהאט "עלית נשמה". דאָס זיינען געווען זיינע לעצטע, גליקלעכסטע מאָמענטן אין זיין לעבן. ער האָט נאָכאמאָל געהאט איבערגעלעבט אלע זיינע ביטערע געראַנגלען, אלע זיינע שווערע נסיונות; זיין איבעררייסן מיט זיין טאטן דעם מגיד; זיין באהעפטן זיך מיט דער רוסישער רעוואָלוציע; זיין אנטלויפן קיין אמעריקע; זיין רעוואָלוציאָנערער־גאנג צו די שעפער; זיינע קלעפּ פון די גענגסטער; זיינע פיינלעכע איבערלעבונגען אין דער קאַלטער, פינצטערער פרעירי; און פון דער פרעירי צום לײדיקן פּלאץ אין בראַנזוויל און די מוראדיקע קלעפּ פונם פרומען עולם, ביז צו זיין לעצטער זעונג — די נייע אנטפּלעקונג פון זיין טאטן, וואָס זאָגט צו אים אזוי פאָטערלעך:

"זון מיינער, מ'קאָן פון די פארגאַנגענע דורות נישט אנטלויפן — זיי לויפן מיט איינינעם מיט אונדז. אָט וואָלט איך אוואדע נישט וועלן צעברעכן דעם הימל, נאָר אז דו קלעטערסט, קלעטער איך איינינעם מיט דיר, און אז דו ברעכסט, ברעך איך איינינעם מיט דיר"...

און אַט האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פון זיין הינער־פּלעט. ער האָט דערזען ביי זיין בעט גערטרודן, אַזאַ ווייסע, אַזאַ ליכטיקע! ער האָט געפּליסטערט: גערטרוד, האָסט קיינמאָל נישט געזען מיין היים, ווייסט גאָר נישט פון מיין היים... מיר ווילט זיך אַזוי זיין מיט דיר גערטרוד! נאָר איינמאָל כאָטש אויף איין מינוט אַ פלי טאָן מיט דיר איבער מיין היים, ווי אַ פויגל מיט פאַנאַנדערגעשפּרייטע פליגל אַ פלי טאָן! ליכטיק איז דאָרט!.. גערטרוד טייערע, איך האָב אַזוי ליב ליכט! ליכט! ווי אַ ווייסער פויגל גערטרוד...

און זיין שיינער, ליכטיקער מלאך, גערטרוד, זיין מיידל־רעוואָלוציע־געשטאַלט, האָט דורך אירע לעצטע קושן און טרערן גערעדט צו אים: יאָ, טייערער, ווי אַ ווייסער פויגל, ווי אַ ווייסער פויגל...

און מיט דער ליכטיקער וויזיע פונם ווייסן פויגל, האָט, דער זוכער פון אמת, דער פלאַמיקער קעמפער, דער גלויביקער סאָציאַליסט בערמאַן, אויסגעהויכט זיין ריינע, ליכטיקע נשמה.

* * * * *

דוד איגנאַטאָוו, דער קינסטלער און דער טיף־דענקענדיקער סאָציאַ־ליסט, האָט מיט זיין גרויסן ראָמאַן "אויף וויטע וועגן", און מיט זיין הויפּט־העלד — בערמאַן, זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז ס'איז דאָ המשך אין אונדזער היסטאָרישן גאַנג פון דורות, ווייל "פון פאַרגאַנגענע דורות קאָן מען נישט אַנטלויפן — זיי לויפן מיט אונדז"...

דוד איגנאַטאָוו האָט באַנומען די טראַגעדיע פונם פריערדיקן אויס־געוואָרצלטן יידישן דור, וואָס האָט ווי מיט אַ האַק געהאַלטן אין איין אויס־האַקן דעם אייגענעם ווייגאָרטן וואָס פריערדיקע דורות האָבן פאַר אונדז געהאַט געפלאַנצט.

ער האָט געזען ווי דער דאָזיקער דור יידישע אינטעליגענטן, יידישע רעוואָלוציאָנערן זיינען, ווי זיין הויפּט־העלד בערמאַן, פאַרבלאָנדזשעט גע־וואָרן אין אַ שוואַרצער, פינצטערער פרעירי־נאַכט און קאָנען נישט געפינען דעם וועג אויף צוריק — צוריק צום יידישן קוואַל, צום יידישן אמת פון צדק און יושר, ווי אויסגעדריקט דורך אונדזערע נביאים־קעמפער. נאָר אַנשטאָט דעם האָט מען אָנגעהויבן זינגען אַ ניי לידל, מיט אַ נייעם נוסח: "דו האָסט פאַרלייקנט דיין טאַטן — גוט אַזוי"... וואָס דאָס איז געווען אַן אַטענטאַט אויף זיך, אויף אייגענע טאַטע־מאַמע און אויף די אַלע שווערע באַמיונגען פון פריערדיקע דורות.

ער, דער מיטצייטלער, האָט געזען ווי דער אָפּגעגאַנגענער דור האָט אַליין מיט די אייגענע הענט געכאַפּט און אַ שליידער געטאָן זיין אייגענע זון צו

דר'ערד און די זון איז זיך אין שטיקלעך צעפלויגן. ער האָט אָבער אויך זוכה געווען נאָך צו דערזען, ווי דער נייער דור סאָציאַליסטן, דער דור פון חלוצים, האָט אָנגעהויבן צוריק צונויפזאַמלען די דאָזיקע שטיקער ברוכטיילן פון דער זון און טוען זיי צוריק צונויפשמעלצן אין א ליכטיקער, גאָלדענער זון איבערן הימל. ווייל די מעשה פון דער וועלט, פון דער "מעשה בראשית" אָן ביז צו אונדזערע היינטיקע טעג, דערציילט יעדער דור די מעשה אויף אַן אנדער שטייגער, אָבער אַלץ די זעלביקע מעשה . . .

איגנאַטאָוו האָט אונדז געפירט מיט זיין קינסטלערישער האַנט "אויף די ווייטע וועגן" און אונדז געבראַכט צוריק צו זיך, צום זעלבן אויסגאַנגס־פּונקט, ווייל דורות באַגעגענען זיך, ווייל עס איז דאָ א זין, א תכלית אין אונדזער היסטאָרישן קולטור המשך.

מאַי, 1954.

יוסף אפּאטאשו

שוין ווידער א נייע, פינצטערע איוב־בשורה! עוד זה מדבר וזה בא — מיר האָבן נאָך נישט געהאט באוויזן אָפּצווזאָגן דעם לעצטן קדיש־יתום נאָך די נפטרים: מאני לייב, חיים שוים, מנחם ריבאלאָוו, דוד איגנאטאָוו, אברהם רייזען, און צווישן זיי אזעלכע צוויי יונגע, בליענדע קינסטלער — נחום באָמזע און דער טראגיש אומגעקומענער שמערקע קאטשערגינסקי — און שוין ווידער האָט דער טויט ארויסגעריסן פון אונדזער מיט נאָך א גרויסן שרייבער, א גרויסן יידן און א גרויסן וואָרט־קינסטלער, מיט וועמעס קינסט־לערישן וואָרט ס׳האָבן זיך געהאט געקוויקט הונדערטער־טויזנטער יידן בכל תפוצות ישראל!

אומעטום, בכל אתר ואתר, ווו נאָר ס׳האָט דערגרייכט די דאָזיקע פינצטערע בשורה, אז אונדזער יוסף אפּאטאשו, דער קינסטלער פון די באַ־רימטע "אין די פּוילישע וועלדער", איז שוין אויך מער נישטאָ, איז דאָס יידישע לעבן ממש אויפגעטרייסלט געוואָרן. פון טויזנטער יידישע מיילער האָט זיך ארויסגעריסן מיטאמאָל א פארשטיקטער, צאפּלדיקער אויסגעשריי: אוי! אוי!

און מער פון אלעמען קלאָגט איצט און יאָמערט מיטן געוויין פון אונדזער מוטער רחל אונדזער אומגליקלעכע מאמע — יידיש . . . זי זיצט איצט אוואדע מיט זאק און אש, על אם הדרך, אויף די שייד־וועגן, וואָס האָבן "אמאָל" געהאט געפירט צו "יידישלאנד", און שרייט מיט א יאָמער־לעכן געשריי צום הימל: אם יש מכאוב כמכאובי? ! צי איז דען נאָך דאָ אזא ווייטיק ווי מיין ווייטיק? ! . . . אירע שטאָלצע, ליכטיקע זין, וואָס האָבן איר געהאט אויסגעפּוצט מיט שבת־יום־טובדיקן זייד און אטלאס, און מיט טייערן צירונג באצירט, ווערן פארשניטן איינער נאָכן אנדערן פאר אירע אויגן, און זי איז פארבליבן אן עלנטע, וויסטע אלמנה, און ס׳איז נישטאָ ווער ס׳זאָל איר טרייסטן . . .

* * * * *

און איצט, ביים אָפּריכטן די שלושים ימי אבלות נאָך אונדזער גרויסן נפטר, דארפן מיר פרובירן מאכן כאָטש א טיילווייזן סך־הכל פון זיין גרויסער, ליטעראַרישער ירושה, כדי נאָך מער טייער צו האלטן זיין גייסטיקן פאר־מעגן, וואָס ער האָט אונדז איבערגעלאָזן.

יוסף אפאטאשו איז געקומען צו אונדזער ליטעראטור נישט פונם ווייס־רוסישן שטעטל "קאבצאנסק", נישט פון "ביינאכט אויפן אלטן מארק" און נישט פון "קאסרילעווקע און יעהופעץ".

ער האט אריינגעשפאנט צו אונדז פון גאר א נייער, אומבאקאנטער וועלט, וואס איז פאר אונדז געווען לחלוטין א פרעמדע. ער איז געקומען צו אונדז פונם סאמע געדיכטן פוילישן וואלד, מיט אלע זיינע צמחים, ביימער, גראזן, מיט זיין פלאטער פון געפליגל און מיט זיין אימפעטיקן געלאף פון ווילדווארג.

ער האט אריינגעבראכט אין אונדזער ליטעראטור דעם געזונטן, פרישן אראמאט פונם וואלד.

ביז אים איז דער וואלד ביי אונדזערע קלאסיקער : מענדעלע, י. ל. פרץ, שלום עליכם און ביי שלום אשן, תמיד געווען איינגעהילט אין רזין דרזין, אין הוילע רוחניות; דער וואלד איז שטענדיק געווען פארנומען מיט אפריכטן תפילות צום בורא עולם; ווען יידן האבן געדארפט דורכפארן א וואלד, פלעגט זיי אן אימה באפאלן, ווארום אין זיין געדיכטן מיט האבן זיך דאך שטענדיק געטאן אויפהאלטן פארוואגלטע, זינדיקע נשמות, ווי ס'ווערט באשריבן אין די הייליקע קבלה־ספרים . . .

איז געקומען דער יונגער קינסטלער אפאטאשו און האט אנטפלעקט פאר אונדז צום ערשטן מאל גאר אן אנדער מין וואלד — א וואלד וואס דאוונט נישט מיט קיטל און טלית, נאר ברויזט און שטורעמט מיט רויער, פיזישער גבורה; א וואלד־ווו ס'טוט זיך אין אים אויפהאלטן די אונטער־וועלט, מיט אלערליי טיפן און געשטאלטן, מיט זייערע עראטישע תאוות און גלוסטונגען.

ער האט, מיט זיין דערציילונג "אויף יענער זייט בריק" און מיט "א ראמאן פון א פערד־גנב", ארויסגעפירט פאר אונדז א באליאסטרע געזונ־טע יאטן, באלעגאלעס, שמוגליארעס, גרעניץ־שווארצער, פערד־הענדלער, פערד־גנבים, מיט פארברוינטע קארקן און פנימער, און מיט תאווהדיקע אויגן, וואס חברן זיך מיט גויים און גוייעס, מיט ציגיינער און ציגיינערינס. די דאזיקע פארשוינען ווייסן נישט פון קיין שרעק; זיי האבן נישט קיין מורא פארן וואלד־שומר מיט דער ביקס און אויך נישט פאר די פארהוילענע, טונקע־לע וועגן און שטעגן, וואס שניידן דורך די אור־אלטע, פוילישע וועלדער.

ער האט די דאזיקע אונטערוועלט פון אין און ארום דעם וואלד, געמאלן ווי זיי שטייען און גייען, מיט אלע זייערע חיהשע אינסטינקטן, מיט אלע זייערע קאמפן און געראנגלען, ווי ער האט זיי געזען אין דער ווירק־לעכקייט.

ער האט זיי אויך נאכדעם אריבערגעבראכט מיט זיך קיין אמעריקע אין זיין "ניו־יארקער געטא", איז "דער טענצערין" און אנדערע. דער

אונטערשייד איז נאָר באשטאנגען אין זייער הילוך, אין זייער נייעם ארט־רייזן, שוין גענישט מיט צעקאליעטשעטע, ענגלישע ווערטער. אין פוילן האָבן זיי נאָך געהאט געטראָגן לאנגע קאפאטעס, מיט שווארצע־רויטע־בלאָנדע בערד, ווי אלע אנדערע יידן. דאָ אָבער, אין דער "ניו־יאָרקער געטאָ", זיינען זיי שוין געווען גאנצע פראנטן, מיט גלאַט־ראזירטע פנימער, מיט הארטע, ווייל־יונגערישע קאפעליושן און צילינדערס אויף די קעפּ, מיט גראָבע ציגארן צווישן די ציין און מיט גרויסע, גאָלדענע ציבעלע־זייגערס אויף די ווייס־זיידענע קאמזוילן. אָבער אין תוך די זעלבע פארקריפּלטע נשמות. (זע, "יוסף אפּאטאשום שאפונג־וועג", פון יחזקאל פריליד ע"ה).

דער דעמאָלטדיקער אינטעליגענטער יידישער לייענער, וואָס האָט זיך געהאט דערצויגן אויף די "ר' שלמה נגידם", אויף שלום אשם "תהלים ייד", "קידוש השם" יידן און אויף פּרצעס חסידישע געשטאלטן, איז געבליבן שטיין ווי געפּלעפּט. וואָרום אזוינע טיפּן, אזוינע כאראקטערן, האָט מען נאָך נישט געהאט געזען צווישן טאָוולען פון א יידישן בוך. נישט איינער האָט זיך געהאט געפרעגט: סטייטש, ווי קומען אזעלכע פינצטערע פארשוינען פון דער סאמע אונטערוועלט, אין אונדזער יידיש־ליטעראַרישן ווייגאָרטן ? !

אָבער דער יונגער שרייבער, יוסף אפּאטאשו, וואָס האָט געהאט אריינ־געשפּאנט אין דער יידישער ליטעראטור, מעשה רעוואָלוציאָנער, א ברעכער פון אלטע, איינגעשטעלטע ליטעראַרישע טראדיציעס, האָט זיך גאָר נישט געהאט אָפּגעשראָקן פאר די אלע בעלי־טענות. ער האָט ווייטער געהאלטן אין איין מאָלן אָט די דאָזיקע טיפּן מיט אזא לײדנשאפט און מיט אזא פארכלי־ניעטקייט, ווי ער וואָלט געווען איינער פון זייער מיט.

וואָרום לשיטתו, לויט זיין יוגנטלעכן ליטעראַרישן איינשטעל, האָט די יידישע ליטעראטור נישט געטאָרט באשטיין פון דורכוים שבת־יום־טובדיקע יידן, מיט די הויכע למדנישע שטערנס, וואָס טוען זיך כסדר ווייקן אינם "זוהר"; דער אמתער קינסטלער טאָר נישט אָפּקלייבן בלויז דאָס שיינע, צניעותדיקע זייט פון לעבן, נאָר ער דאַרף אויך מאָלן און צייכענען מיט דער זעלבער געטריישאפט די צווייטע זייט פון מענטשלעכן לעבן. ווייל פונקט ווי אין דער נאטור איז נישטאָ דורכוים שיינעס און דורכוים מיאוסעס, נאָר אלץ איז א טייל אינם גרויסן וועלט־באשאף, אזוי אויך זיינען די אונטער־וועלט־פארשוינען מיט אלע זייערע ווילדע, רויע אינסטינקטן, נישט קיין "נפילים" — אראָפּגעפאלענע פון ערגעץ א באזונדערן פלאנעט אויף אונדזער זינדיקער ערד, נאָר זיי זיינען אויך מענטשן, אויך יידן, אונדזערע יידן.

אזוי אויך האָט ער געמאָלן פריי און אָפן די אזוי גערופענע באהעמע־יידן אין זיין ראָמאן "היברו", וואָס זיינען אין זייער גאנצן מהות קיין סך נישט בעסער פון די העלדן פון זיין "ניו־יאָרקער געטאָ". אויך ביי זיי, ביי די האלבע און גאנצע אינטעליגענטן, גייט אָן א שטענדיקער געיעג נאָך

כבוד, מאכט, קנאה און שנאה, תאוות און גלוסטונגען, ווי ביי יעדער פשוטן בשר ודם. דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס די באַהעמע־מענטשן קענען זיך גיכער פארגרימירן, מאכן דעם אָנשטעל פון זיידענע יונגעלייט, אָבער אין תוך די זעלבע צוויי־פיסיקע חיה.

דאָס איז געווען אפּאטאָשוס נייער דרך אין דער ליטעראטור. ער האָט מיט דעם געהאט ארייגעבראכט דעם גראָעז "דערוואַכן" אין אונדזער ליטעראטור, וואָס פאר יענער צייט איז דאָס ווירקלעך געווען א גרויסע רעוואָלוציע, וואָס נאָר אזא גרויסער קינסטלער, מיט אזא ברייטן פארנעם, האָט געקאָנט און געוואגט צו מאכן.

* * * * *

דאָ דארף אָבער באלד געזאָגט ווערן, אז מיט אונדזער יונגן קינסטלער יוסף אפּאטאָשו איז געשען א נס, וואָס איז אויך דער נס פון אונדזער ליטעראטור בכלל. ווארום ווי שיין און קינסטלעריש ער האָט געהאט געמאָלן זיינע אונטערוועלט־טיפּן און געשטאלטן, וואָלט מען אים נאָך אלץ נישט געקענט פאררעכענען אלס עכט־יידישן שרייבער. אוודאי איז עס שיינע ליטעראטור, געצייכנט מיט אן עכט־קינסטלערישער האנט. אָבער אזעלכע ווערק, ווי שיין זיי זאָלן נישט זיין, טראָגן נישט אויף זיך דעם חותם פון אונדזער יידישן, ליטעראַרישן קולטור־המשך.

ווייל דאָס יידישע פאָלק וואָס איז "המהלך בדרך", א גייער, א וואנ־דערער "בין הגויים", האָט שוין פון לאנג א טראדיציע זיך נישט צו לאָזן פארכאַפּן פונם "מה נאה אילן זה"; אזא ליטעראטור, וואָס גיט אונדז בלויז מאָמענטאלע, עסטעטישע הנאה, איז פרעמד געווען דעם יידישן גייסט. פאר אונדז האָט ליטעראטור געמיינט — תורה, לערנונג; זי האָט שטענדיק געהאט א נאציאָנאלע שליחות דורכצופירן — און דאָס איז צו שטארקן דעם קיום האומה, ווי עס ווערט געזאָגט : "כי הם חיינו וארך ימינו"; זי האָט אונדז געדארפט דערהאלטן ביים לעבן; די תורה־ליטעראטור איז פארן יידן געווען זיין גייסטיקע טעריטאָריע, זיין מלוכה אונטערוועגנס, וואָס האָט אים אויסגעהיט פונם פרעמדן ארום; דער יידישער גייסט האָט אין זיין מלכות־תורה רק געזוכט זיין ווייטערדיקן קולטור־המשך.

דעריבער איז דער נאציאָנאלער חוב פונם יידישן קינסטלער צו גראָבן טיפער און טיפער אין דעם מאור שביהדות, כדי צו דערגרונטעווען זיך צו דעם אור הגנוז, וואָס ליגט טיף באהאלטן אינם מענטשן. נאָר אזא ליטעראטור קאָן האָבן די זכיה ארייגענומען צו ווערן אין דעם כינוס פון אונדזער אייביקן קולטור־המשך.

און דאָ איז געשען דער נס מיטן קינסטלער אפּאטאָשו : זיין קינסט־לערישע אינטויציע האָט אים געשטויסן צו גיין זיך פארנעמען אויף גאָר א

נייעם דרך — אויפן וועג פון יידישן שאפן, פון שפינען ווייטער דעם גאָל־דענעם פאָדעם פון יידישן קולטור־המשך.

ער האָט זיך מיטאמאָל ארויסגעריסן פון זיין "ניו־יאָרקער געטאָ" מיט אלע אירע אונטערוועלט פארשווינען, און זיך אוועקגעלאָזן גראָבן טיפער אין אונדזער געשיכטע, אין אונדזער אלט־נייער ליטעראטור. דאָ האָט זיין יידישע, קינסטלערישע נשמה ערשט געפונען איר אמתן תיקון.

ווי אפּאטאָשו דערציילט אונדז אין זיין קורצער אויטאָביאָגראפיע, האָט ער פון זיין קינדהייט אָן זיך געהאט דערצויגן אין א "בית ועד לחכמים", צווישן תורה־יידן און צווישן יידן בעלי השכלה. באזונדערס האָט געהאט אויסגעאיבט אויף אים א שטארקע השפעה זיין פאָטער, דוד, דער רייכער וואלד־סוחר, וואָס איז געווען א ייד א למדן און א משכיל, געשריבן העברעי־שע לידער. די דאָזיקע קולטור־סביבה און די גייסטיקע השפעה פון זיין פאָטער, וואָס האָט געצויגן זיין שלשלת היוחסין פון דורות תלמידי חכמים, האָבן, ווייזט אויס, זיך געהאט געמיט פאר זייער יונגן שפּראָצלינג און פאר זיין קינסטלערישן טאלאנט, אז ער זאָל חלילה נישט בלייבן זיצן אויף שטענדיק אין דער חברותא פון די דאָזיקע אונטערוועלט פארשווינען. זיין יידישע, קינסטלערישע נשמה, האָט אים געשטויסן צו גיין צוריק צום יידישן שורש.

* * * * *

אפּאטאָשו האָט זיך גענומען גריבלען אין דער יידישער געשיכטע, אין דער יידישער פארגאנגענהייט. ער האָט געזוכט דעם מיסטעריעזן כוח פונעם יידישן פאָלק, וואָס גייט דורך אלע קאלט־אויוונס דורך אלע אינקווי־זיציע־פייערן, ווערט געברענט און ווערט נישט פארברענט. ער איז געזעסן יום ולילה אין די דלד אמות של הלכה, געלערנט משנה, גמרא, אגדה, שטודירט יידישע און אלגעמיינע פילאָזאָפיע און אויך אנדערע צווייגן פון מענטשלעכן וויסן.

ער, דער גרויסער מתמיד, איז גיך באקאנט געוואָרן אין דער וועלט פון יידישע געלערנטע, נישט נאָר ווי א גרויסער וואָרט־קינסטלער, נאָר אויך ווי א תלמיד־חכם און א בקי אין אלע ווינקעלעך פון חכמת היהדות. און טאקע נישט איינמאָל האָבן שרייבער און געלערנטע זיך געהאט געווענדעט צו אים מיט פארשיידענע שאלות, ווי למשל: ווו געפינט זיך דער און דער מאמר אין דער יידישער מיטלאלטערלעכער ליטעראטור און פילאָזאָפיע, אָדער ווער איז געווען דער מחבר פון דעם און דעם קבלה־ספר?

אָט די דאָזיקע טיפע, אלזייטיקע געלערנטקייט זיינע, האָט זייער פיל בייגעשטייערט צו זיין שפעטערדיקן קינסטלערישן שאפן, וואָס האָט שוין געטראָגן אין זיך דעם יידישן קולטור־המשך. מיט זיין טיפן וויסן און מיט זיין קינסטלערישן אזוי גערופענעם רוח־הקודש, האָט ער אריינגעדרונגען אין

אַלע אונדזערע היסטאָרישע קולטור־קאַמפן, און אַלע אונדזערע פאַרשיידענע פילאָזאָפישע שיטות, וואָס זיינען נאָך אַלץ היינט־צייטיק.

פון זיין „ניו־יאָרקער געטאָ" האָט ער אַ שפּאַן געטאָן מיט זיין קינסטלערישן קפיצת הדרך צוריק צו זיינע אַמאָליקע פּוילישע וועלדער. אָבער נישט צו די פּוילישע וועלדער של מטה, וווּ ס'האָבן זיך געהאַט אויפגעהאַלטן זיינע פריערדיקע טונקעלע געשטאַלטן, די שמוגליאַרעס, די גרעניץ־שוואַרצער, די פערד־גנבים, נאָר אַנטפּלעקט האָט ער איצט פאַר אונדז, אַזוי צו זאָגן, פּוילישע וועלדער של מעלה, וואָס דורות יידן, אנשי מעשה, האָבן געהאַט געפלאַנצט מיטן בלוט פון זייער הארצן אין דער יידיש־פּוילישער ערד, וואָס איז צו אונדז מקודש געוואָרן מיט דער אָטעם־פאַרכאַפּנדער לעגענדע : פּה־לין, דאָ נעכטיק, דאָ מאַך דיין הארבעריק.

דאָ האָט אַפּאַטאַשו, מיט זיין רייפן קינסטלערישן טאַלאַנט, גענומען אויפשטעלן פאַר אונדז גייסטיקע ריזן־געשטאַלטן, ווי די ר' ישראלס, די ר' איטשעס און די ר' מענדל קאָצקערס, די אייניקלעך און תלמידים פונם בעל שם טוב. יעדער איינער פון די דאָזיקע געשטאַלטן האָט ניט אויפגעהערט צו שפּינען דעם חלום פון גאולה, פון אויסלייזונג, נישט נאָר פאַרן פאָלק, נאָר קודם־כל קומען צו דער גאולה פון דער אייגענער נשמה אַזוי, אַז דער יחיד זאָל דערפילן אין זיך אַזאַ דראַנג צו גייסטיקער שלמות, צו גייסטיקער פרייהייט, אפילו ווען דער גוף זיינער איז אין קייטן פאַרשמידט.

אָבער אַלע זיינע גייסטיקע ריזן־געשטאַלטן זיינען ביי אים נישט קיין הימל־מענטשן; זיי זיינען אויך אונטערוואָרפן צו אַלע ערדישע מענטשלעכע שוואַכקייטן, ווי יעדער פּשוטער בשר־ודם. זיי קענען אויך חלילה נכשל ווערן. דעריבער איז זייער געראַנגל אַ פיל שווערערער און דער נסיון זייערער נאָך אַ פיל גרעסערער.

דער חסידישער מנהיג הדור, דער רבי ר' מענדעלע קאָצקער, „אין די פּוילישע וועלדער", לויפט אַרום ווי אַ צעררייצטער לייב אין זיין ענגער שטייג, קלאַפּט מיטן קאָפּ אָן די ווענט פון זיין אָפּגעשלאָסענעם בוידעם־שטיבל, ווו ער האָט זיך אַליין פאַרמשפּט צו איזאָלאַציע. ער שרייט, ער צאַרנט, ער שילט זיין עדה־חסידים, וואָס לאָזן זיך נישט מיטרייסן מיט אים אינייגעם צום הימל. ער איז געבליבן אַליין. האָט ער פאַר כעס פאַרהאַקט זיין טיר און פענצטער צו דער וועלט. אין זיין צאָרנדיקן געשריי הערט זיך דאָס געוויין נישט נאָר פון זיין צעפּייניקטער נשמה, נאָר אויך די נשמה פונם גאַנצן מענטשלעכן ציבור, וואָס רייסט זיך צום הימל, אָבער דער גוף שלעפּט זי צוריק אין דער נידער. ס'איז אַ שווערער געראַנגל, מען קען דעם הימל נישט אַראָפּשלעפּן צו דער ערד, ווי מ'קען נישט אויפהויבן די ערד צום הימל.

אַזאַ שווערער געראַנגל קומט אויך פאָר ביים יונגן אידעאַליסט

מרדכין: ער נעמט זיך אָן די קריוודע פון די אָרעמע, פאַרשקלאַפטע פויערים. ער לייגט זיך אוועק אויפן „פּליש-באַנק“ צו קריגן די בלוטיקע שמיץ פונם פּריץ, אַנשטאָט דעם פאַרמשפּטן, אָרעמען פויערל. אָבער מיט דעם אַליין קאָן מען נאָך נישט מתקן זיין די וועלט פון רשעות, בפרט ווען מען דערזעט ווי דער געשלאָגענער ברודער ווערט באַלד אַליין פאַרוואַנדלט אין אַ שלעגער...

הייבט אָן נאָגן אין האַרצן דער צווייפל און עס פרעגט זיך: צי וועט בכלל ווען ס'איז דער מענטש זיין ראוי פאַר דער גאולה? צי קען דער מענטש אַרויסשפּרינגען פון זיין אייגענער הויט? דער נסיון איז צו גרויס און צו שווער. זיין נשמה ווערט צעריסן פון כלערליי ספקות. און כדי צו פאַרהיילן אָט דעם ריס אין דער נשמה לויפט מרדכי צום קאָצקער חסידישן הויף, אפשר וועט ער דאָרט געפינען רו און מנוחה.

אָבער אויך דאָרט געפינט ער ספקות, שווערע, ביטערע געראַנגלען, ווייל דער מענטש איז נאָך אַלץ נישט גרייט צו וועלן זיך אַליין באַפרייען . . .

דערפאַר אָבער איז דער צדיק, ר' איטשע, גאַנץ מיט זיך. ער ווייס נישט פון קיין ספקות, פון קיינע נשמה געראַנגלען. ער גייט מיט אַ זיכערן טראָט. ער פאַרמעסט זיך נישט צו צעברעכן דעם הימל און נישט דעם איינגעשטעלטן דרך העולם. ער טראָגט אין האַרצן דעם הימל און ער פילט אונטער זיינע פיס די ערד. זיין כוח ליגט אין אהבת ישראל, אין אהבת הבריות ווי אין אהבת המקום. אין דעם באַשטייט זיין גייסטיקער כוח. דערפאַר צווייפלט ער נישט און שטרויכלט נישט. ער איז אַן איינגעוואָרצלטער בוים אינם אַלטן יידישן וואַלד אַזוי, אַז קיין שטורעם-ווינט קאָן אים נישט אַרויסרייסן פון דער ערד.

די דראַמאַטישע טרילאָגיע, „אין פּוילישע וועלדער“, האָט בשעתו אַרויסגערופן אַ שטורעם אין דער ליטעראַרישער יידישער וועלט און איז פאַר אַ לענגערער צייט פאַררעכנט געוואָרן פאַר זיין פרוין-ווערק. ס'האָבן עס געלייענט אַלע שיכטן פון פאָלק: למדנישע יידן, חסידישע יידן, היינטוועלטיקע יידן, אינטעליגענטן און פאָלקס-מענטשן. און מ'האָט עס אויך באַלד איבערגעזעצט אויף פּויליש און אויף אַנדערע שפּראַכן.

דאָ האָט יוסף אָפּאַטאָשו זיך ערשט געהאַט אַנטפּלעקט פאַר אונדז אין זיין אמתן, קינסטלערישן געשטאַלט. מיר האָבן ערשט דערזען אין אים דעם למדן, דעם גרויסן יידן און דעם גרויסן שרייבער, וואָס האָט באַוויזן צו פאַרפלאַנצן אין אונדזער ליטעראַטור אַ וואַלד פון „ארזי הלבנון“, פון גייסטיקע, ריזיקע געשטאַלטן, וואָס האָבן זיך געריסן צום הימל און צום „אויבן נישט נאָך העכער“. . .

* * * * *

ס'דאַרף אָבער געזאָגט ווערן, אַז צווישן זיינע „אין די פּוילישע וועלדער“ און זיינע שפּעטערדיקע ווערק, ווי „ר' עקיבא“ און זיין גאָר לעצט

ווערק "בר כוכבא", וואָס ער האָט לײדער שוין נישט דערלעבט עס צו זען און בוך פאָרם, ליגט א גרויסער מהלך אין זייער קינסטלערישער ארכיטעקטור, און אויך איז זייער קינסטלערישן פארנעם.

נישט אלע זיינע טיפן און געשטאלטן "אין די פוילישע וועלדער" זיינען ארויסגעקומען אזוי בולט קלאָר. ס'מערקט זיך אָפט ווי ס'איז געשריבן מיט צוויי באזונדערע נוסחאות. דער זאַץ־געבוי, וואָס דער שפּעטערדיקער אפּאטאָשו האָט געהאַט דערהויבן צו עכט־קינסטלערישער שלמות, איז נאָך דאָ א שטארק איבערגעפּלאָסענער. ס'איז קענטיק, אז דער קינסטלער האָט נאָך דעמאָלט נישט געהאט דעם פולן קאָנטראָל איבער זיין אימפּעטיקן שטראָם פון ווערטער.

דערפאר אָבער אין זיינע שפּעטערדיקע ווערק, זיינען די העלדן ארויס־געקומען אין זייער פולער געשטאלט. מיר זעען זיי מיט אלע אויסערלעבטע שטריכן און אויך מיט אלע זייערע אינערלעכע געראנגלען און קאמפן, ווי זיי וואָלטן געשטאַנען לעבעדיקע פאר אונדזערע אויגן. אזוי אויך איז אין די דאַזיקע ווערק די קאָנטרוקציע פון זיין זאַץ־געבוי א בצימצומדיקער, יעדער וואָרט א געמאָסטענער, אן אָפּגעוווויגענער; פון זיינע אויסגעטאָקטע שורות הערט זיך קיטם און קלאנג; זיין פּראָזע לייענט זיך ווי גוטע פּאָעזיע. דאָס באווייזט ווי יוסף אפּאטאָשו האָט אין זיין קינסטלערישן, אימפּעטיקן שאפן געהאלטן אין איין שטייגן אלץ העכער און העכער.

* * * * *

מיט זיינע לעצטע צוויי ווערק, "רבי עקיבא" און "בר־כוכבא", האָט אפּאטאָשו אויפגעלעבט פאר אונדז א גאָר וויכטיקע עפּאָכע אין אונדזער געשיכטע, ווען דאָס יידישע פאָלק האָט זיך געהאט געראנגלט און געקעמפט און מיט בלוט אָפּגעגאַנגען, כדי צוריק צו געווינען זיין גייסטיקע און פּאָלי־טישע זעלבסטשטענדיקייט. ער האָט אויך קינסטלעריש און היסטאָריש באוויזן, אז אין אונדזער לאנגן געשיכטלעכן גאנג איז דאָ א אידייעשער המשך, וואָס ציט זיך פון מעמד הר סיני, דורך ירושלים, דורך יבנה, בבל, ביז צום אויפשטאנד פון דער וואַרשעווער געטאָ און דעם אויפקום פון מדינת ישראל.

יוסף אפּאטאָשו, וואָס איז פון זיין בארוף געווען א דיפּלאָמירטער אינזשענער, האָט פארמאָגט די פעיקייט, דעם כוח און די וויזיע פון קענען פארוואַרפן קינסטלערישע בריקן פון איין היסטאָרישער עפּאָכע צו דער צוויי־טער. צו וואָסערער געשיכטלעכער טעמע ער האָט זיך געהאט צוגערירט מיט זיין קינסטלערישער פעז, האָט ער אריינגעבלאָזן אין איר א רוח־חיים; יענע ווייטע, פארגאנגענע פּראָבלעם איז באלד געוואָרן פאר אונדז א היינטיקע. ווייל ער האָט כסדר געזוכט אין זיי די יידישע אידייע, דעם יסוד פון אונדזער פיזיש־גייסטיקן קיום. דערפאר איז זיין ליבשאַפט צו אונדזערע היסטאָרישע

גייסטיקע געשטאַלטן, וואָס האָבן געפורעמט דאָס יידישע לעבן לדורות, געווען אזוי גרויס. ער האָט זיי קיינמאָל נישט אָפּגעלאָזן פון זיין אויג.

ער האָט אָבער אויך קיינמאָל נישט פארזען דאָס רעאַלע, ווירקלעכע יידישע לעבן מיט אלע זיינע שווערע קאַמפן און גרויסן פאַר זיין טאָג־טעגלעכער עקזיסטענץ. אין אלע זיינע שריפטן פארנעמט דער יידישער האַנדלסמאַן, דער באַלמעלאָכע, דער פויער, דער פשוטער פאָלקס־מענטש, אזא חשובן פלאַץ ווי דער למדן, דער גייסטיקער פירער, ווייל ביידע זיינען דער גוף און די נשמה פון פאָלק און ביידע טראָגן אויף זיך דעם יידישן גורל.

אָט דעם דאָזיקן, בשותפותדיקן, יידישן גורל האָט ער געזוכט "איבער ימען און לענדער" און איבערן גאַנצן שטח פון אונדזער געשיכטלעכן גאַנג אין דער וועלט.

און פונקט ווי ער האָט זיך געפילט א היימישער אין די טונקעלע, פארהוילענע וועגן און שטעגן אין זיינע געדיכטע "פוילישע וועלדער", אזוי האָט ער אונדז געפירט מיט א געניטער האַנט איבער די ענגע, געדרייטע געסלעך פון דער יידישער געטאָ אין מיטלאַלטערלעכן דייטשלאַנד. און אלץ וואָס זיין אויג האָט דאָרט אויפגעכאַפּט, האָט ער פארצייכנט אין זיין בוך "א טאָג אין רעגנסבורג".

ווען מיר לייענען דאָס דאָזיקע בוך, אנטפלעקט זיך פאַר אונדז א רייך, פארביק בילד ווי יידן, אין דער אַמאָליקער געטאָ, האָבן געפירט א שפרודלדיק לעבן. מיר זעען זיי אין זייער שווערן גרויסן פאַר זייער טאָג־טעגלעכער חיונה, זייער הלבשה; מיר הערן זייער אַרט־ריידן, פון וואַנען אונדזער היינטיקער יידיש־לשון האָט זיך גענערט; מיר דערזעען זייער גאַנצן לעבנס־שטייגער, זייערע וואָכעדיקע, גראָע טעג, ווי זייערע שבת יום־טובדיקע טעג, זייערע שמחות, חתונות און בריתן, און אויך זייערע לויות.

דאָס אלץ האָט ער געמאָלן אויפן סמך פון זיין לאַנגן פאָרשן אין אַלטע פנקסים, אין אלטע "שאלות ותשובותן". און א דאַנק זיין קינסטלערישער פען, האָבן מיר דערזען א שטיק רעאַל יידיש לעבן, וואָס ביז אים איז עס פאַר אונדז געווען כמעט אומבאַקאַנט. און ווי זיין שטייגער איז, האָט ער עס געמאָלן אזוי לעבעדיק, ווי ער וואָלט אַליין געווען א געבוירטיקער אין דער רעגנסבורגער געטאָ.

אזוי אויך האָט ער באַוויזן אריינצודרינגען אין די האַלב־פינצטערע, פארהוילענע היילן אין די הרי יהודה, וו די חכמי יבנה, די תנאים פון בני ברק האָבן אָפּגעהאַלטן זייערע געהיימע אסיפות. מיר דערהערן די חילוקי דעות, די שאַרפע פלוגתאס צווישן רבי עקיבאן און זיינע חברים צי בר־כוכבא איז דער אמתער גואל, צי חלילה א פאַלשער משיח. איר זעט דעם איינגעשניטענעם צער אויף די פנימער פון די דאָזיקע גייסטיקע געשטאַלטן איבער

דער לויערנדער סכנה אויפֿן יידישן לעבן. און אַט דערזעט איר די גליענדע אויגן פֿונם אַלטן רעבעל, רבי עקיבא, דער רעוואָלוציאָנערער קעמפֿער קעגן דער רשעותדיקער ממשלה פֿון אדום־רוים. דער גייסטיקער פֿירער רייסט זיך מיט אַלע זיינע כוחות, און מיט זיין פֿלאַמיקער אמונה צינדט ער אָן זיינע טויזנטער תלמידים צום קאַמף פֿאַר דער גאולה פֿון זיין פֿאָלק. און בשעת מעשה לעבט איר אַדורך מיט זיי איינינעם דעם ציטער איבער דעם גורל פֿון אונדזער ווייטערדיקן קיום.

דאָס איז דער קינסטלערישער כוח פֿון אַפּאַטאָשון, וואָס קאָן פֿאַר־וואַנדלען אַלטע, לאַנג־פֿאַרגאַנגענע, היסטאָרישע קאַמפֿן און גערעגלען פֿאַר היינטצייטיקע, אייביק יידישע.

און פּונקט ווי ס׳איז ״אין מוקדם ומאוחר בתורה״ — נישטאָ קיין פֿריער און קיין שפּעטער אין אונדזער אַלטער תורה־ליטעראַטור, אַזוי אויך איז אַפּאַטאָשום ליטעראַרישער גאַנג נישט געבונדן צו צייט און צו אָרט. ווייל, כידוע, פֿאַרן אמתן גאָט־געבענטשטן קינסטלער עקזיסטירט נישט קיין גרעניצן און קיין צאַמען אין דעם כראָנאָלאָגישן גאַנג פֿון געשיכטע.

דאָס איז אין קורצן דער אַלגעמיינער שטריך אין אַפּאַטאָשום שאַפֿן. ס׳איז דערפֿאַר קיין חידוש נישט, וואָס דער נאָמען אַפּאַטאָשו איז געווען אַזוי באַליבט בכל תפֿוצות ישראל. אומעטום ווו נאָר ער איז געקומען, אין פּוילן, אַרגענטינע, ארץ־ישראל, האָט מען אים ממש אויף די הענט געטראָגן. ווייל מיט זיין ליטעראַרישן שאַפֿן האָט ער געגעבן כבוד און רום דער יידישער ליטעראַטור און דעם יידישן פֿאָלק בכל אתר ואתר.

אָבער נישט קוקנדיק אויף זיין גרויסן, קינסטלערישן אויפֿשטייג און אויף זיין גרויסער באַרימטקייט, איז אַפּאַטאָשו פֿאַרבליבן אַ גאַנץ באַשיידע־נער מענטש. ער האָט זיך קיינמאָל נישט געריסן צום אויבנאָן; קיינמאָל נישט געפּראַוועט ״ליטעראַרישן־טיש״. די טומלדיקע ״ליטעראַרישע קיבע־צאַרניעס״ זיינען אים געווען דערווידער. ער האָט ליב געהאַט צו דאַווענען ביחידות, ווי ער האָט געדאַוונט אין זיין לעצטן יום־כיפּור... זיין באַליבסטער ווינקל איז געווען זיין ליטעראַרישער ״וואַרשטאַט״, וואָס האָט זיך געהאַט געפֿונען אין זיין גרויסער ביבליאָטעק, ווו ס׳איז געווען אָנגעפּראָפּט מיט זעלטענע ספֿרים, מיט יקר המציאותן און אַלטע כתב ידן. דאָרט, אין דער מסיבה פֿון זיינע הייליקע ספֿרים, אין שכנות פֿון זיינע אייגענע דריי צענד־ליק ווערק, ווו ס׳האָבן זיך געהאַט קאָנצענטרירט זיינע הונדערטער העלדן, זיינע גייסטיקע געשטאַלטן, האָט ער געדאַוונט און אויסגעזונגען זיין שטילע, קינסטלערישער תפֿילה פֿון יצירה. פֿון דאָרט האָט ער געשטיגן אויף זיין קינסטלערישן לייטער אַלץ העכער און העכער, פֿון איין קינסטלערישער מדרגה צו דער צווייטער.

* * * * *

יוסף אַפּאַטאָשו איז אויך געווען דער גרויסער מייסטער פון דער קורצער נאָוועלע, וואָס ער האָט געהאַט דערהויבן צו אַ גוואַלדיקער קינסטלע־רישער הויך. יעדער דערציילונג זיינע איז אַ שעדעווער. יעדער וואָרט, יעדער זאַץ איז אַזוי געשליפן ווי אַ פיל קאַלירנדער דימענט. מיט איניקע געציילטע שטריכן וואַקסט באַלד אויס פאַר אייך אַ מענטש, אַ געשטאַלט, אַ בילד, אַ סצענע. כמעט אין יעדער סקיצע זיינער איז אַריינגעפּאַסט אַ מענטשלעכע דראַמע, אַ טראַגעדיע און אָפטמאָל אויך אַ טראַגי־קאָמעדיע.

אויף דעם געביט האָט ער ווירקלעך געשאַפן אַ נייע ליטעראַרישע שול, ווו אַ סך פון אונדזערע יינגערע שרייבער האָבן ביי אים געלערנט די קונסט פון זיין שפּאַרזאַם מיטן וואָרט, די קונסט פון זיין פּרעציזן זאַץ־געבוי, וואָס איז שטענדיק אויסגעהאַקט ווי פון גראַניט. דער אינטעליגענטער לייענער פון זיינער אַ נאָוועלע ווערט תמיד פאַרכאַפּט נישט נאָר פון איר צונויפגעפּרעסטן אינהאַלט, נאָר אויך פון דער שיינקייט פון איר סטיל און פאָרם.

ס'איז גענוג דאָ צו דערמאָנען זיין בוך "ווען פוילן איז געפאַלן", ווו ער פירט אַרויס פאַר אונדז אַ רייע ליכטיקע טיפּן און געשטאַלטן, ווי דער סאָראָצקער רב, ר' פּנחס און אויך פּשוטע עמך־יידן. מיר בלייבן שטיין געפּלעפטע: אַזויפיל מענטשלעכקייט! אַזויפיל מסירת־נפש פאַר יידישקייט! אַזויפיל אהבת ישראל און אהבת הבריות האָבן עס פאַרמאָגט אונדזערע יידן! יידן נישט פון ווייטע פאַרגאַנגענע דורות, נאָר היינטיקע יידן, יידן פון אונדזער דור! יידן וואָס האָבן געלעבט אַ לעבן פון כסדרדיקע ליידן, פון שטענדיקן געראַנגל פאַר זייער פיזישער און גייסטיקער עקזיסטענץ, און דאָך האָבן זיי קיינמאָל נישט געהאַט פאַרלאָרן זייער מענטשלעכע ווירדע, זייער צלם אלוקים! אַפּאַטאָשוס יידן, אונדזערע יידן, שטאַרבן אַזוי שיין, אַזוי הערלעך, ווי שיין און הערלעך זיי האָבן געלעבט.

דאָס אַלץ האָט ער באַוויזן אַריינצופּאַסן אין אַ ראַם פון אַ קורצער דערציילונג, ווו אין יעדער איינער פון זיי שפּיגלט זיך אָפּ אַ גאַנצער דור, אַ גאַנצע יידישע וועלט וואָס איז חרוב ומוחרב געוואָרן אין אונדזערע טעג. מיט דעם דאָזיקן בוך "ווען פוילן איז געפאַלן", האָט ער אַריינגעשריבן אַ נייע מגילת־אש אין אונדזער חורבן־ליטעראַטור. ער האָט מיט דעם אַריינגע־שמידט נאָך אַ רינג אין דעם המשך פון אונדזער קידוש־השם אין אונדזער גע־שיכטע, וואָס ציט זיך פון אברהמס קאַלך־אויוון ביז צו די וועגן פון טרעמ־בלינקע און מיידאַנעק.

* * * * *

יוסף אַפּאַטאָשו, וואָס האָט געקענט פאַרוואַרפן קינסטלערישע בריקן צווישן איין געשיכטלעכער עפּאָכע און דער צווייטער, האָט, צו אונדזער גרויסן צער, איבערגעשפּאַנט, מיט אַ צו שנעלן אימפּעטיקן קפיצת הדרך, די בריק פון לעבן און טויט.

זיין לעצטער אקט, ווי די יידישע פרעסע האָט אונדז געהאַט איבער־געגעבן, האָט זיך אָפּגעשפּיגלט מיט אַזאַ מוראדיקער טראַגישער פּאַרכאַפּט־קייט, אַז עס נעמט אונדז נאָך איצט אַרום אַ גרויל. נאָר אַזאַ גרויסער קינסטלער־דערציילער, ווי ער, וואָלט געקענט נעמען אַזאַ מענטשלעכע טראַ־געדיע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין געציילטע מינוטן, און זי אַריינפּאַסן אין אַ קורצער דערציילונג אַזוי, אַז ווען מ׳זאָל עס נישט לייענען זאָל דאָס בלוט אין אונדזערע אָדערן נעמען גליווערן.

און לייענען לייענט זיך די דאָזיקע גרויליקע קורצע דערציילונג ווי דער גזר־דין האָט פאַרשריבן און געחתמעט:

ס׳איז געווען פאַרנאַכט, יום־כּיפּור, נאָך נעילה. די לעצטע שטראַלן פון דער אונטערגייענדיקער זון האָבן זיך שוין געלאָשן אויף די שפּיצן פון די ביימער. טאַטע־מאַמע האָבן זיך געאײַלט. מיט איבערגעוועלטיק־טער פרייד האָבן זיי זיך גענומען פּוצן און צירן אין דעם שענסטן. מיט יעדער ווייטערדיקער מינוט איז די געשפּאַנטקייט זייערע געוואַקסן.

נאָך מער באַרוישט פון זייער דערוואַרטעטן נחת, איז געווען דער טאַטע, דער באַרימטער שרייבער. ער האָט איצט דערפילט ווי זיין לאַנג־יאָריקע, שווערע, ליטעראַרישע אַרבעט האָט המשך; ער האָט ברוך השם באַוויזן אויפצושטעלן נאָך זיך אַ גייסטיקן יורש; זיין בן־יחידל, דודל, וויזט אויך אַרויס שריפטשטעלערישן טאַלאַנט; ער האָט שוין אפילו באַוויזן אָפּ־צודרוקן זיין ערשטן בוך יידישע דערציילונגען; ער האָט שוין אויך זיך דערוואָרבן אַ נאָמען אין דער יידישער און ענגלישער טעאַטער־וועלט. אָט באַלד טאַקע וועט מען קומען זיי נעמען אין טעאַטער אַריין צו דער פּרעמיערע פון זייער איינציקן זונעלע, דעם באַגאַבטן שוישפּילער. אַ פריידיק געזאַנג האָט זיך געריסן פון אים, אַזש דער אָטעם האָט אים פאַרכאַפּט . . . צו וואָס זיינע ציטערדיקע הענט האָבן זיך נאָר געהאַט צוגערירט, האָט מיט־געזונגען אין אַקאָרד פון זיין גרויסער טאַטעשער פרייד.

אָבער וואָס מער ער האָט זיך געאײַלט, אַלץ שווערער איז אים געווען דאָס אָנטאָן זיך. ס׳איז אים אַלץ געפאַלן פון די הענט. ס׳איז אים אפילו שווער געווען צו באַשליסן וואָס פאַר אַן אָנצוג ער זאָל אָנטאָן צו זיין היינ־טיקן גרויסן יום־טוב. ער איז געווען אײַן שטיק עמאָציע. אַלץ אין אים האָט געברויזט ווי אין אַ געווירבל.

ענדלעך האָט ער שוין גענומען אויסשלייפן אויף זיך זיין נייעם, שיינעם קראַוואַט — אַ מתנהלע פונעם זונעלע — און נישט געקענט. ער האָט געפּרוּווט אָנטאָן אַ צווייטן, אַ דריטן און ס׳האָט זיך אַלץ נישט גע־לאָזט אויסבינדן. עפּעס האָבן אים די הענט היינט נישט געדינט, ווי די גאַנצע געשפּאַנטקייט פון אַלע זיינע אבֿרים וואָלט איצט אָנגעלאָפן אין די שפּיצן פון זיינע ציטערדיקע פינגער . . .

די מאמע, שוין אן אויסגעפּוצטע, א צעלויכטענע, מיט א גליק־זעליקן שמייכל אויף די ליפּן, איז שוין געשטאנען א גרייטע. און זעענדיק ווי דער אומרויִקער טאטע מאטערט זיך אזוי מיטן קראוואט, איז זי צוגעקומען און אים גענומען ארויסהעלפן. אָבער איידער זי האָט באוויזן צורעכט מאכן דעם שלייף אויף זיין האלדז, האָט ער זיך א וואקל געטאָן, ארויסגעלאָזן א געשריי. זי האָט אים געוואָלט אונטערכאַפּן און נישט געקענט. ער האָט א פאל געטאָן צו דר׳ערד און אויסגעגאנגען אויף אירע הענט.

אזוי אין געציילטע שורות, אויף א סקיצע־מעסיקן אופן, האָט זיך אָפּגעשפּילט א מענטשלעכע טראגעדיע אונטערן נאָמען: „ה י ה א י ש ו א י נ נ ו"! געווען א מענטש א גרויסער ייִד, א גרויסער שרייבער און נישטאָ אים מער! דאָס איז געווען זיין לעצטע קירצסטע דערציילונג, וואָס דער טויט האָט אָנגעשריבן פאר אים . . .

נישטאָ שוין מער אונדזערע ייִדישע וועלדער, וואָס דורות ייִדן האָבן א משך פון טויזנט יאָר געפלאנצט אויף דער פּוילישער ערד. נישטאָ שוין מער זייער מאלער־קינסטלער — יוסף אפּאטאשו.

אָבער פּונקט ווי דער בלוטיקער שונא האָט נאָר געקענט פארטיליקן דעם גוף פון די ייִדיש־פּוילישע וועלדער של מטה, אָבער נישט די נשמה פון די ייִדיש־פּוילישע וועלדער של מעלה — זיי וועלן אייביק לעבן אין דער געדעכעניש פונם פאָלק, אזוי אויך וועט זייער קינסטלער־מאלער לעבן אין דעם צרור החיים, אין דעם הארץ און אין דער נשמה פונם ייִדישן פאָלק.

צו זיינע שלושים — 1954.

י. י. שווארץ — דער דיכטער פון „קענטאַקי"

ביזן אָנהייב פונם היינטיקן יאָרהונדערט, איז די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע, נאָך אַלץ געווען אינם נוסח „שטעטל". אונדזערע שרייבער און דיכטער פון יענער צייט, האָבן נאָך נישט געהאַט דערזען די גרויסע אַמעריקע מיט אירע יונגע, אויפגעקומענע, ריזיקע שטעט, מיט אירע פאַרכאַפנדע ים־ברעגן, מיט אירע לאָקנדע בערג און גרינע פּרעירי־טאָלן. זיי זיינען געבליבן זיצן ביי די ברעגן פון איסט־ריווער, ווו ס'האָט זיך געהאַט קאָנצענטרירט די אימיגראַנטישע יידישע געטאָ און מיט גרויס נאָסטאַלגיע האָבן זיי געהאַלטן אין איין באַזינגען דאָס היימישע שטעטעלע, פון וואַנען דער יידישער גורל האָט זיי פּלוצלונג געהאַט אַרויסגעריסן מיט די וואָרצלען. אויף דעם גרויסן וווּנדער פון יונג־אַמעריקע, האָבן זיי געהאַט באַטראַכט פאַר אַ נייעם גלות, נישט חלילה אינם פיזישן זין, נאָר אין גייסטיקן זין פון שכינתא בגלותא . . .

די דעמאָלטדיקע הייפּעלע שרייבער און דיכטער ווי ז. ליבין, מאָריס ראָזענפעלד, לעאָן קאָברין, מאָריס ווינטשעווסקי, דוד עדעלשטאַט און אַנדערע, וואָס האָבן שוין יאָ געהאַט אָנגעהויבן אויפצומישן אַ ניי בלעטל אינם נוסח אַמעריקע, האָבן אין זייער ליד, אין דער דערציילונג, אין דער דראַמע און דעם ראָמאַן געשריבן מיט צער און צאָרן, אַלץ וועגן דער פינצטערער דאָליע פונם יידישן אימיגראַנט, דעם בלייכן אָפּערעיטאָר, וואָס טוט שקלאָפן אינם טרויעריק־באַרימטן סוועט־שאַפּ. אבער קיין אַנדערן, ליכטיקערן שטראַל אינם נייעם לעבן אויף דער נייער אַמעריקאַנער ערד, האָבן זיי נאָך נישט געהאַט דערזען.

אוואדע דאַרף דאָ אויך געזאָגט ווערן, אַז די דאָזיקע ליטעראַטור פון יענער איבערגאַנג־עפּאָכע, האָט אויך געהאַט אירע פאַרדינסטן. למשל: א) מיט איר רופן די „מאַסן אין די גאַסן", האָט זי אויפגעוועקט ביי דער אימיגראַנטישער יידישער אַרבעטער־מאַסע אַ ווילן, אַ דראַנג צו אָרגאַניזאַציע, צו בויען די ערשטע יוניאָנס און אויך די פאַרשיידענע אָרדנס און לאַנדסמאַנשאַפטן; ב) זי האָט אויך פיל געהאָלפן ס'זאָל אויפקומען די סאָציאַליסטישע אַרבעטער־באַוועגונג אויף דער יידישער גאַס; ג) די דאָזיקע ליטעראַטור האָט אויך אוועקגעלייגט דעם יסוד פאַר אונדזער שפּעטערדיקער, קינסטלערישער ליטעראַטור אין אַמעריקע.

ערשט מיטן אויפקום פון אונדזערע "יונגע" שרייבער און דיכטער, מיט זייער ליטעראריש־קינסטלערישן שטורעם און דראנג, האט זיך אנגעהויבן די עפאכע פון נעמען אנטדעקן די גרויסע אמעריקע פאר דער יידישער ליטעראטור.

איינער פון אונדזערע ערשטע, יונגע שרייבער, וואס האט גענומען אויף זיין אופן ארויסצופירן די יידישע ליטעראטור אויף די ברייטע שליאכן פון אמעריקע, איז געווען אייזיק ראבאי ע"ה, מיט זיינע דערציילונגען און ראמאנען, ווי "הער גאלדנבארג" — דער ערשטער יידישער פארמער אין דער ווייטער וועסט — און אויך זיין "יידישער קאובאי". כמעט אין דער זעלבער צייט האט דער יונגער דיכטער, י. י. שווארץ, צו לאנגע יאר, עס געטאן אין דער פאעזיע, מיט זיין בארימט בוך "קענטאקי", ווו ער האט באוויזן אויף אן עכט־קינסטלערישן אופן אפצוצייכענען אונדזערע ערשטע פוסטריט אויף דער נייער ערד, און מיט דעם אוועקגעלייגט דעם יסוד פארן יידישן עפאס אין אמעריקע, — דעם סאמע בראשית פון א נייעם יידישן ישוב אויף די פליינען פונם ווייטן, פרעמדן דיקסי־לאנד — קענטאקי.

* * * * *

דאס בוך "קענטאקי", געשריבן אין א פאעטישער פארם, לייענט עס זיך ווי געשמאקע פראזע. עס פארכאפט אונדז באלד מיט זיין פשוטקייט, מיט זיין תמימותדיקן סטיל און אויך מיט זיין לייכטן, שפילעוודיקן הומאר, וואס טוט דא און דארטן אויפבליצן. איבערן גאנצן בוך ליגט אויסגעגאסן עפעס אזא זעלטענער חן, אזא ביבלישער טאן, אזוי אין זיינע שטילע מאלע־רייען, נאטור־בילדער און פייזאזשן, און אזוי אויך איז זיינע דראמאטישע האנדלונגען און טראגישע מאמענטן. און טאקע נישט איינמאל קריגט איר דאס געפיל ווי איר וואלט איצט האבן געלייענט א ביבלישע מעשה מיט אלע אירע חנען.

דער דיכטער י. י. שווארץ אנטפלעקט פאר אונדז גאר א נייע וועלט, מיט נייע מענטשן, מיט נייע טיפן און געשטאלטן, מיט זייערע אייגנארטיקע קאנפליקטן און געראנגלען. איר דערזעט פאר זיך "פרייע שטרעקעס לאנד, וווּ ס'איז דער אקער נאך נישט דורכגעפארן, פארלאזן, רוי, מיט זאפטיקן גראז, מיט דעמפע, ווילדע וועלדלעך דא און דארט, ווו איין בוים וואקסט אריין אין צווייטן בוים, און ווארצל פלאנטערט זיך אין צווייטנס ווארצל". און פון די ארומיקע צעווארפענע פארם־ישובים, וואקסן אויס פאר אייך עפעס אזעלכע הויכע משונהדיקע מענטשן, ווי די דעמבעס איינגעווארצלטע אין גרונט, "וואס האבן נאך געלעבט מיטן אינסטינקט פון וואלף, מיט הענט פון אייזן, פנימער פון בראנז, מיט שווארצע, געלע, שטארקע בערד, מיט בייזע פייערן אין שטרענגע אויגן, אבער מיט א ווארעם, מענטשלעך הארץ".

דער יונגער דיכטער, וואָס איז נישט לאַנג געהאַט געקומען פונם אַרעמען ליטווישן שטעטל קיין ניו־יאָרק, און פון דער ניו־יאָרקער יידישער "געטאָ" האָט אוועקגעשפאַנט צום ווייטן, אומבאַקאַנטן דרום, איז באַלד פאַר־כּלינעט געוואָרן פון דער זעלטענער שיינקייט פון די פּריע, ווילדע שטרעקעס לאַנד און פון אירע רויע איינוווינער. ער האָט באַלד דערפילט צו זיי אַ נאָענטקייט, אַ ליבשאַפט ווי ער וואָלט שוין דאָרט געווען אַ געבירטיקער, ווי ער דריקט זיך אויס אין זיין אַריינפיר־ליד צום בוך "קענטאָקי":

"ליב איך די ערד אויף וועלכער איך טרעט —
"פּריש איז די ערד און פרוכטבאַר און פעט.
"מיידלשע ערד, אַזוי נאָכגיביק, מילד,
"קושט מיינע טריט מיט איר גראָז און זי קילט.

דער מחבר פירט אונדז אויך אַרום אויפן שיידוועג פון אַן אַפּגיי־ענדן דור און פון אַ נייעם אָנקומענדן דור מיט זייערע קעגנגעזעצטע קולטור־געראַנגלען. איך דערשפירט ווי פונם רויען, פּרימיטיוון אַרום גייט אויף אַ ניי לעבן, אַ נייע שטיק מעשה בראשית; אויפן ראַנד פון אַן אַלטער אָפּ־שטאַרבנדער ציוויליזאַציע, געבויט אויף שקלאַפעריי, קומט אויף אַ נייער, יונגער דור, וואָס ברעכט און צעשטערט די אַלטע צאַמען און אויף אירע חורבות הייבט ער אָן בויען אַ נייע וועלט, אַ שענערע, אַ בעסערע.

דאָס אַלץ ווערט געשילדערט מיט אַ קינסטלערישער פען. דער שרייַ־בער פאַרמאָגט אַ שאַרף אויג; ער דערזעט זאַכן, דערשיינונגען ביזן סאַמע קלענסטן ניואַנס. ער באַניצט אויך דעם כוח הצימצום. ער קאָן אַריינפּאַסן דאָס שענסטע בילד, די שטאַרקסטע סצענע אין געציילטע עטלעכע שורות. דאָ און דאָרט בליצט אויך אויף אַ שטיל־באַהאַלטענער שמייכל. דאָס אַלץ מאַכט דאָס לייענען אַזוי אַנגענעם, ווי איר וואָלט איצט געזעסן אין אַ הייסן זומער־טאָג אין שאָטן פון בוים, און זיך געקוויקט מיט קאַלטן ווין פון אַן ערדענעם קרוג.

ער צייכנט זיינע העלדן, זיינע טיפּן און כאַראַקטערן, מיט גרויס ליבשאַפט. ער לעבט דורך מיט זיי איינינעם זייערע פרייד און זייערע ליידן. מיט דער זעלבער געטריישאַפט ווי ער שילדערט די יידישע געשטאַלטן, מאָלט ער אויך, אינם צווייטן טייל פונם בוך, די נעגער געשטאַלטן — "סעם", "דזשאָרדזש וואַשינגטאָן" און "דער סוף פון טאָמאַסן". ער דערזעט באַלד ווי אונטער זייער האַרטער, גראָבער הויט טליעט אַ מענטשלעכע האַרץ; אַפילו אין זייער געפאַלנקייט טראָגן זיי נאָך אַלץ אויף זיך דעם צלם אלוקים.

י. י. שוואַרץ מיט זיין בוך "קענטאָקי" האַלט זיך אויך נאָענט אין די פוסטריט פון אונדזער געשיכטלעכן גאַנג אויף דער נייער, אַמעריקאַנער ערד אַזוי, אַז מען מעג עס באַטראַכטן ווי אַ סאָציאַל־היסטאָרישער ראָמאַן,

געשריבן אין א פּאָעטישער פאָרם. עס ווערן דאָ געשילדערט די באַזונדערע געשיכטלעכע עטאַפּן פון אונדזער אימיגראַציע און זייערע פאָרשטייערס פון יעדער דור באַזונדער. מיר האָט דאָ: א) די דייטשיש־יאהודימשע; ב) די מזרח־אייראָפּעיש; ג) און דער צווייטער און דריטער דור פון אונדזער פאַרוואָרצלונג אין דעם נייעם באָדן. דאָ קומען אויך מער־ווייניקער צום אויסדרוק די דריי דורות יידישקייט: א) די יידישקייט פונם מזרח־אייראָ־פּעישן אימיגראַנטן דור; ב) די בלאַסע־ראַכיטישע יידישקייט פונם היגן צווייטן דור, וואָס ווערט אַלץ מער און מער אַמעריקאַניזירט און אַסימילירט ביז ס'דערגרייכט צו געמישטע הייראַטן; ג) אָבער באַלד שיינט אויף פאַר אונדז א גאַר פּריידיקע דערשיינונג: דער מחבר שטעלט פאַר פאַר אונדז דעם דריטן דור, וואָס הייבט אָן ביסלעכווייז צו זוכן דעם וועג צוריק צום אַלטן, יידישן קוואַל, ווי מיר זעען עס איצט אין אונדזערע היינטיקע טעג.

* * * * *

לאָמיר איצט פּרובירן איבערגעבן אין קורצן דעם סיפּור המעשה פון דער לענגערער פּאָעמע מיטן נאָמען "נייַ־ערד".

די האַנדלונג קומט פאָר באַלד נאָכן אַמעריקאַנער בירגער־קריג. א ייד, יהושע, אַן אימיגראַנט, וואָס האָט געהאַט געשניידערט פּופצן שעה א טאָג אינעם פינצטערן סוועט־שאַפּ, לאָזט זיך פלוצלונג אַוועק מיט א שווערן פּאַק צעלניק־סחורה אַזש צום ווייטן, פרעמדן דרום, וווּ קיין יידישער פוס האָט נאָך נישט געהאַט באַטראָטן.

ער האָט געוואַנדערט אונטער דער הייסער, גליענדער זון, איבער זאַמדיקע וועגן. ווו ער האָט גטאָגט, האָט ער נישט גענעכטיקט. ביז ער האָט זיך ווי ס'איז דערשלעפּט צו א מענטשלעכן ישוב. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין דער ערשטער, בעסטער טיר:

— ווער ביסטו ? ! — האָט געפרעגט מיט בייזקייט דער גוי, אהינ־טער זיין פאַרריגלטער טיר, מיט א הייזעריק פאַרשלאָפן קול.

— א ייד, וואָס זוכט ווו אָנצושפּאַרן דעם קאָפּ.

— ווי קומסטו אהער ?

— די נאַכט איז צוגעפאַלן, כ'בין מיד, די פיס זיינען אין ווונדן. לאָז אריין, וועל מאַכן א געשאַנק דיין ווייב פון מיין פּאַק.

האָט זיך די רער פון ביקס אראָפּגעלאָזט. דאָס קול האָט ווייכער אויסגעקלונגען: וואַרט !

דער גוי מיט דער לאַמטערן אין איין האַנט און מיט דער ביקס אין דער צווייטער, האָט באַקוקט דעם יידן פון אויבן ביז אראָפּ, אריינגעפירט

אים אין דער שטאַל, אים אַנגעוויזן אויף א בארג מיט היי. ער האָט זיך ארויסגעשלייכט פון שטאַל און פארשלאָסן הינטער זיך דעם טויער.

דער עלנטער ייד איז געלעגן א גאַנצע נאכט אין דער פארשלאָסענער שטאַל אין טויט־אנגסטן. איז וואָס־זשע טוט א ייד אין אזא עת־צרה ? האָט ער, ווי דער שטייגער איז פון א פרומען יידן, באַלד אָנגעהויבן זאָגן תהלים, מיט הארץ, מיט כוונה. הייסע, זודיקע טרערן זיינען געפלאָסן פון זיינע אויגן. און מיט זיינע פארטריקנטע ליפּן האָט ער נישט אויפגעהערט צו שעפּטשען די אלטע תפילה פון אונדזער פאָטער יעקב, ווען ער איז אין דעם פרעמדן לאנד געקומען : "גיב ברויט צום עסן און א קלייד אָנצוטאָן".

נאכן אָפּזאָגן און אויסוויינען דעם תהלים, האָט ביים יידן אין הארצן זיך באַלד אָנגעצונדן דער יידישער בטחון. מיטן שפּראָץ אויף טאָג, האָט ער איינגעדרעמלט. פּלוצלונג האָט זיך פאר אים אנטפּלעקט א וואונדערלעכע זעונג : ער האָט זיך דערזען אין א גרינעם פעלד, באַגאָסן מיט אן אומגעהייער ליכטיקייט; עס שפּראָצט, עס גרינט, עס בליט, עס פליסט מיט ברויט. און זע, ער האָט זיך אָנגענומען אין דעם שווארצלעכן, אין פעטן ווילדן גרונט ! ער שפּירט ווי ער שלאָגט ווארצלען אין דער ערד ! א בוים, א דעמבנבוים, צעוואקסט זיך ברייט מיט פרישע, יונגע צווייגן, גרין באדעקט מיט ווייכע, שמעקנדיקע, יונגע בלעטער. און פויגלען צוויטשערן און נעסטלען אויף זיין קאָפּ. ס'הענגט איבער אים א קילע, רונדע זון און גלעט און צערטלט אים מיט אירע דינע שטראַלן.

די דאָזיקע פריידיקע זעונג האָט אים נאָך מער אָנגעגורט מיט מוט און גלויבן. דאָס איז דער כוח פונם קאַפּיטל תהלים וואָס קאָן דערהויבן די מענטשלעכע נשמה ביז צום הימל.

די גויים, די שכנים, די אָפּשטאַמיקע פון די פּוריטאַנער, וואָס זיינען געקומען מיט דער הייליקער ביבל צום נייעם לאנד כנען־אמעריקע, האָבן, אויף דער גוטער עצה פון זייער יונגן פּאַסטאָר, באַלד אויפגענומען דעם פרעמדן יידן, דעם זון פונם ביבל־פאָלק, מיט א סך ווארעמקייט. וואָרום זיין גאָטס־פּאַרכטיקייט און דער צער און עלנט, וואָס האָט געהאַט ארויסגעקוקט פון זיינע אויגן, האָט גערעדט צו זייער הארץ. מ'האָט אים געהאָלפן מיט וואָס נאָר מ'האָט געקענט. איינער האָט אים אוועקגעשענקט אויף דערוויילן, אן אלט הויז מיט א ליידיקן שייער; דער סוחר פון געהילץ האָט מנדב געווען האָלץ וויפל מ'האָט גענויטיקט צו פאררעכטן דאָס אלטע, פארלאָזענע הויז; אנדערע האָבן זיך אונטערגענומען עס צו פאַררעכטן. און מיט דעם ביסל געלט, וואָס עס האָט אָפּגעלייזט פאר זיין פּאַק סחורה, האָט דער ייד באַלד פארלייגט א געשעפט פון אייזן־ברוכווארג, פעל, ביין און קאָדער.

די דאָזיקע ערשטע באַגעגעניש צווישן די אָפּשטאַמיקע פון צוויי

פרעמדע פעלקער, אויף דער נייער, אמעריקאנער ערד, איז אַן און פאַר זיך אַן עכט־קינסטלערישע נאָוועלע, אויף וועלכער ס'ליגט אויסגעשפּרייט עפּעס אַזאַ מין ביבלישער טוי. און ס'לייענט זיך טאַקע מיט אַזאַ זיסער הנאה ווי אונדזערע מאַמעס פלעגן זיך קוויקן מיטן לייענען דעם טייטש־חומש שבת בייטאָג.

* * * * *

דער ייד, יהושע, האָט ביסלעכווייז גענומען שלאָגן וואָרצלען. ער האָט באַלד אַריבערגעבראַכט זיין ווייב מיט זיינע צוויי קינדער, אַ טאָכטערל — פערעלע — און אַ זונעלע — יאַנקעלע. און צוזאַמען מיטן אָרעמען ביסל מטלטלין, האָט מען אויך אַריבערגעבראַכט פון דער אַלטער היים אַ גאַנץ היבשן גייסטיקן באַגאַזש, וואָס איז באַשטאַנען פון אַלטע ספרים, חומשים, משניותן און עין יעקבס פון אַמסטערדאַמער דרוק, און לעבן זיי צוגעטוליעט ליב, דער דורכגעוויינטער, ווייבערשער "צאינה וראינה". אויף די טירן פון דער אַלטער שטוב האָבן בלעכעדיק געשיינט די ווייסע מזוזות. אויף דער קרומער וואַנט האָט זיך גערויטלט און געגרינט אַ "מזרח", אויסגענייט פון מיידלשע הענט מיט גלאַנצנדיקן פאָדעם־זייד. אַרום דעם "מזרח" זיינען גע־האַנגען בילדער פון רבנים, מיט הויכע שטערנס און שוואַרצע, אַטלאַסענע קאַפּאָטעס, שטריימלעך, מיט פּנימער פון דורכזיכטיקן פּאַרמעט, מיט הויך־קערדיקע נעז און לאַנגע בערד.

און געדוכט האָט זיך, אַז צוזאַמען מיט זיין עקאָנאָמישער איינוואָרצ־לונג, וועט זיך ציען, ווי אַ שטיל, פליסיק טייכעלע, אויך דער יידישער גאָל־דענער פאָדעם — געשפּונען פון יידישע דורות. אָבער זיין יידיש לעבן, ווי פון אַ סך אַזעלכע טויזנטער אַנדערע יידישע אימיגראַנטן, האָט זיך באַלד אַ קירעווע געטאָן אין גאָר אַן אַנדער ריכטונג: ווי גיך דער דאָזיקער יהושע האָט געהאַט אויסגעפּעקלט זיין שווער באַלאָדענעם פּאַק סחורה, אַזוי אויך האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אויסצופּעקלען זיין יידיש־גייסטיקער פּאַק . . . ער האָט שוין מער קיין צייט נישט געהאַט פאַר זיינע ספרימלעך. ער האָט שוין אויך מער קיין צייט נישט געהאַט אָפּצוגעבן זיך מיטן ביסל יידישער דערציונג פון זיין אייגן קינד. אין קורצן: וואָס מער ס'האָט זיך געהאַט צע־וואַקסן דער אָנגעהורבעטער באַרג ברוקאַייזן ביי אים אין הויף, אַזוי אויך, אין דער זעלבער צייט האָט זיין יידישקייט, זיין יידישער געוויסן, גענומען איינדאַרן, איינשרומפּן אַלץ מער און מער.

אין דער דאָזיקער ערשטער יידישער משפּחה, אין דעם וייטן דרום, האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ שטילער, אינערלעכער קולטור־קאַמף, וואָס האָט זיך ערשט גענומען פאַנאַנדערוואַקסן. דאָס איז דער קאָנפליקט, דער גראַנגל איבער דער נשמה פונם יידישן קינד אין אַמעריקע, וואָס איז שטענדיק בבחינת "תינוק שנשבה" . . .

זייער קינד, יאַנקעלע, וואָס האָט אין דער "אַלטער היים" שוין חומש געלערנט, איז ווי גיך ער האָט אָנגעהויבן גיין אין דער ענגלישער שול, "האָט זיך זיין יידיש צונג איינגאַנצן אָפּגעשטעלט — ווייל דער גוישער לימוד האָט מער מזל . . . ער האָט זיך גענומען חברן מיט ווייסע שקצים. ס'האָט אָנגעהויבן ברענען אַ וועלט. דאָס קולכל האָט שוין געקלונגען ביי אים מיט ליבע און מיט פלאַם פון ברייטער פּרעירי און פון יונג אַמעריקע. ער האָט שוין אויך געהאַט טענות צו דעם אַלטן צפון", איז אויך נישט צופרידן געוועזן מיטן אַלטן "אייב" למאַי ער האָט באַפּרייט די שוואַרצע שקלאַפן". ער האָט זיך שוין מער נישט געלאָזט רופן יאַנקעלע, נאָר דזשייק.

דער טאַטע, וואָס איז געווען באַהאַוונט אין די שוואַרצינקע יידישע אותיותלעך, האָט אפילו נישט געפּרוּווט זיך קעגנשטעלן קעגן דער גיכער קולטור־אַסימילאַציע פון זיין קינד. ער איז איצט געווען מיט לייב און לעבן פאַרטאָן אין דעם וווקס פון זיין באַרג אייזנברוכוואַרג . . .

דאַקעגן די שטילע, שווייגנדיקע מאַמע האָט באַלד דערשפּירט די אָנקומענדיקע סכנה. אָבער זי איז געווען שוואַך און הילפלאָז קעגן דעם אומזעבאַרן שונא וואָס לויערט אויף דער יידישער נשמה פון איר קינד. אין אַזעלכע פאַרצווייפלטע מאָמענטן פלעגט זי אַ גיפטיקע, אַ פאַרביסענע קוקן צום הויף, וווּ ס'האָט זיך געטורעמט דער באַרג אייזנברוכוואַרג. אין אים האָט זי געזען דעם שונא פון איר יידישער היים, פון איר יידישן שבת און יום־טוב און דער שונא פון איר קינדס יידישער נשמה . . .

די איינציקע, וואָס האָט מיטגעפילט דער מאַמעס צער, איז געווען דאָס שטילע, צאַרטע, שוואַכינקע טאָכטערל פּערעלע. זי האָט אויך, ווי די מאַמע אירע, שטאַרק געבענקט נאָך דער אַלטער היים, נאָכן יידישן לעבן. "זי פלעגט זיצן אַ שטילע, אַ פאַרטראַכטע אויף דער זון מיט גרויסע, אָפענע אויגן וואָס זעען אַלץ און זעען גאָרנישט". . . די שטילע, צאַרטע, אומגליק־לעכע פּערעלע, האָט מיט אירע גרויסע, אָפענע אויגן, געזען פאַר זיך דאָס היימישע שטעטל פון וואַנען מ'האָט זי פלוצלונג געהאַט אַרויסגעריסן. די דאַזיקע נאָגנדע בענקשאַפט צום היימישן יידישן לעבן, האָט געהאַלטן אין איין פאַרצערן איר יונג לעבן. ביז ס'איז געקומען צו דער טראַגעדיע.

* * * * *

דאָס קאַפּיטל "ווינטער", ווו דער קינסטלער שילדערט פאַר אונדז פּערעלעס טויט, שניידט זיך אַריין טיף אין אונדזער נשמה, ווי דאָס דאָזיקע אומגליקלעכע, פאַרשניטענע קינד וואָלט געווען געביין פון אונדזער געביין. און הערט ווי דער דיכטער דערציילט:

"ס'האָט זיך אָנגערוקט דער ווינטער מיט פרעסט און שווערע שנייען. אין דער אַלטער שטוב איז געווען קאַלט און אומעטיק. די קרומע, אויסגע־

בויגענע ווענט זיינען געווען באַדעקט מיט גערדיכטע, שווערע פאַנצערן פון אייז. און ווען אינדרויסן האָט דער פראָסט נאָכגעלאָזן, האָט אָנגעהויבן רינען פון די ווענט מיט מוטנע טראָפּנס".

"די קליינע פּערעלע איז שוין געלעגן אינם גרויסן בעט, נאָך אומע־טיקער און שטיל, איינגאַנצן הויט און ביין. איר הערצל האָט געבריפּעט ווי א זעג. דאָס אָרעם גופל מיט די בלויע אויגן, האָט פלאַמענדיק געברענט, געברענט, ביז ס'האָט אויסגעהויכט איר אויסגעבענקטע און אויסגעפּייניקטע נשמהלע".

ביים אָנבליק פונם טויט פון זיין ערשטן קינד, האָט דער הויכער, שטאַרקער ייד זיך דערפילט קליין און שוואַך. זיין אָנגעהורבעטער באַרג מיט אייזנברוכוואַרג, אין וועלכן ער האָט געהאַט אריינגעלייגט זיין גאַנץ האַרץ, איז אים מיטאַמאָל געוואָרן פרעמד, ווי ס'וואָלט מיט אים גאָר קיין שייכות נישט געהאַט. פאַר אים איז איצט געשטאַנען בלויז איין פּיינלעכע פראַגע : ווי אזוי צו ברענגען זיין טויט קינד צו קבר ישראל ?

"האָט זיך דער טאַטע אָנגעטאָן אין בעסטן בגד
"זיך אָפּגעוואַשן דאָס צעקרימטע פּנים,
"פּאַמעלעך זיך אַרויסגעשלייכט פון טיר,
"און אז ער איז צוריק געקומען שפּעטער
"מיט צוויי־דריי אַלטע, אָנגעזעענע שכנים —
"איז שוין דער קליינער גוף געווען געוואַשן,
"פאַרוויקלט אין די ווייסע לײַלעכער
"מיט ברענעדיקע ליכט אַרום צוקאָפּנס.
"די מאַמע איז געשטאַנען שווייגנדיקערהייט,
"אָן ווערטער זיך געטרייסלט מיטן גאַנצן גוף,
"און זיך פאַרגאַנגען אין איר שטומען צער.
"פון קליינעם שטיפער דזשייק — איז איבער נאַכט
"צוריק דער אַלטער יאַנקעלע געוואָרן,
"דאָס אָרעם ייִנגל פונם ייִדישן שטעטל :
"דאָס פּנים בלייך, פאַרשפּיצט און אויסגעצויגן
"געזאָגט דעם תהלים דורך פאַרשטיקטע טרערן,
"און ס'קול האָט געציטערט, זיך געוויגט
"אין דעם געבראָכן־יאָמערלעכן ניגון;
"און אז די שכנים זיינען אָנגעקומען,
"אין דער געפּרעסטער לופט פון הויז פון טויט —
"האָט זיי אַרומגעכאַפּט די שווערע אימה.
". . . און דער הויכער ייד איז מיטאַמאָל זיי געוואָרן פרעמד און ווייט
"ס'איז גאָר נישט דער וואָס האַנדלט מיטן ברוכוואַרג —

„א שטרענגער, ווי די בילדער אויף דער וואנט,
„מיט שטאַרע, טרוקענע און רויטע אויגן.

דאָ מישט באַלד אויף פאַר אונדז דער דיכטער י. י. שווארץ א נייע, קינסטלערישע פּרשה, וואָס מ׳דאַרף עס לייענען מיטן זעלבן באַנגן חומש־ניגון, ווי מיר פּלעגן עס לייענען קליינערהייט אין חדר.

מיט א שטילן יאָמערלעכן צער האָט דער ייד אָנגעהויבן ריידן צו זיינע שכנים:

„מיין טויטער ליגט פאַר אייך, איך זוך א פּלאַץ
„מיין עופהלע מיין קליינס מיט ערד באַשיטן,
„איך בין א פרעמדער דאָ צווישן אייך,
„זאָל גאָט אייך העלפן ווי איר האָט ביז היינט
„מיר בייגעשטאַנען אין מיין טאָג פון נויט —
„באַווייזט אויך צו מיין טויטן אייער גנאָד,
„באַוויליקט מיר א קבר פאַר מיין קינד.

האָט דער עלטסטער פון די שכנים געענטפערט אין א שטיל־ווייכן קול:

„דאָס בית־הקברות־פעלד איז פאַר דיר אָפן,
„קלייב אויס א פּלאַץ דאָרט אין די שענסטע רייען,
„און גראָב א קבר פאַר דיין טויטן קינד.

האָט זיך דער ייד עניוותדיק פאַרבויגן און שטיל און צוטרויליך גערעדט פון ס׳ניי:

„איין לעצט געבעט נאָך: אייגנס ציט צו אייגנס;
„און ווען מיין לעצטע שעה וועט אויסשלאָגן
„וואָלט איך געוואָלט, אז מיין געביין זאָל רוען
„צווישן מיינע אייגענע, מיין פלייש און בלוט;
„איך בעט אן אָפּגעזונדערט שטיקל פּלאַץ
„מיין אייגענעם בית עולם צו באַנייען;
„און אויב ס׳איז מיר באַשערט נאָך יאָרן דאָ
„וועל איך אייך אָפּצאָלן דעם גרויסן חוב.

און די שכנים מיט שווארצע, געלע, שטאַרקע בערד, מיט בייזע פייערן און שטרענגע אויגן, אָבער מיט א וואַרעם מענטשלעך האַרץ, האָבן באַלד פאַרנומען דאָס געבעט פון זייער ערשטן יידן, מיט א סך מער אויפריכטיקער פאַרשטענדעניש איידער זייערע אמאָליקע ברידער־גויים, די בני חת, וואָס האָבן פון אונדזער פאָטער אברהם פאַרלאַנגט פאַר זיין ערשטן קבר פאַר דער מוטער שרהן, נישט מער און נישט ווייניקער, ווי ארבע מאות שקל כסף — פיר הונדערט זילבערנע טאַלער.

אַט אזוי לייענט זיך אונדזער אלט־נייע חומש פרשה, נאָר יעדער דור מיט זיין נייעם ניגון . . .

און אז דער אומגליקלעכער טאטע האָט געהאקט דעם קליינעם קבר דורך שווערן, דיקן אייז אין דער ווינטערדיקער ערד, און אז ער האָט דאָס קינד אראָפּגעלאָזט אין דער געפרוירענער, געלער גרוב, ערשט דעמאָלט האָט ביי דער שווייגנדיקער מאמען זיך צעעפנט דער קוואל פון טרערן. זי איז צוגעפאלן צום קבר מיט יאָמערלעכע געשרייען:

"לויס, קינד מיינס, לויס, און מי זיך פאר די הייליקע אמהות. דערציי״ל זיי פון דעם ביטערן און שווערן לעבן, און בעט זיי זאָלן זיך מיען פאר אונדז: אז יאנקעלע זאָל אויסוואקסן און זיין א ייד".

דאָ בלייבן מיר שטיין פארחידושט, און עס פרעגט זיך: ווי קאָן עס געמאָלט זיין, אז אזא אומגליקלעכע, צעבראָכענע מאמע, וואָס שטייט איצט פארן פרישן קבר פון איר קינד זאָל אין אזאַ מאָמענט גאָר קאָנצ׳ טראכטן וועגן דער פאָרשטייענדיקער סכנה פון איר לעבן־פארבליבענעם קינדס ידישקייט?

אָבער ווען מיר קוקן אריין טיפער אין דער נשמה פון אָט־דער אומגליקלעכער אימיגראנטישער יידישער מאמע, זעען מיר ווי דער דיכטערדערציילער האָט חלילה נישט אָפּגענויגט פונם קינסטלערישן אמת. וואָרום די דאָזיקע מאמע, וואָס האלט איצט אין באקלאָגן און באוויינען דעם טויט פון איר קינד, פּערעלע, וואָס איז געפאלן א קרבן צוליב אונדזער פיזישער און גייסטיקער אויסוואָרצלונג, האָט דאָך די גאנצע צייט נישט אויפגעהערט צו ציטערן און צו פלאטערן, אז די נייע, פרעמדע סביבה, מיט איר נייעם, פרעמדן לשון, זאָלן חלילה נישט אָפּטויטן די יידישע נשמה פון איר לעבעדיקן יאנקעלע. וואָס איז שוין דאָ, געוואָרן א דזשייק . . . און וויפל אזעלכע יידישע מאמעס טוען נאָך היינט זיך צאַפּלען אין אנגסטן איבערן גורל פון זייערע דערוואקסענע קינדער, אז זיי זאָלן חלילה נישט אָפּגעריסן ווערן אינגאנצן פון זייער יידישן שטאם? . .

* * * * *

דער נאָמען פונם דאָזיקן יידן יהושע, אָדער דזשאשוא, האָט שוין געהאט געקלונגען העט ווייט־איבערן לאנד, ביז צו די ווייטסטע צפונדיקע שטאטן. אלע האָבן געשיקט צו אים זייער האנדל און געגלויבט אין יידנס וואָרט און פינקטלעכקייט.

האָט שטאָט געדארפט בויען א שפיטאָל, צי אויפשטעלן א נייע קירך, איז מען געקומען צום יידן דזשאָש נאָך א נדבה, וואָס האָט שטענדיק געגעבן מיט א ברייטער האנט. איז אויסגעבראָכן א סכסוך צווישן שכנים פלעגט דזשאָש מאכן שלום צווישן זיי. אלע האָבן באוואונדערט דזשאָשס שאַרפן, קלוגן קאָפּ.

דער דאָזיקער שאַרפער יידישער קאָפּ האָט טאַקע אויפגעטאָן וווּנדער: אויפן אָרט פונם אַלטן שייער איז שוין געשטאַנען אַ הויכער, פיר־גאָרנדיקער, ציגעלנער בנין, מיט ברייטע, שווערע, אייזערנע טויערן, מיט גרויסע ליפטעס אַרויפצוציען סחורה, מיט ליכטיקע גראַמע קעלערן — געבויט פון קאָנקריט און אייזן — צו האַלטן פעל, מיט פּרעסן און מאַשינען צום פּאַקן. דזשאָש האָט אויך איינגיכן אויסגעבויט פאַר זיך און זיין הויזגעזינד, וואָס איז באַשטאַנען פון פיר זין און דריי טעכטער, אַ נייעם, שיינעם הויז, ווו ס'האָט געבלאַנקט דאָס פרישע מעבל, מיט ווייסע, טיפע שטולן פון שווערן פּליוש, מיט גלאַנצנדיקע טישן פון מאַהאָגאַני, מיט זילבערדיקע, הויכע, שווערע שפּיגלען און מיט אַ הויכער פּיאַנאָ פאַר די טעכטער.

אָבער ווי י. ל. פּרץ האָט געזאָגט: "וואָס גרעסער דער גביר, אַלץ קלענער דער ייד". וואָס מער ביי דעם יידן דזשאָשואַ האָט זיך געהאַט פאַר־מערט זיין עשירות, אַלץ אָרעמער איז ביי אים געוואָרן זיין ביסל יידישקייט. אויף די ווענט ווו ס'זיינען פריער געהאַט געהאַנגען בילדער פון רבנים מיט די הויכע למדנישע שטערנס, אין שוואַרצע אַטלאַסענע קאַפּאָטעס און שטריימ־לעך, זיינען שוין איצט געהאַנגען בילדער פון די דרום־גענעראַלן, באַרימט־געוואָרענע אינם בירגער־קריג, מיט קורץ־געשוירענע פראַנצויזישע בערד און שוואַרצע פּרעק און גרוילעכע מונדירן. די אַלטע ספרים, געבראַכטע פון דער היים: חומשים, משניותן און עין יעקבס פון אַמסטערדאַמער דרוק, זיינען שוין צורו געקומען ערגעץ אויפן בוידעם אין שכנות מיטן דאַך. און אויף זייער אָרט, האָבן פונם נייעם ביכער־שראַנק אַרויסגעגלאַנצט גאָלדענע און רויטע, שוואַרצע און ווייסע רוקנס פון שעקספּיר, פון מילטאָן און וואָלטער סקאָט. און אין דער קיך האָט שוין אַרומגעפּאַדיעט אַן אויסגעפּוצטע נעגערטע מיט שטראַלנדיקע אויגן־ווייסלעך און גלאַנצנדיקע ווייסע ציין.

האָט דער קוועקזילבערדיקער ענערגישער דזשאָש אָנגענומען זיין יידענע ביי איר דאַרער, אויסגעאַרבעטער האַנט און געזאָגט צו איר ליבלעך: "מוטער, פון היינט אָן זאָלסטו קיין האַנט אַריינטאָן אין קאַלט־וואַסער, דו האָסט אַ דינסט און מעגסט זיך מיט איר שאַפן".

אָבער די שטילע, שוויגנדיקע מאַמע, וואָס איז שוין איצט געווען אָנגעטאָן אין שוואַרצן זייד, מיט פּערל אַרום האַלדז, האָט זיך אין איר רייכן הויז געפילט ווי אַ פרעמדע, ווי אַ נישט־דאַיקע. זי האָט נישט געהאַט ווו אַהין צו טאָן אירע הענט, וואָס זיינען געוווינט געווען צו שווערער אַרבעט. און בעטן עפּעס ביי דער שוואַרצער דינסט האָט זי נישט געקענט. זי פלעגט באַ־וווּנדערן די יונגע טעכטער וואָס שאַפן זיך מיט איר אַזוי הרחבהדיק און פריי, און וואָס די שוואַרצע גלימצערדיקע דינסט איז גליקלעך אויסצופאָלגן זייער וואָרט, בעת איר דאַכט זיך, אַז די שוואַרצע מאַלפּע מאַכט חוזק און לאַכט אָפּ הינטער איר רוקן.

און כדי צו "שטילן דעם הונגער" פון אירע שווערע אַרבעטס־הענט,

און כדי צו פארטרייבן איר עלנט און אירע פינצטערע מחשבות, פלעגט זי אדורכזיצן די לאנגע טעג, זומער אויף דער זוניקער וועראנדע, ווינטער ביי דעם ברענענדיקן קאמין און שטריקן זאקן און סוועטערס. און דאס קנייל וואל האט געטאנצט אין איר שויס, פון רעכטס אויף לינקס, און ווידער אויף צוריק, אזוי האט זי געשאקלט מיטן גרויען קאפ אויף ניין . . .

און מיט די ווייטערדיקע שורות, ווערט דאס בילד פון אט דער אומגליקלעכער מאמע־געשטאלט נאך שארפער, נאך טראגישער. זי פילט ווי די גוישע וועלט רייסט אוועק פון איר אירע קינדער, און ס'איז נישטא ווער עס זאל זיי ארויסראטעווען, ווייל דער מאן, איז עפעס נישט דער אייגענער.

„פארהארעוועט טאג און נאכט אין די געשעפטן.
„און אז די זין, געבוירן דא אין לאנד,
„זיי זיינען פרעמד צו איר און אומפארשטענדלעך.
„נאך ערגער שטייט עס מיט די יונגע טעכטער:
„זיי זיינען קאלט און שטאלץ און גאווהדיק
„און פרעמד נאך ווי פרעמד. פארטאן מיט זיך,
„און ווייט פון אלץ וואס שמעקט מיט יידישקייט.
„און וואס פאר א גוטס קען שוין ארויסקומען,
„אז ס'הויז איז תמיד פול מיט יונגע פריצים,
„אז ס'איז ביי זיי דער אלטער גוי, דער פאסטאר.
„א גרעסערער מיוחס ווי די מאמע.
„אז ווו א שמחה ערגעץ ביי די גויים,
„איז זיינען זיי די ערשטע מחותנים.
„א טי־פארטי אין קירך: איז גרייט מען זיך,
„איז באקט מען טארטן און מען עסקט זיך,
„מען גרייט זיך ווי להבדיל צו א חתונה —
„און שוין. מען פרעגט דען איר א דעה?
„די מיידלעך וועלן נאך ארייננוואקסן אין שמד.
„און ער, דער מאן, עס זאל אים עפעס ארן,
„ס'איז ווי נישט זיין דאגה.
„און טראכטנדיק, און שטריקנדיק אזוי,
„פארמערן זיך די זאקן מיט די ליילעכער
„פון פארביקן און שווערן גראבן וואל,
„ווייל זיי, די פריצטעס, שטייט נישט אן צו טראגן
„דער מאמעס ווארעמע און שווערע זאקן —
„איז קלייבט זיך עס אין קאסטן פאר נאך פאר.

נו, קאן דען זיין טראגישער פאר א מאמען ווען קינדער ווילן אפילו זיך נישט צורירן צו אירע אויסגעשטריקטע זאקן און סוועטערס, וואס זי האט מיט אירע דארע, אויסגעהארעוועטע הענט אויסגעשטריקט פאר זיי?

קאָן דען זיין נאָך טראַגישער פּאָר אַ מאַמען, וואָס פילט זיך אין איר אייגן, רייכן הויז ווי אַ ווילד־פרעמדע ? קאָן דען זיין נאָך טראַגישער פּאָר אַ מאַמען, וואָס פילט זיך צווישן איר אייגן פלייש און בלוט אַן עלנטע און פרעמדע נאָך ווי פרעמד ?

די דאָזיקע אומגליקלעכע יידישע מאַמע פון "קענטאָקי" סימבאָלי־זירט מיט זיך אַ סך, אַ סך אַזעלכע אומגליקלעכע יידישע מאַמעס אין אַמע־ריקע, וואָס צווישן זיי און זייערע קינדער איז נישטאָ קיין בשותפותדיקע יידיש־גייסטיקע פאַרבינדונגען . . .

* * * * *

דער קליינער ישוב האָט זיך צעוואַקסן אין אַ שטאָט מיט גאַרנדיקע מויערן און מיט אַספאַלטענע גאַסן. די שכנישע אויסגעלייגטע באַן־רעלסן האָט פאַרטריבן די אור־אַלטע געדיכטע ווילדערניש. און צוזאַמען מיטן וווקס פונעם ישוב, האָט זיך אויך ביסלעכווייז געגומען צעוואַקסן דער יידישער ישוב. ס'האָבן אָנגעהויבן אָנקומען נייע אימיגראַנטן, אַפּריער דייטשישע יידן. נאָכדעם האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן אונדזערע ליטווישע יידן, "עמד שער און אייזן" — שוסטערס, שניידערס, היטלמאַכערס. זיי האָבן אויך ווי דער ערשטער אָנגעקומענער ייד יהושע־דזשאַשואַ, זיך אַוועקגעלאָזן איבער די צעוואָרפענע פאַרם־ישובים מיט שווערע פּעק סחורות אויף די פלייצעס. אָבער ס'האָט נישט געדויערט לאַנג ווי זיי זיינען שוין געשטאַנען אין קראָמען מיט פאַרשיידענערליי סחורות און קליידער, צעלייגט אין די גרויסע שויִ־פענצטער פון דער שטאָטישער הויפּט־גאַס.

און ווי דער דיכטער, י. י. שוואַרץ, דערציילט אונדז אויף זיין שטילן, הומאָריסטישן אופן, איז צווישן די דאָזיקע "דייטשן" און "ליטוואַקעס" קיין אידילישער "שבת אחים" נישט געווען. די דייטשישע ברידער האָבן מיט די נעז געקרימט זיך אויף די אויסגעדאַרטע ליטווישע יידלעך, זייִ גערופן: גרינע שנאָרער, און שפּאַס געמאַכט פון זייערע מנהגים. נאָר צוויי מאָל אין יאָר: ראש־השנה און יום־כּיפּור, פלעגט דער ברידערלעכער תּהום באַ־העפטן זיך — מ'איז זיך צונויפגעקומען דאַווענען מיט אַ מנין. דערנאָך פלעגט מען זיך ווינטשן גוטן יאָר און זיך פאַנאַנדערגיין ביז קומענדיקן יאָר.

דער איינציקער וואָס האָט זיך באַמיט צו פאַרשיטן אָט דעם "ברי־דערלעכן תּהום" איז געווען דזשאַשואַ, אויף וועלכן סיי די "דייטשן" און סיי די "ליטוואַקעס" האָבן געהאַט אַרויפגעקוקט מיט דרך־ארץ. די "דייטשן" האָבן געקוקט אויף אים ווי אויף זייערן אַ "דייטש" און די "ליטוואַקעס" ווי ער וואָלט געווען — אַ ליטוואַק.

ערשט ווען די פּרנסה האָט שוין ביי איטלעכן געהאַט געוונען איבערן מויל, איז די "גרינע" קנאה און שנאה צווישן די צוויי אָפּגעפרעמדטע יידישע שבטים געוואָרן שוואַכער. מ'האָט שוין אַפילו אָנגעהויבן צו ריידן, אַז ס'איז

שוין צייט אויפצובויען א שול, וואָרום די קהילה, קיין עין הרע, צעוואקסט זיך, די קינדער ווערן גרעסער, וואקסן אויס פרעמד פון יידישקייט און יידיש וואָרט.

האָט דזשאָש געהאלטן אין איין ציען דראָטן צווישן ביידע לאַגערן, ביז ס'איז אים געלונגען צונויפפירן ביידע צדדים צו זיך אין זיין נייעם הויז.

די צרה איז אָבער געווען מיט די "דייטשן"... זיי איז נישט אָנגעשטאנען צו גיין צוזאמען מיט די גרינע שנאָרער — די ליטוואקעס. צוויטנס, האָבן זיי נישט געוואָלט קיין שול, נאָר א טעמפל, מיט א מערבען־כאָר און אָרגל, ווי אין זייער אלטן בערלין. און די ליטוואקעס האָבן פון זיי געלאכט און געשפּאָט: "מאלע וואָס קירע־דייטש פּלוידערט דאָרט: אָרגל־גאָרגל!" דאָ האָבן זיך די דייטשן געהאט שטארק באַליידיקט, געוואָלט שוין אנטלויפן, און דאָ האָבן די ליטוואקעס זיך אָנגעברוגזט.

דער קלוגער באַלעבאָס, דזשאָש, האָט שווער געארבעט און קונציק באלאנסירט מיט ביידע פארקריגטע צדדים. ערשט ווען ס'איז שוין געווען א שטיק אין נאכט, און די שווייגנדיקע באַלעבאָסטע האָט עפּעס שאַרפּס און לייכטס דערלאנגט צום טיש, איז דאן דער שטורעם שוין געווען אריבער. מ'האָט געמאכט א יידישלעכן לחיים. די רויטע פּנימער האָבן געשוויצט. און אז דער עולם איז זיך צעגאנגען, איז דזשאָש נאָך לאנג געזעסן ביים טיש, דעם קאָפּ געבויגן אויפן גרויסן בויגן פארשריבן די ציפערן און די נעמען.

אזוי ארום, א דאנק דעם קלוגן קאָפּ פון דזשאָשוא און דעם יידישלעכן "לחיים", איז געשאַפן געוואָרן דאָס ביסעלע "אחדות", ווי דאָס קאַפּיטל ווערט טאקע אָנגערופן, און ס'איז צושטאנד געקומען די ערשטע יידישע שול, אין דער ערשטער יידישער קהילה, אין דעם ווייטן הייסן דרום־לאַנד.

אָט דער דאָזיקער קאַפּיטל, איז אויך א היסטאָרישער קאַפּיטל: עס ווייזט ווי אנדערש ס'זיינען געווען אונדזערע ערשטע יידישע טריט אין אמעריקע. אונדזערע אַמאָליקע ישובים אין מזרח־אייראָפּע, האָבן זיך שטענדיק געהאט אָנגעהויבן מיטן בויען א שול, א בית־מדרש, א באָד. ווי דאָס שילדערט שלום אש אין זיין בוך "קידוש השם". דאָ אָבער, אינם נייעם לאַנד אמעריקע, האָבן אונדזערע ערשטע יידן־אימיגראנטן אפריער געטראכט ווי צו באַזאָרגן זייערע גשמיותדיקע הצטרכותן. ערשט ווען ליטע האָט זיך גענומען אביסל אויסגרינען, "גענומען צו קריגן אביסל פלייש אויף אירע שפיציקע און דינע קנאָכן", האָט מען ערשט אָנגעהויבן טראכטן פון בויען א שול.

דערפאַר אָבער, פון דער צווייטער זייט, ווען ס'איז געקומען צו פייערן דעם חנוכת הבית פון דער דאָזיקער שול, וואָס מ'האָט געהאט איבערגעבויט פון אן אלטן קלויסטער, דערזעען מיר די זעלבע פאַרהאַוועטע, וואָכעדיקע יידן שוין אין גאָר אן אנדער געשטאלט, ווי דאָס שילדערט פאַר אונדז דער דיכטער־דערציילער י. י. שווארץ:

"עס איז געווען דאָס ערשטע ליכטל חנוכה.
"די קליינע עדה יידן, יונג און אַלט,
"די ווייבער מיט די קינדער אויף די הענט,
"איז זיך צונויפגעקומען אויף דער שמחה.
"די שול האָט העל און יום־טובדיק געלויכטן
"אויף אַלע בליץ־לאַמפּן און אַלע מנורות.
"צו אַלער ערשט האָט מען געדאַוונט מעריב,
"און אויף די ווייסע ווענט האָבן געוויגט זיך
"די שאָטנס פון התלהבותדיקע דאַוונער.
"און אַז דער חזן פון דער גרויסער שטאָט
"האָט זיך געשטעלט די חנוכה־ליכט בענטשן,
"באַגלייט פון פרישע, יונגע קינדער־שטימען,
"האָט דאָס געזאַנג אַ שלאָג געטאָן צום באַלקן.

נאָך דער געשמאַקער סעודת־מצווה, וואָס די ליטווישע יידישע פרויען האָבן צוגעגרייט, און נאָך דעם האַרציקן "שהכל", האָט זיך צעצונדן דאָס אמתע יידישע פייערל. פנימער האָבן געשטראַלט פון פרייד, און אויגן האָבן בליצנדיק געלויכטן. איטלעכער האָט דערפילט אַז מ'האָט שוין געשלאָגן וואָרצלען אין דער נייער ערד; איטלעכער האָט דערפילט ווי ער איז איצט צוריק איינגעגלידערט געוואָרן אינם יידישן לעבן; און ער טראָגט אויך אַ געוויסע אחריות פאַר די קומענדיקע דורות . . .

"און פלוצים איז מעקס דער ליטוואַק,
"מיט גרויס באַגייסטערונג און פלאַם אין שטים,
"אַרויפגעשפּרונגען אויף דער נייער בימה,
"און האָט פאַרצויגן דעם באַקאַנטן ניגון :
"וואָס מיר זיינען זיינען מיר
"אָבער יידן זיינען מיר . . .
"און באַלד האָט זיך דער גאַנצער עולם אָנגערופן
"מיט אַלט און יונג, מיט ווייבער און מיט קינדער,
"די קאַלטע דייטשן זיינען אויך געוואָרן
"פון גרויסן און התלהבותדיקן שטראָם פאַרשלעפּט.
"און ס'האָט געשטראָמט עקשנותדיק און שטאַרק
"דאָס יידישע ליד מיט גלויבן און מיט כוח,
"עס האָבן זיך געוויגט די פלעמלעך פון די ליכט
"און איבער קעפּ האָט ווי אַ טיפער נעפּל
"געקרייזט זיך און געצויגן אין דער לופט,
"און צו דעם הויך־געוועלבטן, ביז איצט פרעמדן,
"און איצט נאָענטן און פאַרטרויטן באַלקן —
"האָט הויך און ברענענדיק און שטאַרק געקלונגען :

"וואָס מיר זיינען זיינען מיר —
"אָבער יידן זיינען מיר;
"וואָס מיר טוען טוען מיר —
"אָבער ליכטלעך בענטשן מיר!

דאָס דאָזיקע קאַפּיטל "די שול" איז שוין אַ גאָר באַזונדער שעדעווער. י. י. שוואַרץ גיט אונדז אַ טיפן פּסיכאָלאָגישן אַריינבליק אין דער נשמה פון די דאָזיקע יידן, וואָס קענען זיך אַמאָל אַ הויב טאָן פון אונטער זייערע אָנגעזאַמלטע, אָנגעהורבעטע בערג אייזן־בראָכוואַרג, פון זייער טאָג־טעגלעכער גשמיותדיקייט, און אַ שפּאַר טאָן מיטן קאָפּ אַזש צום יידישן הימל... דאָס איז יידישער גורל. דאָס איז אונדזער גאַנג אין דער געשיכטע. און דאָס איז דער יידישער עקשנותדיקער ווילן צו קאָנען זיך צופּאַסן צו נייע סיטואַציעס, צו נייע געשעענישן. דאָס גיט אונדז אויך האָפענונג און גלויבן, אַז "ואל יאבד ישראל"...

* * * * *

אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך, באַקענט אונדז דער מחבר פון "קענטאָקי" מיט דזשאָשס קינדער און אייניקלעך, ווי די פאָרשטייער פונם צווייטן און דריטן דור יידיש לעבן אין אַמעריקע, מיט אַלע זייערע געראַנגלען און קאָנפליקטן.

מיר באַגעגענען זיך ווידער מיט דעם פריערדיקן יאַנקעלע, דעם גרויסן שטיפער, וואָס זיינע טאַטע־מאַמע האָבן געהאַט אַריבערגעבראַכט פון דער אַלטער היים. ער איז שוין אָבער ווייט נישט דער זעלבער יידישער יאַנקעלע. ער איז שוין אַ פולשטענדיקער אַמעריקאַנער, ער הייסט שוין דזשייק, אָדער דזשייקאָב. ער האָט זיך פאַרליבט אין דעם קריסטלעכן מיידל וויוויאַן, אַ נאָענטע חברטע פון זיינע שוועסטער.

ווי נאָר דער טאַטע, דזשאָש, וואָס איז טאָג און נאַכט געווען פאַר־האָוועט מיט זיינע פאַרצווייגטע געשעפטן, האָט דערהערט, אַז זיין ליבלינג־זון, דזשייק, האָט הינטער זיינע פּלייצעס חתונה געהאַט מיטן קריסטלעך מיידל, איז ער פאַרציטערט געוואָרן. ער האָט מיטאַמאָל דערפילט ווי זיין גאַנצער בנין, וואָס ער האָט מיט אַזויפיל מי אויפגעבויט, האָט זיך אַ וואַקל געטאָן... ער האָט דערזען ווי די האַנט שרייבט אויף דער וואַנט... דאָס איז זיין אייגענע שולד!.. ער האָט זיך ערשט געכאַפּט, אַז די שטענדיקע שרעק פון זיין ווייב, אַז זיינע קינדער וועלן נאָך חלילה אַריינוואַקסן אין שמד, איז נישט געווען אומזיסט. אויב דאָס האָט געקענט אַזוי טאָן זיין קלוגער און פעיקער זון, יאַנקעלע־דזשייק, נאָך אַ געבאָרענער אין דער אַלטער יידישער היים, קענען נאָך חלילה דאָס זעלבע אויך אָפּטאָן זיינע אַנדערע זין און טעכטער, שוין געבוירענע דאָ הי? איז וואָס־זשע שווייגט ער?! מ׳דאַרף זען ראַטעווען כל־זמן ס׳איז נאָך נישט שפּעט! כל־זמן דער יידישער פאָדעם איז נאָך אינגאַנצן נישט איבערגעריסן געוואָרן!..

ער האָט באַלד געכאַפּט און פאַרטריבן פון זיין הויז און זיין געשעפט דזשייקן, ווי אַ וואָרנונג פאַר די אַנדערע קינדער . . . און ווער ווייס, אפשר האָט ער אויך מיט אָט דער דראַסטישער גיכער האַנדלונג זיינער, געוואָלט זיך אַליין באַשטראָפן פאַר זיינע אייגענע זינד, קעגן דעם גאָט פון ישראל ?

אָבער, ווי מיר זעען, האָט זיין פּלוצלונגדיקער אויפגעוואַכטער יידיש-געוויסן לאַנג נישט געוואַכט איבער אים. ער האָט זיך באַלד מיט נאָך מער עקשנות, זיך גענומען פאַר זיינע גרויסע געשעפט-טראַנזאַקציעס, ווי קיין זאַך וואָלט נישט געשען. זיין שטענדיקער טאַנץ אַרום דעם גאָלדענעם קאַלב, האָט ווידער פאַרשטיקט אין אים גאָטס קול . . .

אָבער דאָ איז באַלד אויפגעשטאַנען די גוישע וועלט אין געשטאַלט פון זיין גוישער שנורס פעטער, איז געקומען צו אים זיך אָננעמען די קריוו-דע פון זיין ברודערס טאָכטער, וויוויאַן, דער יתומה, וואָס ער האָט אויפ-געצויגן ביי זיך אין הויז. אָט די דראַסטישע "גוישע וועלט" האָט נישט דער-לאָזט, אַז ביי דעם דראַסטיקן רייכן יידן זאָל גיך איינגעשלעפּערט ווערן זיין יידישער געוויסן . . .

דאָ גיט אונדז דער דיכטער-דערציילער אַ זעלטענע קינסטלערישע שיל-דערונג, ווי ס'קומט פאַר די ערשטע באַגעגעניש צווישן דעם מחותן-גוי מיטן מחותן-ייד, און עס לייענט זיך מיט אַ צאַפּל אין האַרצן :

"אַז ס'מיידל איז געקומען און געזאָגט,
"אַז זי האָט זיך פאַרהייראַט מיט דיין זון
"האָב איך גאָר גלויבן ניט געקענט מיינע אויערן,
"מיין ברודערס טאָכטער — און דער ייד : אַ פיינע פּאָר . . .
"ווען ס'וואָלט מיין ברודער האָוואַרד איצט געלעבט
"וואָלט עס מסתמא נישט דערצו געקומען.
"איך גיי אַרום די לעצטע פּאָר מאָנאַטן דול
"איך שעם זיך אויפצוהויבן מיינע אויגן.
"דערוויס איך זיך, אַז דו ביסט גאָר פלאַם-פייער,
"אַרויסגעטריבן פון געשעפט דעם זון,
"און גיי, האָב טענות. נו, דערלעבט זיך צייטן . . .
"— און איך האָב גאָר יחוס נישט געזוכט —
"האָט שטיל און קיל דער ייד אַריינגעשטעלט.
"אַזוי ? — האָט זיך דער שכן נאָך מער אָנגעצונדן —
"איך האָב אפילו נישט געוואָלט דאָ קומען,
"קיין כבוד האָב איך נישט פון דיר צו וואַרטן,
"נאָר מיר געפעלט, ווי דו, דזשאָש, ברעקלסט זיך,
"איך וואָלט נאָר, דזשאָש, געוואָלט דערגיין דעם סוד
"פון דיין גוואַלדיקן און גרויסן יחוס.

״צי שטעקט אין דעם וואָס דיינע אַלטע אָבות
״זיי האָבן מיט ניינצן הונדערט יאָר צוריק
״געקרייציגט דזשיזוסן ?
״דער ייד האָט נישט געענטפערט. די אויפגערעגטע
״הארבע, שווערע רייד, זיי האָבן אים געשלאָגן ווי מיט שטיינער,
״און ס'האָט זיין לייב זיך געקאָרטשעט פון פיין.
״די אַלטע מאַמע איז געזעסן דורך דער צייט,
״געזעסן שטייף און שטיל און ווי פאַרשטאַרט,
״נאָר פון די רויטע אויגן האָט געפלאָסן
״מיט ווייסע שטומע שווייגעדיקע טרערן.

דער גוי האָט געוואַרט צו הערן ענטפער, נאָר אַז ער האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן, האָט ער גענומען ריידן פון דאָס ניי :

״נו, דזשאָש, א וועלט, א וועלט.
״געדענקסטו כאָטש ווי דו ביסט אהער געקומען ?
״א בעטלער, א ציגיינער, אַפּגעריסן,
״וואָס האָט זיך ארומגעשלעפּט אויף אַלע וועגן
״צעדארט, צעקוואַרט, מיט משא אויף די פּלייצעס.
״איצט ביסטו פעט געוואָרן, דזשאָש, און גלאַט
״מיט הייזער און מיט בריזער און מזומן —
״(באַטראַכט דאָס הויז מיט שטעכיקע בליקן),
״אביסל זיך פאַרפונדעט, מיט זייד און מיט סאַמעט,
״מיט זילבער און מיט גאָלד, מיט אַלעם גוטן.
״א האַלבע שטאָט געהערט דאָך שוין צו דיר.
״איך וואָלט געזאָגט כאָטש, אַז דו שאַצסט עס אָפּ,
״אַז דו ביסט דאַנקבאַר פאַר דיין גוטן מזל —
״איז ניין — דו ברעקלסט זיך און שליידערסט זיך,
״און דיר שטייט נאָך נישט אָן מיין ברודערס טאָכטער.
״ווי שטייט דאָרט אין דיין אַלטן טעסטאַמענט :
״אַז ס'ווערט ישורון פעט, איז בריקעט ער.

דאָס איז די שפּראַך פון אַלע אַנטיסעמיטן, אין אַלע צייטן און אין אַלע לענדער פון אונדזער צעשפּרייטונג. אונדזער געשיכטע לערנט אונדז, אַז יעדער נייער שכן איז שטענדיק און אומעטום געווען גוט און פריינטלעך צום נייעם, אָרעמען, יידישן שכן. אָבער ווי נאָר דער ייד, א דאַנק זיין שווערער מי און פראַצע, הייבט אָן שלאָגן וואָרצלען אין דער נייער ערד, נעמט דער שכן באַלד קוקן אויף אים מיט שטעכיקע אויגן.

נאָכן אויסהערן דעם גויס אַנטיסעמיטישע דרשה, האָט דזשאָש זיך

שוין מער נישט געקענט באהערשן. ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט, זיך אויסגעגלייכט אין שטול, און געזאָגט שטיל, געלאַסן און מיט ווירדע:

„האָסט אַלץ אַרויסגערעדט וואָס דריקט דיך, שכן?
„ווען דו וואָלסט נישט געווען מיין שנורס אַן אָנקל
„וואָלט איך פון דיר דיין גראָבקייט נישט גענומען,
„דאָס האָב איך פון איר כבוד וועגן דיך געשוינט.
„דו וואַרפסט מיר פאָר מיין עלנט פון אַמאָל,
„און האָסט פון מיר קיין נחת נישט אויך היינט —
„מסתמא איז עס גרויס דיר אין די אויגן.
„נאָר אָרעמקייט, זאָגט מען, איז נישט קיין שאַנד,
„און אויב אַצינד געהערט אַ האַלבע שטאָט צו מיר,
„ווי דו ווילסט האָבן, — איז האָב איך אויף דעם
„געוויטיקט און געאַרבעט יאָרן לאַנג.
„נישט דאָס אָבער וויל איך דאָ אַרויסברענגען:
„האָסט פריער דאָ פאַרבייגייענדיק דערמאָנט
„דעם אַלטן חטא פון מיינע עלטער־אָבות,
„וואָס זיי האָבן דיין גאָט געקרייציקט — דאָס
„איז אפשר גאָר געווען די ערשטע סיבה
„פאַרוואָס כ'האָב נישט געוואָלט דיין ברודערס טאָכטער,
„קען זיין, מיט יאָרן שפּעטער, אַז עס וועט
„דער פלאַם פון יונגן בלוט זיך אָפּקילן,
„וועט ער, מיין זון, דאָס אייגענע דערהערן
„פון מויל פון אייגן ווייב, זיין פלייש און בלוט,
„און דאָס וואָלט זיין צו שרעקלעך. ווייטער
„אָבער זאָלסטו זיך וועגן דזשייקאָבן נישט זאָרגן:
„ער וועט שוין, דזשייק, אַליין באַשטיין זיין שטעטל.
„אַ גוטע נאַכט דיר, שכן.

* * * * *

ביים מוטערס קראַנקנבעט, זיינען פאָטער און זון שלום געוואָרן. אין דעם קאַפּיטל „דער טויט" דערציילט אונדז דער מחבר:

„זי איז געשטאָרבן, ווי זי האָט געלעבט:
„אַ שטילע, אַ שווייגנדיקע, זיך נישט געקלאָגט.
„עס האָבן זי אַרומגערינגלט זין און טעכטער,
„נאָר אין דעם לעצטן ציטער פון איר גסיסה
„האָט זי איר טריבן בליק אוועקגעשטעלט
„אויף אים, דעם מאַן, און מער נישט אָפּגעווענדט.

„און לאנג נאָכדעם ווי זי האָט אויסגעהויכט
„איר אָטעם, איז ער נאָך אַלץ געווען אונטער
„דער משא פון שווערן טריבן און פאַרגלאָזטן בליק.

יאָ, מיט איר לעצטן, שטומען בליק אויף אים, האָט זי געמאָנט פון אים דין וחשבון, ווי זי וואָלט אים געפרעגט: צי האָט זיך דאָס אַלץ געלוינט? אין די ווענט פון דיין פיר־גאַרנדיקן מויער, מיט די הויכע ליפטעס און מיט די אָנגעפּראָפּטע קעלערן מיט די רויע פעל, האָסטו פאַרמויערט דיין און דיין קינדס יידישע נשמה? צי ווייסטו, אַז איך, דיין פרוי און די מאַמע פון דיינע קינדער, איז אין דיין רייכן הויז געווען אַ פרעמדע, אַן איבעריקע? אויך דו, מיין מאַן, וועסט טיילן דעם זעלבן גורל! דו, דו, טראָגסט די אחריות פאַר דעם אַלעמען! . .

די לוויה איז שוין געווען אַ מאָדערנע, אַ שטילע, ווי ביי די רייכע שכנים אַזוי, אַז די ליטוואַקעס האָבן נישט געוווסט צי אָראָפּנעמען דאָס היטל אָדער נישט. די גאַנצע צערעמאָניע פון דער גאָטעס־דינסט איז זיי אויסגעקומען מאָדנע און פרעמד.

דער ראַביי, שוואַרץ געקליידעט, דאָס פּנים גלאַט־ראַזירט, מיטן בלויזן קאָפּ, האָט אַרויסגעלייענט די ווערטער פונם דינעם, שוואַרץ־געבונ־דענעם תהלים: „ווי וועלקעס גראָז — וואָס שפּראָצט אויס באַגינען און ווערט פאַרטריקנט און פאַרוועלקט אין אָוונט". . .

דער אַלטער דזשאָש האָט געהערט און נישט געהערט. ער איז געווען פאַרזונקען אין אַ קאָשמאַר. ער איז נאָך אַלץ געווען אונטער דעם שווערן פּיינלעכן טריבן בליק פון זיין גוססער פרוי . . . ערשט ווען דער ראַביי האָט זיך אַריבערגעבויגן און געשאָטן ווייסע בלומען אין דעם גרוב און גערעדט: „דען ערד ביסטו, און צו דער ערד קערסטו זיך צוריק", האָט ער זיך דערמאָנט אָן יענעם טאָג אין ווינטער, ווען ער און זי, זיי האָבן אויפגע־האָקט דעם ערשטן קבר פאַר זייער קליין און אומגעקומען קינד. האָט ער אַ פאַל געטאָן צום קליינעם בערגל. ער האָט געוואָלט אַריינשרייען צום קינד, אַז זי, די מאַמע, איז צו אים געקומען — נאָר ריידן האָט ער נישט געקאָנט — האָט ער געבויגן זיך צום קבר, און דער קוואַל פון הייסע טרערן האָט זיך אים געעפנט, האָט ער געכליפּעט אויפן קול, ווי ס'וויינט אַ קליין און אומבאַהאָלפן קינד.

נאָר דאָס האָט נישט געוויינט דער רייכער, שטאָלצער דזשאָש, נאָר געוויינט האָט איצט דער אַמאָליקער ייד, יהושע, וואָס איז געקומען אַהער מיט זיין גרויסן שווערן פּאַק אויף די פּלייצעס, אָבער מיט יידישן, גייסטיקן באַגאַזש. יאָ, ער האָט איצט געהאַט פיל אויף וואָס צו וויינען. ער האָט זיך איצט דערזען אָרעם, עלנט און צעבראָכן — אַ גייסטיקער יורד . .
ער איז נאָך אַלץ געווען אונטער דער משא פון שווערן טריבן און פאַרגלאָזטן

בליק פון זיין גוססער פרוי, וואָס האָט ביז איר לעצטן אָטעם־צוג שטום געמאָנט פון אים דעם יידישן דין וחשבון . . .

* * * * *

עס טרעפט אַמאָל אַ חולה, וואָס ראַנגלט זיך צווישן לעבן און טויט. דאָקטוירים האָבן שוין אויפגעגעבן אַלע האָפענונגען. דער חולה צאַנקט, גוססט. און פּלוצלונג געשעט אַ נס, ממש אַ וווּנדער: דער גוסס עפנט אויף אַ דין שפּעלטל פון אַן אויג, באַלד דעם צווייטן. קוקט זיך אַרום פאַרווירט, מיט אַ מטושטשן בליק, ווי אַ נישט דאָיקער. זיינע טויט־בלאַסע ליפּן הייבן אָן עפּעס צו שעפּטשען. קענטיק ער בעט אַ זופּ וואַסער צו באַנעצן זיין טרוקענעם גומען. דער קריזיס איז אַריבער. אין דעם שווערן געראַנגל צווישן לעבן און טויט — האָט דאָס לעבן געזיגט. דער חולה מסוכן איז גענעזן געוואָרן.

אָט אַזאַ ענלעכער נס איז געשען צו דזשאָשס קינדער און אייניקלעך: אָפּגעריסענע און אָפּגעפרעמדטע פונעם יידישן שטאַם, האָבן זיי פּלוצלונג אָנגעהויבן זוכן דעם וועג צוריק צום יידישן קוואַל.

צום ערשטן איז געשען דער גרויסער וווּנדער מיט זיין עלטסטער טאָכטער, דאָראָטי, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ רייכן יונגנמאַן, אין אַ גרויסער שטאָט אין דער וועסט. זי איז גיך געבליבן אַ יונגע אַלמנה, מיט אַ קינד דייוויד. זי קערט זיך אום צוריק אַהיים, צום טאַטן, אויסצולעבן איר אַלמנהשאַפט. אָבער זי איז שוין נישט מער די פריערדיקע פאַר־גווישטע טאָכטער. זי איז געוואָרן פרום, געצונדן ליכט פרייטיק צו נאַכט. „ס'האָבן אינם הויז פונם אַלטן דזשאָש גענומען אַריינקומען נייע ביכער פון יידישער געשיכטע און רעליגיע — די לידער פון דער צאַרטער עמאַ לאַזאַרוס און אַנדערע".

די גוישע שנור, וויוויאַן, וואָס איז געווען באַזעלט מיט אַזויפיל מענטשלעכער גוטסקייט, ליבשאַפט און צערטלעכקייט, איז פון דער נאַטור געווען אויך שטאַרק רעליגיעז. „יעדן זונטיק פרי פלעגט זי לויפן אין קירך, קומען פון דאָרט מיט פייכטע אויגן, באַגייסטערט פונם פּאַסטאָרס פרישער רעדע. זי פלעגט דזשעקן, איר מאַן גאַנץ אָפט מוסרן, למאי ער איז, ווי זיין טאַטע, אַזוי גלייכגילטיק צום גלויבן; ווי קען דען אַ מענטש לעבן אָן אַ גאָט?"

האָט זי, ווי אַ פרומע קריסטלעכע טאָכטער און ווי אַ געטרייע ליבנדע פרוי, גענומען אויף זיך די הייליקע „מיסיע" אָפּצוראַטעווען זיין פאַר־בלאָנדזשעטע נשמה, אויב נישט פאַר גוישן גאָט פון רחמנות, טאָ זאָל כאָטש זיין פאַרן יידישן גאָט יעהאָוואַ . . .

„זי האָט אין ערגעץ ווו געקראָגן אַ פּאָר אַלטע מעשענע לייכטער. און פרייטיק פאַרנאַכט, ווען דזשעק פלעגט קומען אַהיים, האָט ער שוין

אויפן טיש געפונען ברענען צוויי ליכט, מיט פרישע חלות און מיט רויטן ווײַן. זי פלעגט ארומגיין אָנגעטאָן אין ווײַס. און דער שבת האָט זיך געשפירט אין הויז. זי האָט אים מיט צערטלעכקייט געבעטן, אז ער זאָל זי אויסלערנען די ברכות וואָס מ'דאַרף זאָגן ביים צינדן־ליכט. זינט דאַן איז זי אים נאָך ליבער געוואָרן".

אזוי ארום האָט די קריסטלעכע ווייב אָפּגעראַטעוועט די יידישע נשמה פון איר מאַן, דעם אָפּגעפרעמדטן יידן.

אָט די דאָזיקע פרויען־געשטאַלטן שילדערט פאַר אונדז דער דיכטער־דערציילער מיט גאָר א באַזונדערער ליבשאַפט. דאָס איז די מוטער־ראָל, וואָס פאַרנעמט אזא חשובן אָרט אין אונדזער ליטעראַטור, באַזונדערס ביים גרויסן קינסטלער־דערציילער, שלום אַש.

פריער אָט די שווייגנדיקע, אומגליקלעכע מאַמע, דזשאַשאַ ווייב, וואָס פיגורירט דאָ אפילו אָן א נאָמען, געפרוווט אויף איר שטומען אופן אויפצוווועקן ביי איר מאַן זיין יידישן געוויסן, ביז איר לעצטן אָטעם־צוג. שפּעטער איז געקומען די טאָכטער, דאָראָטי, און פאַרענדיקט דאָס וואָס איר מאַמע האָט נישט געקאָנט: זי האָט צוריק אריינגעבראַכט דעם יידישן גאָט צום אַלטן טאַטן אין הויז. נאָכדעם איז געקומען די עכט־פרומע קריסטלעכע שנור, וויוויאַן, מיט איר מוטער־ראָל, און באַווירקט, אַז איר מאַן, דזשעק, זאָל ווידער כורת־ברית זיין מיטן גאָט יעהאָוואַ.

און איידער מיר באַוויזן צו קומען צו זיך פון דער אומגעריכטער מעטאַמאָרפאָזע, דער פאַרוואַנדלונג פונם צווייטן יידישן דור און זיין צוריקקער צום יידישן שורש, שטעלט אונדז באַלד אוועק דער קינסטלער י. י. שוואַרץ פּנים אל פּנים פאַר נאָך א פיל גרעסערער איבעררעאַשונג: דאָס איז פלאָראַ מעי, וויוויאַנס טאָכטער, דאָס אייניקל פון דזשאַש, וואָס פּרעזענטירט מיט זיך שוין א נייע מוטער־ראָל פאַר דעם דריטן דור פון אונדזער יידיש לעבן אין אַמעריקע.

"געוואַקסן איז פלאָראַ־מעי רעליגיעז און שטיל, ווי ס'איז דער שטייגער ביי באַהאַרצטע קינדער פון יידיש־קריסטלעכע געמישטע הייראַטן. זי פלעגט רעגלמעסיק גיין אין קירך אריין, פלעגט אָבער אויך די סינאַגאָגע באַזוכן אין פּריוואַטיקס און אין די יידישע ימים־טובים. געוויס האָט די (קריסטלעכע, פ. ז.) לעגענדע גאָר צווערשט געהאַט א גרעסערע השפעה אויף דעם מיידל, נאָר שפּעטער איז דעם אַלטן גאָט דזשעהאָוואַ דער יונגער ראַבאַי שטאַרק צו הילף געקומען".

"דער יונגער ראַבאַי מיטן בלאַסן פּנים, האָט איר געלערנט יידישע געשיכטע, און די ריינע עיקרים פון דעם אַלטן גלויבן; ער האָט אריינגעלייגט נשמה אין זיין גלויבן, געלייענט פאַר איר די מיסטיש־רעליגיעזע לידער פון פלאַמענדן בן־גבירול, און ס'האָבן זיינע פייערדיקע ווערטער געמאַכט איר

יונגן הארצן ציטערן. יעהאָווא האָט געזיגט, מיט אים אויך דער ראַבאַי: די פריינדשאַפט איז זיך צעוואַקסן אין אַ ליבע, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט הייראַט.

"און אויף דער חתונה איז דזשאַש געווען דער גליקלעכסטער פון אַלע מחותנים, די אַלטע אויגן האָבן אויפגעלויכטן מיט אמת־יוגנטלעכן, קלאָרן ליכט. ער האָט געערדט פון גרויסן גליק פון בלוט, וואָס ווערט נישט אָפּגעפרעמדט פון אייגן שורש, געפרוווט צו ברענגען ראיות פון אַ פסוק — געגלעט די שנור וויוויאַן און דזשייקאָבן דעם זון, און עלטערלעכע שטילע גוטע טרערן געפאַלן זיינען פון די אַלטע אויגן".

אָט די דאָזיקע איבערראַשנדע "העפּי ענדינג" פון אַ ייִדיש־קריסט־לעכער געמישטער חתונה, איז אַן און פאַר זיך גאָר אַ זעלטענער פאַל.

דער דיכטער, י. י. שוואַרץ, האָט עס אינטויטיוו־קינסטלעריש שוין פאָרויסגעזען, נאָך מיט אַ דריי צענדליק יאָר פריער, נאָך איידער ס'איז געשען אונדזער דריטער חורבן, און נאָך איידער ס'איז אויפגעקומען דער נס פון מדינת ישראל. דער דיכטער־קינסטלער האָט שוין דעמאָלט געאַנט און געשפּירט, אַז דער צווייטער און דער דריטער דור אין אַמעריקע, וועלכן מיר האָבן שוין געהאַט באַטראַכט פאַר אַ דור־המדבר, וועט סוף־כל־סוף זיך אומקערן צוריק צו זיין שורש, ווי עס קערן זיך אום צעשראָקענע שאָף נאָך אַ שטורעם, צוריק צו זייער אַלטן קוואַל. ווי מיר זעען עס אין אונד־זערע היינטיקע טעג: דער יונגער דור, שוין דאָ געבאָרן און דאָ דערצויגן, זוכט דעם וועג צוריק צום ייִדישן גאָט.

אַוודאי איז די דאָזיקע גאָט־זוכעניש, מיט אַלע אירע פאָרמען און מאַניפעסטאַציעס, אונדז אָפּט דערווידער . . . אָבער פון דער צווייטער זייט גיט עס אונדז פאַרט האָפענונג, אַז דאָס קערנדיקע, דאָס ספּעציפיש־ייִדישעם וועט בלייבן. אונדזער קולטור המשך וועט חלילה נישט איבער־געריסן ווערן; פונם דאָזיקן אומרויִקן תהו ובהו וועט ענדלעך אויסגע־שטאַלטיקט ווערן אַ געזונטע, שעפערישע ייִדישקייט, וואָס וועט ווייטער שפּינען דעם גאָלדענעם ייִדישן פאָדעם, ווי דאָס האָט שוין נישט איינמאָל אַזוי געהאַט פּאַסירט אין דער ייִדישער געשיכטע.

פאַר אַ ביישפּיל וועלן מיר נעמען דעם אַמאָליקן פרעמדן בבל־לאַנד, וווּ ס'איז אויפגעבויט געוואָרן מיט אַזאַ גיכן אימפּעט אַ גרויסער ייִדישער ישוב, און בסך־הכל מיט אַ האַלבן י"ה שפּעטער, האָט ער שוין געקאָנט באַווייזן צו העלפן אויפבויען דאָס חרובע ארץ־ישראל. אַזוי אויך זעען מיר ווי דאָס נייע ייִדישע לעבן אויף דער אַמעריקאַנער ערד העלפט איצט אויפשטעלן דאָס נייע ישראל.

* * * * *

ביים סוף פונם בוך איז אונדז מזכה דער מחבר מיט נאָך אַן אומגע־ריכטן קינסטלערישן קאַפּיטל מיטן נאָמען "דייוויד", וואָס איז דער זון פון

דער אויבנדערמאָנטער טאַכטער, דאָראָטי, און דאָס אייניקל פונם אלטן דזשאָש.

דייוויד איז פון זיין סאַמע קינדהייט אָן געוואַקסן ווי א שיינע, צאַרטע בלום. געווען שטאַרק עמאָציאָנעל, זייער פילבאַר צו יעדער אומ־גערעכטער טאַט, וואָס מענטש באַגייט קעגן צווייטן מענטשן. פאַר זיין שטודיום אין אוניווערזיטעט האָט ער אויסגעקליבן בלויז הומאַניטאַרע וויסנ־שאַפטן — תורה לשמה. נאָכן פאַרענדיקן דעם אוניווערזיטעט, האָט ער זיך צוריק אומגעקערט אַהיים.

די גאַנצע משפּחה איז זיך צונויפגעקומען באַטראַכטן מכוח א תכלית פאַר אים. זיין אָנקל, דער מאַמעס ברודער, דער דערפאָלגרייכער דאָקטאָר וויליאַרד, האָט געעצהט ער זאָל עפענען א גרויסע אַפּטייק, און ער, ווי א דאָקטאָר־מעדיצין, וועט אים שוין באַזאָרגן מיט קונים. זיין צווייטער אָנקל, דזשייק, האָט געהאַלטן, אַז ער זאָל אַרויסשלאָגן פון קאָפּ אַלע זיינע נאַרישע חלומות, פאַרקאַשערן די אַרבל און זיך שטעלן אַרבעטן ביים זיידן אין געשעפט. אָבער מיטאַמאָל האָט דער יונגער דייוויד זיך געגעבן א שטעל אויף און מיט עקשנות געמאָלדן, אַז ער האָט באַשלאָסן זיך אָפּצוגעבן מיט ערד־אַרבעט און פי־צוכט.

אַלע זיינען געבליבן זיצן ווי געפּלעפטע. אַלע האָבן אויסגעגלאָצט אויף אים די אויגן, ווי אויף א חסר־דעה. דאָס איז דאָך א ריינער משוגעת?! אַן אויסגעשטודירטער יונגער יידישער בחור זאָל גיין ווערן א פאַרמער, א ראַנטשער?

די איינציקע אין דער משפּחה, וואָס האָבן זיך יאָ געהאַט שטאַרק דערפרייט, איז געווען זיין קריסטלעכע טאַנטע, וויוויאַן, וואָס האָט אָפּגע־שטאַמט פון דורות פאַרמער און פּלאַנטאַטאָרס, און זיין אַלטער זיידע, דזשאָש, וואָס האָט אָפּגעשטאַמט פון דורות יידישע סוחרים און למדנים . . . די טאַנטע וויוויאַן האָט דעם יונג באַלד אַרומגעכאַפּט, צוגעדריקט אים, ווי א מאַמע, צום האַרצן און געקושט מיט פרייד. דער אַלטער זיידע, דזשאָש, האָט געפּאַטשט דעם אייניקל אין פּלייצע, געוווּנקען צו אים מיט א כיטרען שמייכל, און זיך די הענט געריבן פון התפּעלות: "אַך ווען מיר דאָס עסן גוטע עפּל" . . .

"פון וואַנען איז דער גייסט געקומען אויפן יונג,
"דער זון פון דורות און פון דורות הענדלער,
"וואָס זיינען ווייט און פרעמד געווען פון ערד
"און אָפּגעריסן פון איר זאַפט און קראַפט און ריח?

פרעגט דער דיכטער און פרווט ענטפערן:

"קען זיין, ס'האָט זיך געגומען פון אינסטינקט,
"גאָר אומבאַוווּסטזיניק פאַר אים אַליין
"צו אָפּפּרישן מיט ערד די שוואַכע קרעפטן ? . .

די זעלבע פראַגע קען מען אויך פרעגן : ווי קומט עס וואָס דער אַלטער דזשאַש, דער פאַרקאַכטער געשעפטסמענטש, דער זון פון דורות און דורות הענדלער, זאָל פּלוצלונג ווערן אַזוי באַגייסטערט פון זיין אייניקלס ווילן גיין ווערן אַן ערד־אַרבעטער ?

ווער ווייס ? וואָרום פאַרהוילן זיינען פאַר אונדז דעם מענטשנס טראַכטונגען . . . אפשר האָט דאָס דאָזיקע אייניקל, דייוויד, אויפגעוועקט ביים אַלטן זיידן אַ הרהור תשובה ? וואָרים מיט זיין גאַנצער אָנגעזעטיקטער רייכקייט, האָט ער דאָך נישט געפונען קיין זעלישע רו, ווי מיר זעען עס אין זיין לעצטן טאָג פאַר זיין פּטירה, איז דער אַלטער געקומען צום סך־הכל פון הבל הבלים : "סחורה, קונדן, וועקסלען, געלט . . . צו וואָס ? — האָט ער זיך געהאַט געפרעגט; איז זיין לעצטן דימיון האָט ער זיך גאָר געזען גיין מיטן שווערן פּאַק אויף די פּלייצעס . . . אָנשטאָט צו זען זיינע הייזער און בריוזער". . .

און אפשר, אין זיין הינטער־באַוווּסטזיין, האָט אין אים געטליעט אַ בענקשאַפט צו דער מאַמע־ערד, וואָס ער האָט געזוכט צו דערשטיקן אין זיין גייעג נאָכן האַנדל־וואַנדל ? ווי מיר געדענקען ביי זיין אָנקומען אַהער, ווען ער איז די ערשטע נאַכט געלעגן אַן עלנטער, אַ פרעמדער ביים שכן אין שטאַל, האָט ער זיך דערזען אין דער וויזיע פון אַ יונגן בוים אין פעלד, וואָס שפּראָצט, גרינט, בליט, עס פּליסט מיט ברויט, מיט קרעפטן פון די ערשטע זיבן טעג, און איצט ווערט זיין אַמאָליקער גליקלעכער חזיון פאַרווירקלעכט מיט זיין אייניקלס גיין זיך באַזעצן אויף דער אַמעריקאַנער ערד ? ווער ווייס ? משמעות דורות טוען זיך דאָך באַגעגענען ? . .

ווי ס'זאָל נישט זיין, אונדז אינטערעסירט איצט גיכער דער יונגער עקשנותדיקער דייוויד, וואָס פּערזאָניפיצירט מיט זיך אונדזער דריטן דור אין אַמעריקע. ער, ווי דער חלוצים־דור אין ארץ־ישראל, וויל איבעררייסן מיט דער טראַדיציע פונם יידישן האַנדל־וואַנדל; ער וויל זיך באַהעפטן מיט דער אַמעריקאַנער ערד, וואָס ער באַטראַכט פאַר זיין מאַמע־ערד. דער דאָזיקער יונגער דייוויד, סימבאָליזירט מיט זיך אונדזער פיזישע פאַרוואָרצלונג אין דער נייער ערד. און צוזאַמען מיט אונדזער עקאָנאָמישער פאַרוואָרצלונג, וועט קומען אונדזער גייסטיקע פאַרוואָרצלונג. אַזוי גייט אונדזער געשיכטלעכער גאַנג אין דער וועלט.

אויף דעם גיט אונדז דער דיכטער, אפשר אומבאַוווּסטזיניק, אַ פריידיקן רמז, אַ ווונק, אַן אָנזאָג אויפן שוין לאַנג געזאָגטן : נצח ישראל — לא ישקר; אויך דאָ, אויף דער נייער ערד, וועלן מיר וווייטער שמידן

אונדזער גאָלדענע קייט; אונדזער קולטור המשך וועט אויך ווייטער זיך ציען אין דער אייביקייט, ווייל פאָלק ישראל איז אויך אַ טייל פון דער אייביקייט.

* * * * *

עס איז דערפאַר קיין חידוש נישט, וואָס דאָס דאַזיקע בוך "קענטאַקי" איז בשעתו אויפגענומען געוואָרן, סיי פון דער קריטיק און סיי פון דעם יידישן לייענער בכל אתר ואתר, מיט אַזויפיל פרייד און באַגייסטערונג. דאָס איז איינס פון די באַדייטנסטע ווערק אין דער אַמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור, אין דער יידישער פּאָעזיע, וואָס האָט אוועקגעלייגט אַ קינסט־לערישן יסוד פאַרן יידישן עפּאָס פון אונדזער גרעסטן יידישן ישוב אין אונדזער געשיכטע.

פון אָט דעם דאָזיקן ווערק שפּירט זיך דער שאַרפער, זאַפטיקער אַראָמאַט פון דער אַמעריקאַנער ערד, מיט אירע רחבותדיקע פּרעריס, מיט אַלע אירע פולסירנדיקע כוחות, וואָס רייסן זיך אפילו פון אירע ערד־געדערים און מיט דעם שטאַרקן הילכיקן טעמפּאָ פון אירע שטעט, וואָס רייסן זיך צו די הימלען.

און בשעת איר לייענט דאָס דאָזיקע בוך, אויף וועלכן ס'ליגט אויך אויסגעגאָסן פון אָנהייב ביזן סוף דער שטילער צאַפּלדיקער ביבלישער טאָן, גייט אויף אין אייך אַ פריידיק געזאַנג, וואָס איר זייט אויך זוכה געווען צו קאָנען זיצן אויף דער דאָזיקער גאָט־געבענטשטער ערד און זיך פילן ווי אַ טייל פון איר, ווי אַ טייל פון אַלע אירע פעלקערשאַפטן, וואָס האָבן מיט זייער שוויים און בלוט באַפרוכפּערט אָט די דאָזיקע ערד, ווי דער דיכ־טער זאָגט אין זיין אַריינפיר־ליד, צו זיין בוך "קענטאַקי":

"... כ'ווייס ס'איז די ערד נישט פאַרהייליקט מיט בלוט —
"ס'ליגט ערגעץ אַנדערש מיין טאַטע און רוט.
"אָבער מיין קינד פון איר ערד איז אַ שטיק,
"לויכט אין איר ליכט, איז באַגליקט פון איר גליק.

אין דער זעלבער צייט ווערן מיר אויך פאַרכאַפּט פונם גרויסן וווּנדער, פונם גרויסן קינסטלערישן כוח פון אונדזער יידיש־פּאָעטישן וואָרט, וואָס האָט געקאָנט אַרויסגעבן פון זיך אַזאַ שעמערירנדן פיל־קאָלירנדן דימענט — "קענטאַקי", וואָס ס'שפּיגלט אָפּ מיט זיך אַ היבשן טייל פון אָט דעם גרויסן וווּנדער — אַמעריקע.

* * * * *

דער דיכטער י. י. שוואַרץ איז אויך איינער פון אונדזערע ערשטע און באַדייטנסטע איבערזעצער פון דער העברעישער פּאָעזיע אין יידיש און פון מאַמע־יידיש אין לשון־קודש — העברעיש.

ער האָט געגומען א היבשן טייל פון אונדזערע פּיטנים, דיכטער פון מיטלאַלטער, פון דער שפּאַנישער גאָלדענער עפּאָכע, ווי רבי יהודה הלוי, שלמה איבן גבירול, משה אבן עזרא, יהודה אלחריזי א״א און זיי איבער־געזעצט, בעסער געזאָגט, זיי איבערגעדיכטעט אין זיין בוך ״אונדזער ליד פון שפּאַניע״.

אזוי ארום האָט ער, כדי ״שלא תשתכח תורה מישראל״, אויפגעלעבט פונדאַסניי א שטיק פון אונדזער אַלט־נייער העברעישער פּאָעזיע, וואָס אפילו פאר ״יודעי חן״ זיינען עס נייע, פרישע, צאַפּלדיקע לידער.

י. י. שווארץ האָט מיט זיין קינסטלעריש־פּאָעטישן וואָרט צוריק אויפגעלעבט פאר אונדז א פארגאַנגענע עפּאָכע, וואָס האָט אונדז איבער־געלאָזן א גרויסע ירושה און וואָס איז שיר נישט פארגעסן געוואָרן. א דאנק אים האָט דער יידישער לייענער ווידער דערשפּירט די גרויסקייט פון אונדזערע אַמאָליקע משוררי ישראל — די ״ארזי הלבנון״.

י. י. שווארץ האָט אויך חיים־נחמן ביאַליקן, דעם באַליבטן משורר לאומי, געבראַכט און דערנענטערט צום ברייטן עולם. צענדליקער ביאַליקס לידער און פּאָעמעס און אויך זיינע באַרימטע עסייען, האָט ער איבערגעזעצט אין יידיש. מיט זיין איבערזעצונג, וואָס איז אויך אייגן דיכטונג — האָט ער פאַרוואָרפן א קינסטלערישן בריק צווישן דער אַלטער און נייער העברעי־שער פּאָעזיע מיט דער פּאָעזיע פון יידיש. ווייל י. י. שווארצן איז ליב און טייער ביידע שפּראַכן — יידיש און העברעיש. פאַר אים האָט שטענדיק עקזיסטירט איין יידישע ליטעראַטור, געשריבן אין צוויי שפּראַכן, אין צוויי פאָרמען, אָבער זייער תוכן, זייער אינהאַלט און זייער ציל איז תמיד חד הוא — דער קיום האומה.

י. י. שווארץ האָט אין משך פון זיין שאַפן באַוויזן צו מאַכן אָט דעם לעגענדאַרן וווּנדערלעכן קפיצת הדרך: פונם קליינעם שטעטל אין דער ליטע האָט ער א שפּאַן געטאָן אזש צום ווייטן דיקסי־לאַנד — ״קענטאַקי״. און פון דאָרט האָט ער זיך אַוועקגעלאָזן אזש צו ״אונדזער ליד פון שפּאַניע״ און פון דאָרט באַוויזן אויפצושטעלן אויף זיין ליטעראַרישן וועג פארשיידענע אנדערע ליטעראַרישע קרעטשמעס, ביז ער האָט געלאַנדעט צוריק אין זיין געבורטלאַנד, ליטע, וווּ זיינע ״יונגע יאָרן״, ווי זיין ניי פּאָעטיש בוך הייסט, זיינען אַפּגעלאָפן.

אָט דער אימפּעטיקער ליטעראַרישער קפיצת הדרך זיינער, דאַרף אויך, בלתי ספק, פאַררעכנט ווערן צווישן די ״עשרה נסים״ פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע.

דעצעמבער, 1955.

אנדערע ווערק פון פאַליק זאָלף:

"אויף פרעמדער ערד"

בלעטלעך פון א לעבן, 524 זייטן

פרעמירט געוואָרן פון ייווא, 1943
געדרוקט אין וויניפעג, 1945

•

"די לעצטע פון א דור"

היימישע געשטאַלטן

339 זייטן, וויניפעג, 1952

•

קינדער־דערציילונגען א"נ "יאנקעלע" געדרוקט:

"דער חבר", ווילנע; "קינדער־זשורנאַל", "קינדער־צייטונג, ניו־יאָרק; קינדער ווינקל, "דאָס יידישע וואָרט", וויניפעג, און "ארגענטינערביימעלעך", בוענאָס איירעס.

•

אדרעס פון מחבר:

F. ZOLF

371 LANSDOWNE AVE., WINNIPEG 4, MAN.